STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08681

KLEYN-MENDELE

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליין-מענדעלע

טיפן, בילדער, דערציילונגען און גלייכווערטלאך

פון מענדעלע מוכר ספרימס ווערק

צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבן

פון

יוסף קוצענאָגי (קיץ)

ניו יארק, 1931.

KLEIN MENDELE :: SELECTIONS FROM THE WRITINGS OF MENDELE MOICHER SFORIM :: EDITED AND PUBLISHED BY JOSEPH KAITZ (KUTZENOGY) :: COPYRIGHT 1931 BY JOSEPH KAITZ ::

געדרוקט אין „נאבאט"-דרוקעריי, 129 לאפאיעט גאס, ניו יארק.

שלום יעקב אבראמאוויטש *

(מענדעלע מוכר ספרים)

אין א קליין, ארעם, פארוואָרפן שטעטל, קאפוליע, מינסקער גובערניע, איז מיט כמעט א הונדערט יאר צוריק — פאר זיכער איז דאס ניט, נאר ס'איז אנגענומען, אז דאס איז געווען דעם 20טן דעצעמבער, 1836 — איז ביי א חשובן באלעבאס פון שטעטל, א איד א למדן, ר' חיים משה ברוידע, געבוירן געווארן א זון — שלום יעקב. (דעם פאמיליע־נאמען אבראמאוויטש האט מענדעלע אנגענומען ערשט שפעטער).

שלום יעקב האט געקראגן די טראדיציאנעלע אידישע דערציאונג, נאר אזויווי זיין טאטע איז געווען א קענער פון תנך און א גרויסער בעל לשון, האט ער אויך דערלויבט זיין זון צו לערנען העברעאיש — א זאך, וואס האט זיך פאר יענער צייט גערעכנט פאר א שטיק אפיקורסות.

זיין ערשטער מלמד איז געווען יאסי ראובנס, וועלכער האט אויף אים געהאט א שטארקע ווירקונג און אין „שלמה ר' חיימס", אונטערן נאמען ליפא ראובנס, באשרייבט אים מענדעלע מיט סימפאטיע און ווארעמקייט.

ווען דער יונגער אבראמאוויטש ווערט אלט 14 יאר שטארבט ביי אים דער פאטער, נאכדעם, ווי ער איז אינגאנצן פארארעמט געווארן. ר' חיים משה האט א צייט לאנג געהאלטן די טאקסע אין שטעטל, נאר אזויווי די געשעפטן אין שטעטל האבן גענומען גיין שלעכט, איז געווארן א דוחק אין פרנסה, האט דער עולם אויפגעהערט צו קויפן פלייש און ס'האט נאטירלאך געטראפן דעם בעל־טאקסע. צוזאמען נאך מיט פארשיידענע צרות האט דאס ר' חיים משהן פאראומערט דאס לעבן, אים גרוי געמאכט פאר דער צייט, ער איז קראנק געווארן און אין א קורצער צייט ארום יונגערהייט — אינגאנצן אלט געווען א יאר צוויי־דריי און פערציק — געשטארבן.

---

* צוזאמענגעשטעלט לויט פארשיידענע קוואלן, באזונדערס זיך באנוצט מיט די ארבעטן וועגן מענדעלען פון א. אבטשוק, ש. ניגער און זלמן רייזען.

יוסף קוצענאָגי

די מוטער, אַן אָרימע אַלמנה מיט קליינע קינדער, האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע, איז געבליבן, אַז שלום יעקב זאָל אוועקפאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט לערנען און עסן „טעג".

צו־פּוס איז ער אוועק צוערשט קיין טינקעוויטש, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון קאַפּוליע, און דאַן קיין סלוצק, וואו ער האָט זיך אַפּגעוואַלגערט אין די ישיבות צוויי יאָר.

דאָס זיינען געווען פאַר אים צוויי שווערע יאָר, אַן אַ גראָשן געלט, געלעבט פון „טעג" ביי שטאָט־באַלעבאַטים, אַן איינענע, אַן נאָענטע מענטשן.

דאָס וואַלגערן זיך אין די ישיבות איז אים נמאס געוואָרן און ער קערט זיך אום צוריק קיין קאַפּוליע.

זיין מוטער האָט דערווייל חתונה געהאַט פאַר אַ מילנער אין דערפל מעלניק, לעבן קאַפּוליע, אין זייער אַ שיינער געגנט, און אַזוי ווי זיין שטיף־פאָטער האָט געדאַרפט אַ מלמד פאַר זיינע קינדער האָט שלום יעקב זיך באַזעצט אין דאָרף ביי אים און געקנעלט מיט די קינדער.

דאָס דערפל איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער און אין דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל האָט זיך צו אים באַוויזן „די מוזע". דאַ שרייבט ער (17 יאָר אַלט) די ערשטע באַגייסטערטע הימנען צו דער נאַטור.

די לידער זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. מענדעלע האָט זיי אָבער גערעכנט פאַר דעם אָנהויב פון זיין סינסטלערישער אַרבעט.

דאָס לעבן אין מעלניק עסט זיך אים גיך צו און ער פאָרט צוריק אַריבער קיין קאַפּוליע.

צו יענער צייט קומט קיין קאַפּוליע אַ איד אַ וואַנדערער, אַברהמל דער קרומער, וועלכער פאָרט אַרום מיט זיין בויד איבער אידישע שטעט און שטעטלאַך. ער דערציילט זיך אַן גליקן וועגן דעם רייכן וואָלין — אַזוי האָבן דענסטמאָל אידן גערופן גאַנץ אוקראַינע — וואו ס'רינט מילך מיט האָניק, וואו אידן ווייסן ניט פון קיין דלות. ער דערציילט וועגן דער פאַרגרעבטקייט פון אַט־אָ־די וואָלינער אידן און וועגן זייער אַפּשיי פאַר אַ למדן.

די אַלע וואונדערלאַכע מעשיות האָבן צערייצט די פאַנטאַזיע ביים 17 יעריקן אַבראַמאָוויטש און ער לאָזט זיך מיט דעמדאָזיקן אַברהמלען אין דער וועלט אַריין.

זיי האָבן דורכגעוואַנדערט שטעט און שטעטלאַך איבער גאַנץ אוקראַינע, גענעכטיקט אין הקדשים, אַדער בתי־מדרשים און געבעטלט נדבות איבער די הייזער.

שלום יעקב האָט דערזען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן צו דעם שנאָרער אַברהמל. צו־דערצו האָט ער אים

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש

אין לוצק געוואָלט פאַרשדכנען פאַר א גבירס א טאָכטער, כדי צו מאַכן דער־ביי שדכנות־געלט.

דוד א גליקלאַכן צופאַל האָט ער זיך אין וועג געטראָפן מיט זיינעם א יוגנט־חבר און אדאַנק אים איז ער ענדלאַך אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם שנאָרערס הענט און איז אָנגעקומען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

אין קאַמענעץ האָט ער אָנגעהויבן אַריינקומען צום באַקאַנטן העברעאישן און אידישן דיכטער אברהם־בער גאָט־לאָבער. ביי גאָטלאָבערן טרעפט ער א רייכע ביבליאָטעק מיט דייטשישע, רוסישע און העברעאישע ביכער.

פאַר אַבראַמאָוויטשן עפנט זיך א נייע וועלט, פון וועלכער ער האָט ביז איצט ניט געהאַט קיין שום פאַרשטע־לונג.

גאָטלאָבערס טעכטער האָבן אים אויסגעלערנט רוסיש, דייטש און חשבון און אין 1856 גיט ער אָפּ עקזאַמען און ווערט באַשטימט אַלס לערער אין דער קאַמענעצער אידישער רעגירונגס־שול.

מיט א יאָר שפּעטער האָט גאָטלאָ־בער אָן זיין וויסן אין „המגיד" (כ"ג תמוז תריז, 1857 נומער 31) אָפּגע־דרוקט אַבראַמאָוויטשעס ערשטע ליטע־ראַרישע אַרבעט „מכתב על דבר החנוך" — וועגן דער נויטיקייט צו לערנען אידישע קינדער רוסיש און אויך פאַר־קענטעניש.

און אַט אַזוי איז שלום יעקב אַבראַ־מאָוויטש געוואָרן א העברעאישער שרייבער.

אין קאַמענעץ האָט אַבראַמאָוויטש חתונה געהאַט. אָבער ס'איז געווען א חתונה אויס נויט, ווייל ער האָט קיין שום געמיינזאַמס מיט זיין פרוי ניט געהאַט און איז זיך מיט איר גאָר גיך צעגאַנגען.

אין יאָר 1858 האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם באַרדיטשעווער נאָטאַריוס, זלמן לעווין און ער האָט זיך באַזעצט אין באַרדיטשעוו.

דאָרט האָט ער זיך אין אָנפאַנג גע־פילט גאַנץ גוט, געלעבט אויף קעסט ביי זיין רייכן, היינטוועלטיקן שווער און זיך פאַרנומען מיט שטודירן און שרייבן.

אין יאָר 1860 האָט ער פאַרעפנט־לאַכט א זאַמלונג פּובליציסטישע אַר־טיקלען אונטערן טיטל „משפט שלום" און זיינע א צווייטע זאַמלונג איז אַרויס אין 1866 אונטערן נאָמען „עין משפט".

קיין שטענדיקע פאַרדינסטן האָט אַבראַמאָוויטש אין באַרדיטשעוו ניט געהאַט. א לערער־שטעלע האָט ער דאָרט ניט געקענט קריגן און ער האָט פאַר דער חברה „מפיצי השכלה" אי־בערגעזעצט אילאָווייסקיס „געשיכטע פון רוסלאַנד" אויף העברעאיש לויט דעם פּרייז פון 10 רובל א בויגן. ער

יוסף קוצענאָגי

זעצט איבער די ערשטע 3—4 בויגן און צוליב געוויסע אורזאַכן האָט די געזעל־שאַפט צוריקגערופן די באַשטעלונג.

ס'איז אַבראַמאָוויטשן אויסגעקומען אַרומצופאָרן איבער שטעט און שטעט־לאַך פאַרקויפן זיינע ווערק, אָבער די הכנסה האָט אפילו ניט געקלעקט צו דעקן די אויסגאַבן פון פּאַפּיר און דרוק־אַרבעט.

אין דער איינענער צייט (1862) שרייבט ער אָן אַ דערציילונג פון רעאַלן לעבן „למדו היטב", וועלכע איז פון אים שפּעטער פאַרגרעסערט געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין דעם ראָמאַן „האבות והבנים" (אַדעם 1868).

אַבראַמאָוויטש האָט דערפילט, אַז דאָס פאָלק פאַרשטייט ניט קיין העברע־איש און די פראַגע: „פאַר וועמען אַר־בעט ער?" האָט אים ניט געלאָזט רוען.

דער צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור איז דאַן געווען אַ גאַנץ קלאָגנעדיקער. דרוקן אַ אידישן בוך איז דאַן געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן. קיין פּרעסע אויף אידיש איז דאַן ניט געווען. די באַציאונג צו אי־דיש איז געווען אַ נעגאַטיווע. אַבראַ־מאָוויטש האָט געוואוסט, אַז ער וועט פאַרשוועכן זיין כבוד און זיין נאָמען צווישן אידן מיט שרייבן אידיש, אָבער דער חשק צוברייננען נוצן האָט גובר געווען די פאַלשע בושה און שלום יעקב אַבראַמאָוויטש רעדט איבער דעם אַרויסגעבער פון „המליץ" אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף אידיש. ס'ווערט גע־שאַפן די צייטונג „קול מבשר" און אין יאָר 1864 ווערט דאָרט געדרוקט מענ־דעלעס ערשט אידיש ווערק „דאָס קליי־נע מענטשעלע".

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך געחתמעט מיט אַ פּסעוודאָנים „סענ־דערל מוכר ספרים", נאָר אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר פון „קול מבשר", אַלעק־סאַנדער צעדערבוים, האָט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל רעכענען, אַז דאָס איז ער, האָט ער איבערגעמאַכט אַבראַמאָוויטשעס פּען־נאָמען פון סענדערל אויף מענדעלע מוכר ספרים.

„דאָס קליינע מענטשעלע" (אַרויס צוערשט אין בוכפאָרם, ווילנע 1866) האָט געהאַט זייער גרויס דערפאָלג און מענדעלע מוכר ספרים האָט געקראָגן אַ גרעסערן שם, ווי ס'האָט געהאַט ש. י. אַבראַמאָוויטש. „דאָס קליינע מענ־טשעלע" איז געוואָרן אַ שם־דבר, אַ טיפּ.

פון דענסטמאָל אָן, דערציילט מענ־דעלע, האָט ער זיך פאַרליבט אין אי־דיש, זיין נשמה האָט זיך באַהעפט צו דער אידישער שפּראַך און ער האָט זיך פאַרקנסט צו איר אויף אייביק.

באַלד נאָך „דאָס קליינע מענטשע־לע" האָט מענדעלע אָפּגעדרוקט דעם

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש

ערשטן נוסח פון „ווינטשפינגערל״ (וואַרשע 1865), „פישקע דער קרומער״ „אַ מעשה פון אידישע אָרימע לייט״ (זשיטאָמיר 1869) און „די טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָט בעלי־טובהם״ (זשיטאָמיר 1869).

די באַרדיטשעווער באַלעבאַטים האָבן זיך דערקענט אין „דער באַנדע שטאָט בעלי־טובהם״ און אין יאָר 1869 איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצן אין זשיטאָמיר.

אין זשיטאָמיר האָט ער געהאַלטן אַן עקזאַמען פאַר אַ ראַבינער, און הגם ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז אָבער זיין פּראָבע־דרשה געווען צו־ראַדיקאַל און ער האָט דעם ראַבינער־אַטעסטאַט ניט באַקומען.

אין 1869 גיט ער אַרויס אַן איבערזעצונג פון זשול ווערנס ווערק „דער לופט־באַלאָן״ — צוזאַמען מיט לייב בינשטאָקן, וועלכער איז דאַן געווען „געלערנטער איד״ ביים זשיטאָמירער גובערנאַטאָר און אין אַ יאָר אַרום דרוקט ער אָפּ „דער פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא״ (אָדעס 1870).

אין אַ פּאָר יאָר אַרום שרייבט ער אַז „די קליאַטשע, אָדער צער בעלי־חיים״ (וואַרשע 1873) און אין יאָר 1874 הויבט ער אַן יערלאַך אַרויסגעבן זיין „נוצלאַכן קאַלענדאַר פאַר די רוסישע אידן״, וועלכער דערשיינט 8 יאָר און איין יאָר „לוח הסוחרים״ (ווילנע 1879).

אין דער צייט האָט ער אויך אַרויסגעגעבן „דאָס יודל״, אַ מין פּירוש אויף דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק אין פערזן (וואַרשע 1875), „זמירות ישראל לליל שבת״, אַן איבערזעצונג פון שבתדיקע זמירות אין גראַמען מיט אַ פּירוש אויף העברעאיש (זשיטאָמיר, 1875); ער איבערזעצט תהילים אויף אידיש (דער מאַנוסקריפּט איז שפּעטער פאַרלאָרן געוואָרן) און שרייבט אַן איינע פון זיינע שענסטע ווערק — „קיצור מסעות בנימין השלישי״ (ווילנע 1878).

נאָך דעם ווערק קומט אַן איבעררייס אין זיין שאַפן, וועלכער דויערט גאַנצע זעקס יאָר. ער האָט ניט געקענט מער שרייבן צוליב מאַטעריעלער נויט און אויך פאַרשיידענע צרות.

ס'איז אַ סברא, אַז איינער פון יענע פאַרשוינען, וועלכע מענדעלע האָט באַשריבן אין דער „טאַקסע״, איז געקומען קיין זשיטאָמיר זיך אָפּרעכענען מיט אים. ער זאָל האָבן דערשמעקט, אַז אַבראַמאָוויטשעס אמתער פאַמיליע־נאָמען איז גאָרניט אַבראַמאָוויטש, אַז ער איז ניט פאַרשריבן אין דער קאַפּוליער „סקאַזקע״ און אַז ער איז, הייסט עס, אַ נ ע ל ם.

יוסף קוצענאָגי

ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַבראַ־מאָוויטשן, אַז ער זאָל אים „באַצאָלן", אויב ער וויל ניט האָבן אויף זיך קיין מסירה.

מענדעלע האָט געהאַלטן אין איין אָפּקויפן זיך פון דעם שטאָט־שייגעץ און האָט ניט געקענט פּטור ווערן פון אים. מענדעלען האָט דאָס געמאַכט נערוועז, אָנגעשראָקן און ס'האָט אויך פאַרגרעסערט זיין נויט.

נאָך אַ גליק, וואָס באַראָן האָראַצי גינזבורג האָט זיך דערוואוסט פון זיין שלעכטער לאַגע און אים אָנגעהויבן צו שיקן הונדערט רובל אַ חודש.

אין יאָר 1881 פאַרט מענדעלע אַרי־בער קיין אָדעס, וואו ער נעמט־אָן די שטעלע פון אַ פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער תלמוד תורה. אויף דער שטעלע פאַרבלייבט ער שוין ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז פאַרבע־סערט געוואָרן, אָבער ער האָט גע־מוזט אָפּגעבן דער אַרבעט אין שול אינגאַנצן זיין צייט און כמעט אַלע זיינע כוחות.

ער האָט דאָרט אַלעס געדאַרפט טאָן: פאַרוואַלטן די תלמוד־תורה, אַכטונג געבן אויף די לערער און אַליין אויך לערנען מיט די קינדער.

אין זיינע בריוו פון דער צייט באַ־קלאָגט ער זיך אויף זיין „פאַרשאָלטע־נער שטעלע", וואָס פאַרוואַנדלט אים אין אַ מין „קליאַטשע" און „לאָזט אים ניט איבער אַפילו קיין פרייע מינוט זיך צו פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש".

אין 1884 איז געפייערט געוואָרן זיין 25 יעריקער יוביליי פון זיין ליטעראַ־רישן שאַפן און מענדעלע גיט אַרויס זיין פינפאַקטיקע דראַמע „דער פּריזיוו" (פּעטערבורג 1884).

אויך פאַנגט ער אָן איבעראַרבעטן זיינע פריערדיקע ווערק. אַזוי אַרבעט ער אין 1888 איבער „פישקע דער קרומ־מער" און אין דעמזעלבן יאָר הויבט מענדעלע אָן צו דרוקן אין שלום־עליכמס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" „דאָס ווינטשפינגערל".

אחוץ דעם האָט מענדעלע דאַן זיך אומגעקערט צוריק צו דער העברעאי־שער ליטעראַטור.

ביסלאַכווייז האָט זיך אַרום מענדע־לען אין אָדעס געגומען שאַפן אַ קרייז פון פריינט, חברים, תלמידים און זיין הויז איז געוואָרן אַ ליטעראַרישער צענ־טער.

מענדעלע איז אין אָדעס געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור. שלום־עליכם האָט אים אָנגערופן „זיידע" און ער איז באמת געוואָרן דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור.

* * *

אין 1895 דרוקט מענדעלע אָפּ „די אַלטע מעשה". אין 1899 — „אַ סגולה צו אידישע צרות" און אין דעמזעלבן

שלום יעקב אבראמאוויטש

יאר הויבט מענדעלע אן דרוקן זיין לעצט קינסטלעריש ווערק „שלמה ר' חיימס", וועלכעס איז ניט פארענדיקט געווארן.

אין 1910 איז מיט גרויס פאראד גע־פייערט געווארן דער 75סטער געבורט־טאג מענדעלעס און דער 50 יאריקער יובילײ פון זיין ליטעראַרישן שאפן. די הויפט־פייערונג איז פארגעקומען אין אדעס, אבער אלע אידישע קרייזן האבן אנטייל גענומען אין דעמדאזיקן גרויסן יום־טוב פון אונדזער ליטערא־טור. טויזנטער טעלעגראמעס פון אלע עקן וועלט האבן אין דעם טאג באגריסט דעם גרעסטן אידישן שרייבער. פון קיעוו איז געקומען א ספעציעלע דע־לעגאציע מיט א פייערלאכן אדרעס פון די דארטיקע אידישע ארבעטער, און דער „זיידע" איז אזוי באגייסטערט גע־ווארן, אז ער איז צוגעגאנגען צו איי־נעם פון די דעלעגאטן און זיך מיט אים צוקושט.

אבער ניט קוקנדיק אויף אלע פיי־ערונגען און די אלע ווערק, וואס ער האט ארויסגעגעבן, האט דאס אלע ניט געמאכט מעגלאך, אז מענדעלע זאל זיך קענען באפרייען פון זיין שטעלע אין תלמוד תורה, און אין 1911 שרייבט מענדעלע צו ש. דובנאוו: „ביי מיר איז אלץ ווי געווען, אומזיסט האבן גע־שריבן וועגן מיר די שרייבער און מיך פארשאטן מיט באגריסונגען און אנ־גערעדט ניין מאס רייד. איך בין אלץ אן אייביקער קנעכט ביי דער תלמוד תורה"...

ערשט אין 1916 האט זיך דער צענ־טראל־קאמיטעט פון דער חברה „מפיצי השכלה" „דערבארעמט" אויפן אכציק יעריקן „זיידן" פון דער אידישער לי־טעראטור און באשטימט פאר אים א לעבנסלענגליכע פענסיע פון דריי טוי־זענט רובל א יאר.

אבער ס'איז שוין געווען צו־שפעט. דעם 8טן דעצעמבער 1917 איז מענ־דעלע געשטארבן.

מענדעלע האט געשריבן כמעט ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן.

דאס לעצטע מאל האט זיך מענדעלע געדרוקט אינם זאמלבוך „אונטערוועג־גענס", וואס איז ארויס אין אדעס באלד נאך דער רעוואלוציע. און אינם זעלבן יאר האט ער אין זיין באגריסונג צום אידישן ארטיסטן־צוזאמענפאר צוגעזאגט: „אז גאט וועט מיר שיינ־קען דאס לעבן, וועל איך קומען צו גאסט צו אייך, צו די קינדער מיט נייע ביכלאך, און וועל זיך לאזן זען מיט א גרויסן דרשה־געשאנק".

דעם 8טן דעצעמבער 1917, שבת, כ"ג כסלו, תרע"ח, פינף אזייגער פאר־נאכט, איז אפגעשטעלט געווארן דער מעכטיקער קוואל, וואס האט געהייסן מענדעלע...

יוסף קוצענאגי

מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט דוב־נאָוון: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, נאָר אויף אַן אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונם 19טן יאָרהונדערט, וועט איר זיך מוזן באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שיל־דערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דע־מאָלסטיקע דורות".

* * *

י. ל. פּרץ האָט געזאָגט וועגן מענדע־לען:

„געווען אַ מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט די ראָד, און זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן. אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ די ראָד ביז אויף היינטיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט די ראָד אין אונדזער ליטע־ראַטור און יעדער איינער פון אונדז, ביז דעם אינגסטן פון די יונגע, דרייט אַט די ראָד".

אָבער צום באַדויערן האָבן מיר אויך אָנגעפאַנגען צו פאַרגעסן דעם אַנטדע־קער פון אונדזער ליטעראַטור, פּונקט ווי דעם אַנטדעקער פון דער ראָד...

מ ע נ ד ע ל ע ן ל יי ע נ ט מ ע ן נ י ט.

איך האָב אין מיין אַרבעט „קליין־מענדעלע", אין דעמדאָזיקן בוך, וואָס ליגט איצט פאַר אייך, חשובער לעזער, געפּרואווט אייך ווייזן אַביסל פון דער שיינקייט, אַביסל פון דער גרויסקייט, וואָס געפינט זיך אין מענדעלעס ווערק.

וועט דאָס דערוועקן אין אייך אַ פאַרלאַנג, וועט דאָס אָנרעגן אין אייך אַ וואונטש צוצוגיין נעענטער צום קוואַל, אַריינצוקוקן אינם אָריגינאַל — אין גרויס מענדעלע — וועט דאָס זיין מיין שכר פאַר מיין איצטיקער אַרבעט.

יוסף קוצענאָגי (קיץ)

באַמערקונג:

אין אַלע אויסצוגן, אויסער אַ צוויי־דריי פאַלן, האָב איך זיך געהאַלטן פּינקט־לעך ביים אָריגינאַל.

אַרויסגעלאָזטע ווערטער זיינען באַצייכנט מיט דריי שטריכעלעך (— — —), אַריינ־געשטעלטע ווערטער — מיט קלאַמערן ( ).

מענדעלע וועגן זיך:

מיין נאָמען
מיין געבורט
מיינע יאָרן
מיינע סימנים
מיין פּרנסה
מיין „שוואַכקייט"
צוויי „מענדעלאַך"
מיין טבע
מיין וועלטל

מיין נאָמען

מענדעלע הייס איך! אזוי, רבותי, האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך מיינעם אַן עלטערזיידן פון דער מאַמעס צד, רב מענדעלע מאָסקוועך, זכרונו לברכה. מאָסקוועך האָט ער אין זיינע צייטן געהייסן דעריבער, ווייל, ווי מ'האָט געשמועסט, איז ער אַמאָל געווען אַזש אין מאָסקווע, איינצוהאַנדלען דאָרט רוסישע סחורה און האָט בשלום גיך־געשווינט זיך אַרויסגערוקט, שאַ־קיטש, איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט אַרויסצוויאַגן אים פון דאָרט. מילא, דאָס בין איך ניט אויסן, נאַרישקייטן!... אָבער אין מאָסקווע, ביים פּאַניע, איז ער, הייסט עס, טאַקע געווען. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אין זיין ווינקל אַ נאָמען און כבוד. אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געניטן, וועלטלאַכן מענטשן, וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט, און בשעת עפּעס אַ גויט, אָדער ביים אָנשרייבן אַ „פּראַשעניע", פלעגט מען זיך מיט אים מישב זיין...

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

מיין געבורט

אַליין בין איך אַ געבוירטיקער פון צבועטשיץ. אַ היפּש שטעטל, אַן עין־הרע, אין טעטריוועקער גובערניע, באַרימט מיט איר נוטסקייט און פרומקייט, ווי גלופּסק, אַשטיינער, מיט איר חכמה, קאַבצאַנסק מיט איר עשירות און טונעיאַ־דעווקע מיט אירע פאַבריקן—שיינע מקומות מיט מעלות אַזעלכע, ברוך השם, וואָס האָבן געווירקט און ווירקן אויף דעם אידישן צושטאַנד אין אונדזער ווינקל דאָ אין גלות....

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

מיינע יאָרן

אין מיין פּאַספּאָרט שטייען אפילו בפירוש מיינע יאָרן, נאָר אין אמתן וויפיל איך בין אַלט, קען איך, ווי געוויינטלאַך אַ איד, באַשטימט אייך ניט זאָגן. מיינע עלטערן, עליהם השלום, זיינען שטאַרק מחולק געווען אין דער רעכנונג פון מיינע יאָרן. נאָך זיי

קליין־מענדעלע

ביידע בין איך געבוירן געוואָרן צום ערשטן ליכטל, בשעת דער גרויסער שריפה פון די קלייטן, ניט היינט געדאַכט. נאָר נאָכן טאַטנס חשבון איז דאָס געווען, בשעת די גרויסע קרירות זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין אונדזער ווינקל, פּונקט אין דער צייט, ווען דער אַלטער, זכרונו לברכה, איז נסתלק געוואָרן. און די מאַמע פלעגט אויסווייזן, אַז דאָס איז גאָר געווען מיט אַ יאָר צוויי נאָך דער ערשטער בהלה, ניט פאַר אידישע קינדער געדאַכט. אַ סימן אַפילו, דענסטמאָל האָט זיך ביי אונדז געקעלבט די רויטע קו, און זאָת־חנוכה האָט זי פאַר אַ האַלב שטעטל געמאַכט מילכיקע וואַרעניקעס, פון וועלכע מ׳האָט געלעקט די פינגער און ליגן ביי אַ טייל אַלטע אידן ביז היינט נאָך אין טעם.

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

מיינע סימנים

די „פּרימעטעס", סימנים מיינע, אין מיין פּאַספּאָרט זיינען אַזוי: די וואוקס אַ מיטעלע; האָר, ברעמען — גרוי; אויגן קאַרע; די נאָז, דאָס מויל — מיטלמעסיק; די באָרד אַ גרויע; דאָס פּנים אַ ריינס; „אָסאָביע פּרימעטי", באַזונדערע סימנים — ניטאָ. דאָס הייסט אינגאַנצן פּראָסט, גאָרניט, אַ מענטש ווי געוויינטלאָך דאָס רוב מענטשן, ניט קיין בהמה, חלילה. אי איז דאָך די קשיא, גלאַט אַ פּאַספּאָרט גאָר אָן סימנים וואָלט דאָך אויך דאָס אייגענע באַוויזן. אַז מ׳איז אַ מענטש! וואָרים וואו האָבן דען בהמות פּאַספּאָרטן? דער תירוץ איז אָבער, אַז קשיות פרעגן איז קיין שכל ניט. הערסטו, דער גאַנצער שכל איז דאָך טאַקע, אָט נאָט אייך „פּרימעטעס" און ווייסט פאָרט ניט, וואָס פאַר אַ פּנים איך האָב... און באמת טאַקע, לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס וועט אייך אַרויסקומען, אַז איר וועט שוין וויסן, אַשטייגער, אַז מיין שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן; אַז מיינע נאָזלעכער זיינען זייער גרויסע און עפּעס משונה; אַז מיין פּנים נאָכן אָנבליק זעט אויס עפּעס ווי ביידזלאָך; אַז איך קוק, באַטראַכט, מאַך איך קורצזיכטיק אַביסל צו מיינע קליינע אויגן; און אַז איך פאַרצי די ליפּן, דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מילד־שטעכנדיקער שמייכל? נאַרישקייטן, כ׳לעבן!

מענדעלע וועגן זיך

מיין ווייב אפילו האט פאר דער חתונה אונדזוערער זיך ניט אינטע־רעסירט מיט אזעלכע קלייניקייטן. זי האט מיך גענומען ווי א בלינדן אתרוג, ניט אנקוקנדיק פריער מיין פנים, און — נישקשה!...

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

מיין פרנסה

האנדלען האנדל איך, ווי איר קוקט מיך אן, מיט ספרים.——— פון „רומל" אליין, דאס הייסט אין אונדזער מסחר: חומשים, סידורים, מחזורים, סליחות, קינות, תחינות, בענטשערלאך וכדומה, וואלט מען, ווי מ'זאגט, קיין וואסער אויף קאשע ניט געהאט, — מוז איך מיטפירן מיט מיר בערשעטער טלית־קטנס, דובראוונער טליתים, כפול־שמונהדיקע ציצית, רצועות, שופרות, הה'עלאך, מזוזה־לאך, וואלפציינדלאך, מייערקעפלאך, קמעלאך, קינדערשע בליטשקע־גע שיכלאך, יארמולקעלאך און אמאל מעש און קופערווארג. ווי ארום מעש און קופערווארג קומט צו ספרים, ווייס איך אליין ניט. נאר אט אזוי איז שוין ביי אונדז איינגעפירט, פונקט ווי א אידישער מחבר מוז אמאל זיין אויך א שטיקל שדכן, א פוילישער שמש אין א קלייזל מוז האלטן דארט א קליין שיינקל, ווי א קהלסמאן מוז אמאל אויף א שמחה, ביי די פיינע בריות, קאכן פיש און זיין א סארווער, ווי א רב אין א שטעטל מוז ציען זיין פרנסה פון הייוון...

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

מיין „שוואכ־קייט"

א מין חולשה אזוינע האב איך פון קליינווייז־אויף, ניט פאר אידן געדאכט, וואס אויף אונדזער לשון הייסט עס: „ליבשאפט צו דער נאטור", דאס הייסט צו אלצדינג, וואס וואקסט, וואס שפראצט, וואס לעבט, וואס געפינט זיך אין דער וועלט. עס ציט מיך, ציט, ניט פאר אייך געזאגט געווארן. עס קריכט מיר אמאל אין קאפ א צאצקעלע, א שיין פנימל, א בילד, א געשטאלט, — א גרעזעלע, אביימעלע, א רייזעלע, א פייגעלע. „סטייטש, סטייטש — וועט מען זאגן — ווי שעמט זיך עס ניט א איד מיט א בארד, א איד א נצרך, א באווייבטער, א טאטע פון קינ־דער, וואס באדארף בדרך הטבע זיך זארגן... טראכטן, קלערן

קליין־מענדעלע

תכלית־זאכן, און גאר אחוץ דעם, ווי שעמט זיך ניט גלאט סתם א איד אינזינען האבן נארישקייטן, נאטור־שמור, קונדייסקע זאכן?" אוי, איך ווייס, ווייס זייער גוט, אז אזוינס פאסט ניט פאר א אידן, נאר וואס זאל איך פארט טאן, אז דאס איז ביי מיר, לא עליכם, אזא געבוירענער מיחוש, א יצר־הרע, וואס ציט מיך דערצו ווי א מאגנעט. און נאך ווען? עפעס ווי אויף צו להכעיס דווקא אין דערמיט באשעפטיקונג מיט עפעס ערנסטס, וויכטיקס, ווי מיט אידישקייט, אשטייגער, און מיט פרנסה־זאכן. אינדערמיט „קידוש לבנה" — שטעלט איך פאר בשעת אין רעכטן זאגעניש, שאקלעניש צווישן דעם עולם, טוט עס מיך א צי ארויף צום שיינעם, אויסגעשטערנטן, בלויען הימל, מיט דער פארטראכטער, מרה־שחורהדיקער לבנה. מלא חן! עס טראכט זיך מיר, גאט ווייסט וואס. עפעס ליכטיקע צורות, שיינע, ברענענדיקע, פארטראכטנדיקע אויגן, א זיפצעניש, א שושקעניש. — — — תשליך גיין. אזא אידישע ערנסטע זאך, אפשאקלען זיך פון די עבירות, ווערט ביי מיר גאר א שיינער שפאציר. ביים זאגעניש דארט פארקוקן זיך מיר די אויגן אויפן טייך, אויפן גרינעם געמייזאכץ, וואס ציט זיך אים אויף יענער זייט העט־העט ווייט. איך זע פאר מיר א לויפנדיק, מורמלדיק וואסערל, שטאלץ־שווימענדיקע גענדז. ס'ווייעט א ווינטל, ס'שושקען זיך הויך־געוואקסענע „טשערעט", ס'שווינקט זיך, ס'שפיגלט זיך א הושענא־ביימל, אנבויגנדיק זיך מיט די צווייגלאך אין וואסער. לויטער איז דער הימל, די לופט — פריש, א נעטלאכע שטילקייט אין טאלן, בערגלאך און וועלדלאך ארום און ארום. ס'ציט עפעס ביי דער נשמה, ס'בענקט זיך, ס'גלוסט זיך— — — שפאצירן גיין איז מיין לעבן. אויפן פעלד, אין וואלד, בין איך גאר־ניט דער, וואס אין שטאט. בין פריי, אויסגעטאן פון יאך. וואס מיר ווייב, וואס מיר קינד, וואס מיר איד, וואס מיר זארג? איך שעפ נחת, גיי אוים פאר תענוג פונם אויבערשטנס ווערק, גיב מיך איבער מיט אלע חושים און ווער ווי דערטרונקען אין גאטס וועלט דער שיינער!...

אט דער יצר הרע, ניט פאר אייך געדאכט, אידישע קינדער, ער האט עס אין מיר געבורטשעט:

מענדעלע וועגן זיך

מענדל! דער האנדל מיט ספרים איז פאר דיר ווי אנגעמאסטן. פארזעץ באראי א משכון, דער ווייבס ביסל צירונג, קויף א פערד־און־וועגעלע, פאק עס אן מיט ספרים און לאז זיך אין דער וועלט. יא פארדינען, ניט פארדינען — אלציינס. דער עיקר איז דאס ארומפארן, דאס פארגעניגן, וואס דו וועסט האבן פונם אנזען־זיך, אנהערן־זיך אונטערוועגנס שיינע זאכן. פארנדיק אין וועג וועסטו זיך ליגן צעלייגט, ווי א מלך, ביי דיר אויפן וואגן און צוקוקן זיך צו גאטס קונציק־שיינע ווערק און זיינע באשעפענישן אויף בערג און טאלן, אויף פעלדער און וועלדער. דאס פערדעלע וועט זיך שלעפן פאמעלאכן פאמעלאכן, און דו וועסט זיך קוקן, קוקן. אזוי—אין וועג, און קומענדיק אין שטעטלאך, אין שטעט, וועסטו אנקוקן מיני אידן, שיינע צורות, פיינע בריות, מאדנע פארשוינען, אלערליי נפשות, געקרימטע רוקנס, פארריסענע נעזער, לאנגהענטיקע, קלער־פיקפינגערדיקע, אזוינע און אזוינע פונם אלטן און נייעם שניט, וועסט האבן פון זיי צו דערציילן מעשיות, צו זינגען און צו זאגן.

היינט פארשטייט איר שוין, אידישע קינדער?

אצינד, נאך א היפשער צייט ארומפארן אין דער וועלט, בורטשעט אין מיר ווייטער דער יצר־הרע. נעם — בורטשעט ער — נעם, דרוק־אפ מעשיות, וואס דו האסט צו דערציילן פון אידן, פאר דער גאנצער צייט ארומשלאנדרעווען דיינם צווישן זיי. נישקשה, זיי מעגן הערן, דאס וועט זיי חלילה ניט שאטן!

טא! — האב איך מיך באטראכט — מהיכא־תיתי, לאז זיין אזוי!

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים“

צוויי „מענדע־לאך“

איך פיל, אז אין מיר לעבן צוויי מענדעלאך, צוויי באשעפענישן, יעדע פארשיידן פון דער צווייטער; זיי וואוינען ביידע אין איין דירה, נאר זיי קוקן אויף אלצדינג מיט פארשיידענע אויגן, זיי האלטן בסדר מלחמה און קענען איינע ניט גובר זיין די צווייטע. אז איין מענדעלע וויינט, ווילט זיך דעם אנדערן לאכן, און וואס איינער לויבט, איז ביים אנדערן ניט ווערט א דרייער. איין מענדעלע איז א שוטה, א פתי יאמין לכל דבר, אז ער זעט מענטשן פיינען זיך

קליין־מענדעלע

פאר אים אוים מיט ווערטער, ריידן שיינע מליצות, מיינט ער: ס'איז תורת לאקשן. זאגט מען אים עפעס א גוט ווארט, איז דאס ביי אים א כשרע מטבע. ער גלויבט באמונה שלמה, אז אלע האבן אים ליב, אז אלע זיינען מוכן ומזומן צו העלפן אים אין זיינע נויטן. דער אנדערער מענדעלע איז גראד א חכם, אן איבערגעשפיצטער: ער פילט שטענדיק, וואו דער שוך קוועטשט. ער ווייסט, אז ניט אלצדינג, וואס ס'בלישטשעט איז גאלד, און א חזיר בלייבט א חזיר, כאטש ער מעג אפילו ארויסשטעלן דאס הינטערשטע פיסל. — — —

ויתרוצצו... האבן זיך די צוויי מענדעלאך געבוצקעט אינע־ווייניק, געריסן זיך און געפליקט, ווי די הענער, דערביי האבן זיי געמאכט אזוינע קולות, אז ס'האט מיר געלעבערט דעם מות. — — — דער שוטה מיינער טארעט מיך: צוריק, מענדעלע, צו די פארוויסטע, פארחושכטע, פאראומערטע אידעלאך — — — דארט וועסטו אויסרוען דיין פארמאטערטע נשמה! אבער דער חכם מיינער האט זיך אן מיר געהאלטן שטאל און אייזן — און האט געשריגן אויף א קול: שוטה שבעולם! וואוהין גייסטו? וואס וועסטו דארט טאן?...

„אין א שטורעם־צייט"

מיין טבע

מיין נשמה איז ווי א שותפותדיקע דירה, וואו יעדער שכן קער זיך ניט אן מיט דעם צווייטן. יעדער איינער טוט זיך זיין שליחות און איז א באזונדערע קראפט, א נשמה פאר זיך. יעדער איינער ווייזט זיך ארויס אין אזוינע געפילן, וואס זיינען א היפך איינער פון צווייטן. ניטא אין מיר קיין איינציקער געדאנק, קיין איינציקע אייגנשאפט, וואס ס'זאל ניט זיין לעבן איר אן אנדערע, א פארקערטע. אמאל שווייגן זיי, די פארשיידענע נשמות, לאזן איי־נע די אנדערע צורו — ווי א הונט מיט א קאץ, וואס האבן גע־מאכט שלום אויף א קורצער צייט — אמאל אמפערן זיי זיך, מאכן אינעווייניק א מהומה, ווי אין א דול־הויז, רחנא לצלן, און איך ווער צעמישט, צעטומלט, צערודערט: אט ווילט זיך דאס, אט ווילט זיך יענעס, אט טראכט איך אזוי, אט טראכט איך פונקט

מענדעלע וועגן זיך

קאפויר. — — — — אט, דאכט זיך, בין איך טרויעריק און אין דער־זעלביקער רגע ווילט זיך מיר שוין לאכן. אט שטיי איך מיט דרך־ארץ פאר איינעם פון אונדזערע גדולים, אונדזערע בארימטע מיוחסים, וואס האט באוויליקט זיך אראפצולאזן צו מיר פון זיין הויכקייט און מיר דערציילן, ווי רייך ער איז, ווי גרויס ס׳איז זיין חכמה, זיין תקופות, זיין צדקה, זיין גוטסקייט; איך הער, דאכט זיך, און גלויב אים, איך שלינג יעדעם ווארט ווי הייסע פארפל און האב משונה הנאה; אין דער איינענער צייט אבער פרעג איך זיך שטילערהייט: אפשר איז ער א שקרן? און ס׳קומט מיר ארויף א מחשבה:

— וואס וואלט געווען, אשטייגער, ווען איך שפיי אים אן אין פנים?

— אדער ווען איך גיב אים א גלעט איבערן בעקל און זאג מיט א געלעכטערל (צום חכם):

— ביזט א טיפש, א געשלייערטע האנדזיע!

— (צום גביר און בעל־צדקה): קמצן, כלב שבכלבים!

— (צום תקיף): נידעריקע בריאה, מיאוסער ווארעם, דו לעקסט דאך דעם שטויב פאר די פיס פון א שטארקן!

— (צום פוסטעפאסניק, וועלכער פארשטעלט זיך פאר א גרויסן געלערנטן): פוילע שמאטע, ליימענער גולם, מיסט־קאסטן, אל־טער שטרוי־זאק...

און ווי איך גיב דאס א טראכט, פיל איך שוין: אט־אט שטופט מיך עפעס צו טאן, צו האנדלען; די ליפן רירן זיך, די הענט קענען נים רוען...

ס׳קאסט מיך טרחה זיי איינצוהאלטן. אזוי איז מיין טבע.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

קליין־מענדעלע

מיין װעלטל

מיין װעלטל איז זייער א קליינס, דאַרטן בליען ניט קיין פּאַמע־ראַנצן, ס'װאַקסן ניט קיין רױזן, מ'זעט דאַרטן ניט קיין גרױס נחת, טייכן פון מילך און האָניק גיסן זיך דאַרטן ניט, און דער עולם דאַרט איז א געמיינער, נעבאַך, אידן מיט בערד און פּיאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, דאַרע, קװאַרע, געבױגענע, קראַנקע, צעבראָכענע, דער־שלאָגענע, פאַרשװאַרצטע, פאַרפינצטערטע, ציטערן פאַר דער שיין. ס'טוט מיר זייער באַנק, רבותי, באַאומרואיקן די אַלטע ביינער זייערע און מטריח זיין דידאָזיקע מתים, זיי זאָלן ארױף אױף דער סצענע מיט זייער כבוד אַליין. און װער װייסט, צי װעלן זיי זוכה זיין צו א שיינעם אױפנאַם. פיל פון אונדזערע אידעלאַך זיינען דאָך, נעבאַך, היינט זיך שטאַרק מצער איבער זייער נאָז, װאָס שטייט און שרייט אַרױס איטלאַכן, אַז דאָס זיינען פון די בני יעקב! װען זיי זאָלן נאָר האָבן די מעגלאַכקייט, װאָלטן זיי פאַרביטן זי אױף אַן אַנדערער — און פלוצלונג טראַגט דער רוח אַז פון ערגעץ אידן אַלטע, פאַרשימלטע, עפּעס משונה־װילדע מיט זייער שטיין, מיט זייער גיין, מיט זייער רײדן און מיט דעם גאַנצן באַנעמען זיך זייערן. מישטיינס געזאָגט, אַנצוטאָן זיי א בושה עפנטלאַך פאַר א װעלט מענטשן. ניין, ברידער, דאָס איז ניט קיין שפּאַס!

„שלמה ר' חיימס"

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים:

אונדזער לעבן
די אידישע געשיכטע
וועגן אידן
אידישע מידות
וואָלינער און ליטוואַקעט
„בע"
אידישער חן
„מה שמכם?"
דער אידישער קאָפּ
אידישע קליידונג
אַ אידיש זיפּצעלע
סליחות
אַ שאלה
מחדש זיין די לבנה
אַ סוכה
אַ שרפה
אַ מרחץ
די השכלה־מגפה
דאָקטוירים
אויפן וואָקזאַל
אין וואַגאָן
אידישע אכסניות
אַ באַגעגעניש
שכנים
די ישיבה
אין בית־המדרש אונטערן אויוון
אַלטער יקנה"ז
„סענדערל די אידענע"
סטעמפּעניו
שמואל דער טאַנדעטניק

אונדזער לעבן

וואָס האָט מען צו דערציילן פון אונדזער לעבן אין מיינע ציטן? איבעררא שט די וועלט מיט גרויסע, וואונדערלאַכע זאַכן האָבן מיר ניט; קיין גראַפן, פּריצים און יענעראַלן און גרויסע שי־סערס זיינען מיר ניט געווען; קיין ראָמאַנען מיט יפה־פיהס האָבן מיר ניט געשפּילט; שלאָגן זיך אויף דועלן, ווי די בעק, אָדער זיין עדות, צוקוקן ווי צוויי פאַרגיסן זיך דאָס בלוט, האָבן מיר ניט גע־פּרואווט, און טאַנצן קאַדרילן מיט נקבות אויף בעלער האָבן מיר ניט געקענט; און אויף גֶעיעג אין פעלדער, אין וועלדער, צו כאַפּן בערן, זיינען מיר ניט געגאַנגען; געררייזט אויף אייגענע שיפן איבער ימען, אויפצודעקן נייע אינדזלען, האָבן מיר ניט; מיט טענצערנס און אַקטריסעס האָבן מיר קיין געשעפטן ניט געהאַט, און איבער פּרימאַדאָנעס, אַנטאָן זיך די גרויסע פאַרגעניגנס, האָבן מיר זיך ניט אויסגעבראַכט. בקיצור, אַט די אַלע צימעסלאַך צום סיפור המעשה, עס זאָל זיין געשמאַק און נעמען דעם עולם — אַט דאָס אַלצדינג איז ניטאָ ביי אונדז. און אַנשטאָט דעם האָבן מיר: אַ מלמד מיט אַ חדר, מיט אַ באַהעלפער, שדכנים, חתנים, כלות מיט ווייבער, קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אַלמנות און יתומים; גשרפים, געפאַלענע און אָפּגעקומענע, אַלע סאָרטן אָרעמעלייט, אַרומגייענדיקע איבער די הייזער ערב שבת, ערב יום־טוב, ראש־חודש און גלאַט אַזוי זיך מאַנטיק און דאָנערשטיק; בטלנים, גבאים, מקבלים און צדקה־פּושקעס, אַלע מיני פּורעניות, דלות, קבצנות און אַלערליי מיני משונהדיקע פּרנסות—אַט דאָס איז אונדזער לעבן! — — — איז דען דאָ נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבן פון איטלאַכן באַזונדער זאָל זיך ציען פון געבוירן ווערן ביז דעם שטאַרבן אויף איין נוסח, ווי ביי אונדז אידישע קינדער? די דערציאונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען און דער ניגון צו יעדער תפילה, צו יעדן פּזמון, צו יעדן שטיקל פּיוט, צו יעדער סליחה — האָט זיין נעשטעלטן, געווויסן נוסח, אפילו עסן און טרינקען האָבן אויך איין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרן, אַז אין אַ גע־

קליין־מענדעלע

וויסער שעה, פריטיק־צונאכטס, אשטייגער, זאל א פאלק אידן עסן פיש, לאקשן און צימעס? שבת אינדערפרי — רעטאך און פעטשא, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אן אויסגעפריטע קאשע מיט א גרויסן מארכביין דרינען? אין דעם און דעם טאג זאל מען עסן קרעפלאך, אין יענעם טאג — המנטאשן און אין דעם טאג — א געלן קוילעטש מיט זאפרן? — — —

„שלמה ר׳ חיימס"

די אידישע געשיכטע

ווי באלד אברהם אבינו דערגרייכט מיט זיין שכל דאס אידיש־קייט, הויבט מיט אים זיך אן די סדרה „לך־לך" און ער ווערט פארוואגלט פון זיין פאטערלאנד: — — — יצחק — — — וואגלט זיך אויך ארום אין דער וועלט. יעקב — — — מאכט פליטה, לך־לך פאר עשון קיין חרן... פיר מאל חתונה געהאט, האט א טוץ קינ־דערלאך און לך־לך, לויפט ווייטער פאר לבן־הארמי... בלאנקעט זיך ארום ביז ער קומט אויף דער עלטער מיט זיינע קינדער קיין מצרים, וואו יוסף זיינער איז א חשוב אין הויף, א גרויסער פריץ, איין מוכר־תבואהניק אין דער וועלט! דאס, וואס די קינדער ישראל בלייבן דארט א לאנגע צייט זיצן, זיינען זיי דערינען ניט שולדיק, דער קאזאק האט זיי שוין געהאלטן. אין צרות און לייד האבן זיי זיך דערווייל געפרוכפערט און געמערט, שונאים אויף צושפרינגע־ניש. משה רבנו, וואס האט יונגערהייט שוין געוואוסט די סדרה לך־לך, פועלט דערנאך, דורך גרויסע וואונדער, אפצולאזן די אידישע קינדער אויף דריי טעג נאר פריי צו אטעמען, אבי פון פרעהס הענט ארוים, איז שוין די ברירה ביי זיי געווען צו מאכן אויף לעולם ועד לך־לך. זיי נעמען די תורה אויפן בארג סיני און לך־לך מיט איר א צייט מיט יארן אין דער מדבר. מיד, צעבראכן פונם שטענדיקן ארומ־וואגלען, קומען זיי אין דעם לאנד כנען, ווילן האבן דארט א מקום מנוחה, רוען אבער ווייניק, האבן גענוג אויסצושטיין שטענדיק פון שונאים ארום און ארום. דערנאך, אז גאט העלפט, זיי ווערן שטיקלאך באלעבאטים מיט א בית־המקדש, אידן זיצן זיך איז וויינגערטנער, אנגעליינט אונטער פייגנבוימער און מ׳הויבט ערשט אן וויסן פון א לעבן צו זאגן, צעפאטשן זיך פלוצלונג אידישע קינדער און צעפאלן אויף צוויי שטים מיט באזונדערע שטיבלאך, רייסן

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

איינער ביים אנדערן אפּ די קעפּ, ביז שלמנאסר, דער מלך פון אשור, זאגט די קינדער ישראל: לך־לך! אהין אזש, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט דארט און מ׳ווייסט עד־היום ניט, וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. שפּעטער קומט נבוכדנצר מלך בבל, זאגט אויך דעם שבט יהודה: לך־לך! און זיי ווערן פאר־וואגלט. אין א צייט ארום קערט זיך א טייל אידן צוריק ווידער קיין ארץ־ישראל, נאר ס׳איז א געמוטשעט לעבן. זיי זיינען קנעכט ביי זיך אינדערהיים, ווערן פארשווארצט אין עושר, אין כבוד, לייזן קלעפּ פון אנדערע און רייסן זיך ביי די נעז צווישן זיך. אזוי ציט עס זיך אין צרות און יסורים, ביז טיטוס הרשע חזרט מיט זיי גוט איבער לך־לך און דאס איז זיי ביז היינט געבליבן גוט אין דעם זכרון. זינגט דערנסטמאל גייט כסדר אלע די סדרה לך לך!...

„די אלטע מעשה"

וועגן אידן

שיינע אידן, כשרע אידן, מיטן פולן מויל אידן, ברענענדיקע אידן, צעבראכענע אידן, גילדרענע־אדער אידן, גלאט אידן, אזוי־זיך אידן און אויך־מיר־אידן.

„דאס ווינטשפינגערל"

א איד בלייבט א איד, צי ער וויל, צי ער וויל ניט...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

בעסער א איד אן א בארד, ווי א בארד אן א אידן.

„דאס קליינע מענטשעלע"

א איד, אז ער לעבט, איז גערעכנט ווי גארנישט, ערשט נאכן טויט ווערט ער געהויבן מיט א שיינער מצבה — אלע מתים באקו־מען דעם טיטל „תם וישר, א נדיב, א חכם".

„שלמה ר׳ חיימס"

קליין־מענדעלע

לאז מען פאלמעסן א אידן, וועט מען ביי אים אין אלע רמ"ח אברים זיינע געפינען ריידעלאך, דריידלאך. אדער זאל מעגלאך זיין, אשטייגער, א סוחר, א פאדראטשיק, וכדומה אין דעם קאפ אריינצוקוקן, וואלט אזש אנגעכאפט א שווינדל זעענדיק, ווי ס'דרייט זיך דארטן פאר דיר עפעס בווידעם־פאליצע, קאטשערע־לאפעטע, לאקשנברעטל, אינדיק־זוימען, קאטשקע־פוטער, סוכהשער אלע איניינעם . . .

„דער פריזיוו"

ווער הערט אידן, אז זיי שרייען? זיי זיינען נאר ווי די קא־מארן, זיי נעמען זיך צונויף זשוזשען, זשושען, דאכט זיך, גאר שרעקלאך, פרואוו נאר א מאך טאן מיט דער האנט, צעפליען זיי זיך אין אלע זייטן.

„די טאקסע"

א איד לעבט קיינמאל ניט צו דער צייט: ער עסט ניט און טרינקט ניט צו דער צייט, ער צאלט זיינע חובות און קומט מיט בקשות און טוט תשובה און האט חרטה — נאך דער צייט, ער נעמט א ווייב און האט קינדער און ווערט געעלטערט און שטארבט— פאר דער צייט...

„אין א שטורעם צייט"

א איד, אז ער וועט זיך ניט שטופן מיט גוואלד, וועט ער מענן אייביק ווארטן. — — — ער שטופט זיך, קוועטשט זיך מיט אלע קרעפטן, פארנט ארום, הינטן־ארום, אלציינס, דורך טיר אדער פענצטער, שטופט אזוי אפ דאס גאנצע לעבן און גארניט...

„דאס ווינטשפינגערל"

א איד, אבי ער שרייט זיך אביסל אוים מיט א פזמון, רעדט זיך אן ווי א פויק און זאגט אפ א סליחה, דאכט זיך אים, ער האט שוין אלצדינג אפגעטאן, און איז, ווי אן אפגעשמיסן קינד נאכן אויסוויי־נען זיך, ווייטער גאנץ צופרידן.

„פישקע דער קרומער"

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

ער איז, למשל, לופט אין אן אנגעבלאזענעם פאכירל, גיט מען אים א קוועטש דא, איז ער דארט, א קוועטש דארט, איז ער דא. אפשר ווילט איר, איז ער א קוועקזילבער, דא וואו ס'איז קאלט זינקט ער, פאלט ער אראפ און דארט וואו ס'איז ווארעם איז ער געהויבן, שטייגט ער ארויף, ארויף.

„אויף אסיפות“

א איד האט קיין צייט ניט, א איד יאגט זיך שטענדיק...

„אין א שטורעם צייט“

אידישע מידות

אלצדינג, וואס ער געברויכט דא אויף דער וועלט, (איז) ניט צוליב דערהאלטן דעם גוף און פון זיין הנאה וועגן, נאר צוליב דעם, כדי מקיים צו זיין א מצוה. זיי האבן געגעסן, אשטייגער, אין א וואכנדיקן טאג, כדי צו מאכן „המוציא“ און בענטשן, און שבת אויך כדי מקיים צו זיין „שלש־סעודות“. האבן פארזוכט זומער די פירות כדי מאכן ברכה מיט א „שהחיינו“. וויין האבן זיי געטרונקען פסח מקיים צו זיין ארבע כוסות. זיי האבן חתונה געהאט ניט ווי אלע אנדערע לייט, נאר אויפן אידישן שטייגער, כדי מקיים צו זיין די ערשטע מצוה. אין באד זיינען זיי געגאנגען, ניט זיך צוליב, נאר לכבוד שבת, לכבוד יום־טוב. מיטן נעגלוואסער און די הענט וואשן זיינען זיי ניט אויסן געווען אזוי דעם פוץ, דאס ריינקייט, ווי די ברכה „על נטילת ידים“, דעם „אשר יצר“. און א פשיטא שוין ניט קיין נויטיקע זאכן, וואס גלאט שיין פאר דעם אויג וכדומה נאך אזוינע תענוגים — דערפון האבן זיי כלל וכלל ניט געהאלטן. זאכן, לייוונטענע תחתונים, א טלית־קטן און א קאפאטע, איינע א וואכנדיקע און איינע א שבתדיקע, אט דרינען איז באשטאנען זייער גאנצע גארדעראב. אידן זיינען ניט קליין געווען גיין צופוס, ניט האבנדיק קיין קארעטעס מיט פערד. זיינען אויסגעקומען אין שטוב אן שיינע, טייערע מעבל, אן פארקעטן און מירמלשטיינערנע זיילן, אן שווייצארן מיט טרעסטן, מעשענע קנעפלאך און אן גלעקלאך ביי די טירן. די טיר איז געשטאנען אפן, ווער עס האט

קליין־מענדעלע

באַדאַרפט, איז פריי אַריין. איז יענער פאַרגאַנגען העט אַהין צום באַלעבאָס, צו דער באַלעבאָסטע אין שלאָפצימער, איז אויך געווען נישקשה. — — — די צייט איז זיך נעגאַנגען איר וועג, אידן זיצן זיך, וואו זיי מעגן, גאַנץ אידישלאַך — די יאַרמולקעס — מיט די היטלען אויף די קעפּ, שוויצן געשמאַק, און גאַרניט! וואָס הערן זיי אַ וועלט? איין איד שטעלט אַרויס אַ פייג דעם אַנדערן, קליין און גרויס אַלציינס. כל ישראל אחים — אַלע גלייכע פּריצים!...

„דאָס ווינטשפינגערל"

מיר אידן פאַרשטייען זיך אויפן וואונק.

„ספר תבהמות"

די אידן צווישן זיך רייסן זיך פאַר כבוד, קריכן איינער דעם אַנדערן אויפן קאָפּ, בלאָזן זיך און זיינען מאָדנע בעלי־גאווהניקעס. אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט אחינו בני ישראל. קומט זיי אָבער אויס צו באַגעגענען זיך מיט אַ גוי, זיינען זיי שטיל, ווי די קאַטינקעס: מ׳זידלט זיי — און זיי שווייגן, מ׳שפּייט זיי אין פּנים אַריין — און זיי מאַכן זיך ניט ווויסנדיק, מ׳גיט זיי קלעפּ — און זיי בוקן זיך און קניען מיט גרויס הכנעה...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

ביי אידן איז ניט אַזוי וויכטיק דער פּסוק ווי דער דרש...

„די אַלטע מעשה"

דער אַריינגאַנג פון אַ אידן אין אַ טיר איז, ווי דער שטייגער זיינער איז, שטיל, געבויגן מיט הכנעה, מ׳זאָל דאָס הערן עפּעס אַ שאָרך און פלוצלונג וואַקסט ער אויס פאַרן באַלעבאָס ווי פון דער ערד, עפּעס נאָר טאַקע ווי אַ בער, „וואָס טוט מען לונגן צו זיין פאַרצור־קונג", צו דערטאַפּן אים פלוצלונג, איידער ער וועט האָבן צייט פון אים אַנטרונען צו ווערן.

„שלמה ר׳ חיימס"

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

וואו צוויי איז (ער) אויך א דריטער. און מיט דעמדאָזיקן כלל שטעקט א איד, נעבאך, אריין דעם לעפל צו יענעם אין שיסל, שטופּט זיך אריין, וואו ס'איז ענג, קריכט אריין מיט א פוס צו יענעם אין ביטל, כאַפּט א קוק צו יענעם אין מחזור, שפּאַרט זיך צו ווי־ס'איז צו יענעם אויפן גאַלעגער, קוועטשט זיך אריין אין בויד צווישן פיל אָנגעזעצטע פּאַרשוינען און שטערכעט, נע־באך, אָפּ דאָס גאַנצע לעבן. עט, וואָס מאַכט עס אויס? אבי אי־בערקומען; אבי אָפּפּאַטערן, מישטיינס געזאָגט, דאָס עסן; אבי כאַפּן א דרעמל; א נאַכט איבערצוּלעבן; אבי יוצא זיין און ווי־ס'איז דערהאַלטן די נשמה.

„דאָס ווינטשפינגערל“

א איד האַלט עס פאַר א מוז צו פאַרפאַרן צו זיינעם, כאָטש א גאַנץ ווייטן, קרוב, ווייל ווען ניט — וועט ער אים, חלילה, באַ־ליידיקן, און יענער ווידער קען אויף אים ברוגז זיין.

„דאָס ווינטשפינגערל“

לאָז נאָר איינער זיך רירן, רירט זיך מיט אים, כסדר איינער נאָך דעם אַנדערן, א גאַנצע עדה אידן. איין אידן פאַר זיך אליין איז זעלטן צו באַקומען. אידן גייען אויפן צענדליק, מניינים־ווייז אינ־איינעם. ניט ווייל דאָס איז א וואָלוועלע סחורה, ווי אונערקעס, אָדער רעטיכלאַך, אשטייגער, וואָס צען שטיק פאַר א גראָשן; נאָר פּשוט דעריבער, ווייל אידישע נשמות קלעפּן איינע אין דער אַנ־דערער, ווי הערינג צונויפגעשטיקט אין א פעסל פעסט, שווער זיך אָפּצורייסן. טוט עפּעס וואָס־ס'איז איינער, טראָגט עס אונטער באַלד דעם אַנדערן. קוים עפנט אימיצער א מויל צום ריידן, פאַר־כאַפּט זיך און שלאָגט אים איבער יענער. וויל טאָן א טריט גרונם, פּלאָנטערט זיך אים פאַר די פיס גימפּל, און לאָז אין א ווינקעלע ערגעץ זיך באַהאַלטן בערל, וואַקסט דאָרט, ווי פון דער ערד, אויס יאָנקל־שמערל...

„דאָס ווינטשפינגערל“

קליין־מענדעלע

(אידן) זיינען בטבע צו־גוט, אז זיי זאָלן זיך קענען איינהאַלטן, זיי זאָלן יענעם ניט לערנען, אים ניט געבן קיין עצות, באַטש יענער בעט ביי זיי ניט אַזאַ טובה. דאָס איז ביי זיי די אייגענע גוטסקייט, ווי ביי אַ קו, להבדיל, וואָס וויל געבן דעם קעלבל זויגן מער, ווי אין יענעם קען אַרייַן; אַז אימיצער וויל ניט זייער חכמה און זאָגט זיי: איך וויל מיר גיין מיין אייגענעם דרך, וועלן זיי אים דאָס ניט מוחל זיין ווייל ער וועט לעבן.

„צוריק אַהיים"

דאָס קעפּעלע נאָר ס'אַרבעט: טראַכט, טראַגט, פליט און אין זינען איז אים נאָר תכלית־זאַכן, אַזוינס, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, אַ קיום — עולם הבא, יענע וועלט...

„דאָס ווינטשפינגערל"

אַ איד איז איין גרויסע סתירה, אַט ווי ער שטייט און גייט, אַ לעבעדיקער „ווידעראַנאַנד": אַ חכם און אַ טיפּש; אַ בעל־חשבון, ווי אַן אויסגערעכנטער סוחר, און פול מיט פאַנטאַזיעס, ווי אַ קינד; אַ ברענענדיקער ווי פייער, און אַ קאַלטער ווי אייז; אַ מאמין לכל, און אַן אפיקורס; אַ למדן און אַן עם הארץ; אַן עניו, און אַ מגושמדיקער גדלן; אַ שעמעוודיקער, און אַ מחוצף; אַ תקיף און אַ ניונקעלע; אַ ניט־פאַלגער, ווען עס הייסן אים לייטי־שע מענטשן, און אַ זריז צו מקיים זיין, ווען ס'באַפעלט אים דער שוואַרץ־יאָר ווייסט ווער; אַ וויי‌כער, און אַ האַרטער; אַ גיבור, ווי אַ לייב, און אַ שרעקנדיקער ווי אַ האָז; אַ בעל־רחמנות און אַן אכזר; אַ וותרן, און אַ קמצן; אַן אויסגעפּוצטער, און אַ שלעפּער...

„אין אַ שטורעם צייט"

קושן זיך איז ביי אידן ניט קיין איינפיר. ווי נעמט מען עס עפּעס גלאַט אַזוי און מ'קושט! בפרט אַ קינד אַ טאַטן!...

„דאָס ווינטשפינגערל"

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

בטחון איז א אידישע זאך. מיט בטחון איז יעקב אבינו מיט זיין שטעקל דעם ירדן איבערגעגאנגען; מיט בטחון, זעסטו, עפּענען דא אידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבן; אלצדינג, וואס דו זעסט דא, איז אלץ לויטער בטחון; אפילו טרעפּ און סטעליעס, ווי אויך פיל גרויסע הייזער, האלטן זיך דא גאר אויף ב ט ח ו ן...

„מסעות בנימין השלישי"

א איד לעבט מיט אימפעט. די נויט טרייבט אים צו לויפן, ארומצוויאגן, צו טאן, צו ארבעטן. זאל נאר שוואך ווערן א קאפּעלע דער אימפּעט, בלייבט ער ווי א דערהרגעטער. יום־טוב דערפילט א איד זיינע וויטיקן, דענסטמאל האט ער געוויינטלאך צייט קראנק צו זיין...

„פישקע דער קרומער"

דאס גיין ביי אידן איז עפּעס אנדערש, ניט ווי ביי לייטן. דער קאפּ זיינער איז אים אין הימל, ווי דער לאקאמאטיוו פליט ער פאראוים, און די פיס שלעפּן זיך אים נאך, ווי די וואגאנען, אויף דער ערד...

„דאס ווינטשפינגערל"

דער טאג פון געבוירן ווערן איז ביי אידן ניט קיין יום־טוב. יארצייט פון יום־המיתה — דאס געדיינקט א איד, אבער יארצייט פונם געבורטסטאג — צו וואס?

„דאס קליינע מענטשעלע"

דאנערשטיק איז א שווערער טאג פאר א אידן. דאנערשטיק בעט די ווייב געלט אויף שבת. אז ארעמער איד דאנערשטיק איז דאס, וואס א בייזע פליג, א זלידנע, סוף זומער: ס'קריכט, זוכט, גישטערט, שטעקט אריין דאס נעזל אין איטלאכער זאך, איינשטעלנדיק זיך פּשוט דאס לעבן...

„דאס ווינטשפינגערל"

קליין־מענדעלע

געשעפט — דאָס בעסטע, איינציקע מיטל ריידנדיק צו מאַכן אַ אידן. אַ איד, בשעת דער גסיסה אפילו, קוים דערהערט ער נאָר עפּעס געשעפט, ווערט ער לעבעדיק, און דער מלאך־המות אפילו קען דענסטמאָל צו אים אויך ניט צוטרעטן.

„פישקע דער קרומער"

פלייש — דאָס איז ניט קיין אידישע זאַך.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

דאָס רייבן זיך אַליין ארום עפּעס אַ זאַך, האָט שוין אַ גרויסן ווערט ביי אידן.

„פישקע דער קרומער"

לעבעדיק אַ איד נאָך כבוד, מוז ער דערווייל מאַכן צונישט אנדערע...

„ספר תבהמות"

שוויצן איז אַ אידישע זאַך. ניטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב, וואָס אַ איד זאָל פריער ניט גוט שוויצן. ווער, אונטער אַלע פעלקער פון די שבעים אומות, שוויצט נאָך אויף דער וועלט מער ווי אידן ?...

„פישקע דער קרומער"

ס׳איז ניט גלייך, אז מ׳שוויצט מיטן גוטן ווילן, צי אז מ׳מוז שוויצן.

„שם און יפת אין וואַגאָן"

דער פּוילישער איד האָט פיינט דעם ליטווישן אידן ; די פּרוד־מאַקעס, די גאָט־סטראַפּטשעס, קענען ניט אָנקוקן די היינטוועלטיקע אפיקורסים, און דער גוי האָט פיינט אַלע אידן צוזאַמען, סיי ליט־וואַקעס, סיי היימישע, סיי אויפגעקלערטע, סיי פרומע.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

צו שטעכעניש איז שוין א איד געוואוינט און מאכט זיך ניט־וויסנדיק.

„דאָס ווינטשפינגערל"

א איד, אבי ער האט איינמאָל גענעבן א בראָך די מיאוסע תאווה פון עסן, מאַכט אים שוין די אכילה אזוי ניט אוים, און קען דאָס גאנצע לעבן זיינס אפקומען במעט מיט גאָרניט. אי היינט נאָך, אין אונדזערע צייטן, געפינען זיך זייער פיל אידן, ביי וועלכע ס'איז דאָ נאָר א סימן פון מאגנס, טאקע עטוואס, ווי א כזית. און ס'איז דאָ א גרויסע האָפנונג, אז מיט דער צייט — — — וועלן זיי פונם עסן אָלץ מער און מער זיך אפגעוואוינען, ביז ס'וועט קומען דערצו, אז ביי אידן, אין די שפּעטערדיקע דורות, וועט, חוץ מערידן, אפילו אויך קיין סימן פון קיין מאָגן ניט זיין. אידן וועלן דענסטמאָל, אין דער וועלט, זייער א שיין פּנים האָבן...

„פישקע דער קרומער"

— שבת, פרייטיק־צונאכטס, קום איך צו שמואלן אין שטוב פארלעשן די ליכט — דערציילט יורקע דער שבת־גוי — אויפן טיש ביי אים איז חלה, קעלעשקעלאָך, א פלעשל בראָנפן, שארפער, טאקע וואָס בראָנפן הייסט, און דער ריח פון פיש פארגייט מיר אין דער נאָז. שמול זיצט זיך ביים טיש, דאָס פּנים שיינט אים, און ער טערעלייקעט, מורמלט־אונטער, עפּעס קלאָגנדיק, וויינענדיק, עפּעס בעט ער זיך ווי א קינד, אָלץ טאקע: אוי־אוי, טאטעלע, מאמעלע! איך ווייס ניט וואָס ער וויל! חלה איז דאָ — עס! בראָנפן איז דאָ— טרינק! צו וואָס, הא, וויינען? באָסיע זיינע אבער ווייסט, גייט זי און ברייננגט אים צימעס. עסט ער אָפּ דעם צימעס און ווייטער טאקע געטערעלייקעט, ווייטער טאקע געוויינט. איך שטיי, וואונדער מיך און דאָס האַרץ רייסט מיר פאר רחמנות אויף אים.

„דאָס ווינטשפינגערל"

קליין־מענדעלע

ווילנער און ליטוואקעס

דער ווילנער האט א שמאלן מוח און א ברייטע קישקע; די פאנטאזיע טראגט אים, דאס בלוט קאכט; תורה לערנען האט ער פיינט, אבער צו די סודות פון דער תורה האט ער גרויס חשק; ער גלייבט אין א בעל־מופת, א איד צי א גוי, להבדיל, אלציינס; א ליאדע טרעפער איז ביי אים פארעכנט פאר א שטיק נביא, א ציגיינער — פאר א גאנצן בלעם; ער עסט ווייסע בולקע און טרינקט א גלעזל וויין אויף ד ע ר וועלט, אויב ער האט נאר; דער רייכער יאגט זיך נאך א שיינעם פאיעטאן מיט ברענענדיקע סוסים מיט א יפה־פיה דערצו. זיך אליין האלט דער ווילנער פאר א גרויסן חכם, א קאפמענטש... דער ליטוואק, פארקערט, האט א ברייטן מוח און א שמאלע קישקע; ער פליט ניט אין הימל אריין, ער יאגט זיך ניט נאך פארבארגענע זאכן, ער לערנט גמרא און פארנעמט. עסן עסט ער טרוקן ברויט, איינגעטונקען אין ראסל פון הערינג. טרינקען טרינקט ער קאלטע וואסער, דערפאר טרייסט ער זיך מיט א האפנונג אויף א שטיק שור הבר און א פאס יין המשומר — אויף י ע נ ע ר וועלט. דער רייכער ווייסט ניט פון קיין קארעטעס מיט קיין פאיעטאנען, ער גייט זיך פאוואלינקע צופוס, במחילה. אז די ליטוואקעס האלטן זיך פאר תלמידי־חכמים און גרויסע קאפמענטשן — איז איבעריק צו זאגן.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

„בע"

„בע" איז ביי אונדז אידן א טייער ווארט, וואס האט זייער פיל טייטשן און איז א תירוץ אויף אלע קשיות. „בע" קען מען גע־ברויכן אלע צייט אין א שמועס און עס זאל תמיד פאסן. א איד קען מיט „בע" זיך תמיד אויסדרייען, ווען ער איז נעבאך אין דער קלעם און שטייט שמאל. מיט „בע" סילוקט א שווינדלער, אז אנ־זעצער, אז די בעלי־חובות טרעטן־צו מיט שטארקע טענות. „בע" שטייט א אידן ביי אין דער נויט, ווען ס'באווייזט זיך, אז ער איז נעבאך א ליגנער. מיט „בע" קען מען אפענטפערן יענעם, וואס דולט אן א קאפ צוויי שעה, ניט צו הערן, ניט צו פארשטיין אפילו איין ווארט פונם גאנצן שמועס. מיט „בע" קומט אפ א שיינער, צעברא־

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

בענער איד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט א בים ; א שיינע־מורנו, ווען ער טוט אַפּ א מיאוסע מעשה ; הכלל, „בע" האָט אַלערליי טעמים, משונה־ווילדע פּרושים, ווי אשטייגער : רוף מיך קנאַס־ניסל, לאָר מיך צום ונתנה־תוקף, מהיכא־תיתי, קוממיות, גע־שמאַיע דיר פּאַרפול, און נאָך טייטשן אַן א צאָל. דאָס אידיש קעפּל שטויסט זיך תמיד אָן, וואוהין דאָס וואָרט „בע" צילט, און פאַר־שטייט דעם רעכטן פּשט דערפון, ווי ס'פּאַסט צום ענין.

„פּישקע דער קרומער"

אידישער חן

און ווי איך גיי אזוי צו מיין בן־זוג, קערעוועט ער זיך אויס צו מיר און גיט א שפּיי אין מיין זייט אריין : דאַנקען גאָט, הייסט עס, געפּאַטערט דאָס דאַוונען. פון דעם שפּיי אַליין און פון דער פרומער מינע, וואָס מיין איד האָט דערביי געמאַכט, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט קיין גראָבער יונג, קיין עם־הארץ. אזוי קען שפּייען נאָר אַן איידעלער איד, א בן תורה — און וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? טאַקע דערמיט אַליין האָט ער תיכּף נושא־חן געווען אין מיינע אויגן, אזוי ווי ער שטייט און גייט, מיט די קנייטשן אויפן פּנים, מיט די צעקאַשעטע גרוי־שוואַרצע באָרד און פּיאות, מיט דעם הויכן שטערן, פאַרלאָפענע אייגעלאַך, דעם קנאָפּ אויפן גאָרגל און דעם איינגעבויגענעם רוקן. וואָרים, אַז מ'שמועסט פון א אידן, איז דאָך ניט שייך צו פרעגן, צי ער איז שיין, צי ער איז שטאַלטנע. עט ! ניט קיין אידישע זאַך. דעם אידנס חן איז אין זיין אידישקייט.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

„מה שמכם ?"

„מה שמכם ?" — דאָס איז די ערשטע שאלה, וואָס א איד פרעגט דעם אנדערן, גאָר א ווילד־פרעמדן, באַלד ווי ער באַגעגנט זיך מיט אים און שטעקט אים אָפּ א „שלום־עליכם" ! קיינעם קומט בשעת מעשה אויף דעם געדאַנק גאָרניט ארויף, אַז מ'זאָל זיך אנטקעגן דעם אָנרופן, אשטייגער : „וואָס איז אייך, ר' קרוב, אזוי געלעגן צו וויסן, ווי איך הייס ? מיר ווילן דען איינער מיט דעם אַנ־

קליין־מענדעלע

דערן זיך משדך זיין? איך היים, ווי מ'האט מיר א נאמען געגעבן און לאזט מיך געמאך!" ניין, אדרבה, די שאלה „מה שמכם" איז א גאנץ נאטירלאכע זאך, עס ליגט אזוי אין דער טבע, אקוראט ווי א טאפ צו טאן יענעמס נייע קאפאטע מיט א פרעג: מה יקר? וואס קאסט אן ארשין? ווי צו נעמען אומגעבעטן א פאפיראס בשעת יענער עפנט זיין טאבאק־פושקעלע אויף; ווי ארייננצושטעקן א פינגער אין יענעמס טאבאקערקעלע און נעמען א שמעק טאבאק; ווי ארייננצוקריכן מיט א פוס צו יענעם אין ביטל, איינטונקען דארט דאס פארשמאלצעוועטע פאטשיילכן און רייבן דערמיט דאס לייב; ווי ארייננצוקוקן הינטן־ארום צו יענעם אין מחזור אריין און כאפן זיך, פון דרך־ארץ וועגן, איבערמישן א בלעטל, בשעת יענער האט נאך ניט רעכט צעקייט דארט די ווערטער פון דער תפילה; ווי לאזן זיך צוגיין, וואו צוויי מענטשן שמועסן צווישן זיך, צולייגן אן אויער, אונטערצוהערן זיך צו זייער שמועס; אדער ווי א פרעג צו טאן איינעם פלוצלונג פון דער העלער הויט מכוח זיינע געשעפטן, אנווארפן זיך אויף אים מיט עצות, הגם יענער געניייטיקט זיך אין זיי כלל ניט און קען אן זיי, ווי אויך אן אים, זיך זייער גוט באגיין. — — —

„הקדמת מענדעלע מוכר ספרים"

דער אידישער קאפ

דאס אידישע קעפל איז עפעס א דראט־ארבעט, פליט הויך אינדערלופטן, עס דרייט, קערט וועלטן... — — — פארדרוקט א איד דאס היטל, ווערט געבוירן א פלאן! גיט ער א קנייטש דעם שטערן, שפרינגט ארויס א פריש־צאפלדיק עסקל, און לאז ער א קראץ טאן זיך אין דער פיאה, וואקסט ווי פון דער ערד ארויס א טראנס־פארט סחורה.

„דאס ווינטשפינגערל"

אינדערלופטן פליט עפעס א קאפ, פלאטערט, ווי א זומער־פייגעלע, שוועבט אהין און אהער און רוט ניט א רגע. אט בלייבט ער ניט, און אט באווייזט ער זיך ווידער, שווימט פאר מיינע אויגן — און ער מאכט דערביי משונה־העויות: קריצט מיט די ציין, ווינקט

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

מיט די ברעמען, — איך האב זיך נאך ניט גוט איינגעקוקט — איז ער שוין ווידער ניטא. און פלוצלונג ווערט א גרויסער פחד, א מוראדיקע אימה, ס׳פליען פונקען, ס׳ציען זיך פייערדיקע טייכן, ס׳בליצט און ס׳דונערט און ס׳קאכט און ס׳רעשט. ס׳בלאזט א שופר און איך דערזע איבערן תהום א פאפירענע בריק. אידעלאך, עם אלהי אברהם, קומען צוגיין צו דער בריק; דארע, קווארע, אויסגעדייווערטע, מיט די שטעקנס און מיט די טארבעס אויף די פלייצעס, און אלע שטופן זיך צו דער בריק, אלע פילדערן, שרייען, ליארעמען, קריכן איינער דעם אנדערן אויף די קעפ, און בשעת איינער וויינט, זינגט דער אנדערער דווקא א זמר, בשעת די קריגן זיך, שמועסן די אנדערע גאר פריינטלאך. מיטאמאל דערזע איך ווידער דעם קאפ, ער שוועבט אין דער לופטן גאר נאענט לעבן מיר. איך קוק זיך צו: דער קאפ האט א בארד און פיאות, א לאנגע נאז און א פארקנייטשן שטערן, די אויגן וויינקען, די ליפן קרימען זיך — און אויפן פנים איז אויסגעגאסן א צער. אוי, א אידישער קאפ איז דאס, א אידישער קאפ שוועבט ארום אין דער לופטן. ניטא קיין גוף, ניטא קיין זוואניע פון א גוף, ניטא קיין הענט און פיס, קיין לייב און לעבן, נאר איין קאפ שוועבט אין דער לופטן.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

אידישע קליידונג

א קארטוז ווי אלע קארטוזן, מיטן גאנצן שניט און מיט אלע פרטים, פונדעסטוועגן ביי א גלופסקער אויפן קאפ באקומט ער א משונהדיקע אידישע צורה, אקוראט, ווי ס׳איז אין אים מגולגל געווארן דאס שטריימל, עליו השלום. פונם סורדוט איז שוין אוודאי ניטא וואס צו ריידן: ער האט, דאכט זיך, אלע נאטן, ווי ס׳געהער צו זיין, אי ער איז געהאקט אין סטאן, אי ס׳איז אויף אים אנגענייט ביינערנע קנעפ — דארף מען שוין בעסער? פונדעסטוועגן, אז דו דערזעסט אים אויף א גלופסקער אידן, דערקענסטו באלד די פארצייטיקע קאפאטע. היינט דער שפאלט פון הינטן! ביי אלע מענטשן איז א שפאלט ווי א שפאלט, קיינער זעט אים גארניט און קיינער קערט זיך מיט אים ניט אן, ביי א גלופסקער עפנט ער זיך בשעתן גיין אויף יעדן טריט, די פאלעס הויבן זיך און לאזן זיך אראפ,

קליין־מענדעלע

אקוראט ווי זיי שרייען: זעט, אט גייט א איד מיט א שפאלט, אט איז זיין אלף מחילות און זיינע פאר פיס!... — — — — א גלופ־סקער, אז מ׳דערזעט ביי אים אויף דער פאלע א ביסל קוגלשמאלץ, א שטיקל ווייסל פון אן איי, אדער שפייעכץ, ליחה וכדומה, איז דאס אים, חלילה, ניט צו קיין בזיון, פארקערט, דאס איז א מין שיינדל, א באווייז, אז ער פוצט זיך ניט און גיט ניט אפ מיט דברים בטלים. אפילו די קרוין פון בלאטע, וואס רינגלט ארום די קאפאטע פון אונטן, ארט אים אויך זייער ווייניק: דער גלופ־סקער איד טראגט זי אזוי לאנג, ביז זי ווערט אליין פארטריקנט און פאלט במילא אפ.

„צוריק אהיים"

אז די שבתדיקע קאפאטע, אשטייגער, איז צעהאקט, צעפאלן, צעריסן, אביסל פארשלומפערט און עפעס ניט אזוי ריין, מאכט אויך ניט אוים, אבי זי איז פארט פון אטלעס, און גלאנצט. אי, ערטער־ווייז קוקט, ווי פון א רעשעטע, ארוים דאס הוילע לייב? מילא, וואס ארט עס וועמען, ווער וועט זיך דא אזוי שטעלן צוקוקן? למאי פיאטעס, מיט וואס איז דאס ערגער פון אויסגעריבענע פיאטעס? פיאטעס איז דען ניט קיין לייב, קיין מענטשנפלייש?...

„מסעות בנימין השלישי"

א אידיש זיפצעלע

גלאט אזוי זיך א אידיש זיפצעלע, ווי דער שטייגער איז ביים עפענען א ספר, אדער מאכן א ברכה, נעמענדיק אין האנט א גלע־זעלע וויין, אויך ביים שטעלן זיך דאוונען.

„דאס ווינטשפינגערל"

סליחות

אין דרויסן איז שטאק פינצטער, נאכט, אומעטום שא — די גאנצע וועלט שלאפט. נאר אידן כאפן זיך אראפ פון די געלעגערס, גענעצן, קנאקן אוים די ביינער, דער שלאף ליגט זיי אויף דער ברוסט, עס טריקנט זיי אין האלדז און זיי שטארקן זיך, לויפן פאר־שמאכט אין שול אריין, גיסן דארט אוים זייער הארץ פאר דעם לעבעדיקן גאט אין הימל, און קלאגן זיך, נעבאך, פאר אים.

„דאס ווינטשפינגערל"

װעגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

א שאלה

די גאנצענע נאכט ניט געשלאפן. אנטקעגן טאג, אז צוגעמאכט אן אויג האב איך, קומט, וועקט די מאמע, זאל לעבן, מיך, וועקט: „בעני, בעני! שטיי־אויף, די טיר פארקייטל. איך צום ערשטן מנין גיי איך, כאפן א קדושה. פון דער שול, בעני, גיי איך אויפן הייליקן ארט, יארצייט האב היינט איך. אויפן פריפעטשיק צוגעשטעלט א טעפל קאליש האב איך, גיב דא אכטונג צום טעפל קאליש“. פאטער ארויס די מאמע און לייג מיך. דרעמל איך, הארך איך — פיק־פיק־פיק! דער האן מיט די הינער, אין דרערד אריין, שטייען פיקן א ריפטל ברויט, געשמאק אויפן טיש פיקן זיי. — אקיש! — שריי איך. אקיש דיר היינט, אקיש דיר מארגן, וואס ווייסן הינער? פיקן טאקע אלץ. באדארף גראד, א, אין דרערד אריין, ליגן א הילצערנער לעפל, א פליישיקער, כאפ דעם לעפל, לאז מיך צו די הינער. הארך איך, לויפט אויפן פריפעטשיק. מיינער כאפט, שטעקט אריין, ניט הינער אריין, דעם פליישיקן לעפל אין דעם מילכיקן טעפל אריין, און מאכט אן א שאלה! דער לעפל פליישיק, רבי, ווארען? פונדערניי דאך ניט געקארבט מיט דריי קארבן, ווי א אידישער מילכיקער לעפל. פליישיקס דערמיט, ווי איך בין א איד, ניט געגעסן — אסור חזיר! לאמיר אזוי באהיט ווערן פון קריינק! דאס טעפל מילכיק, ס'שטייט דאך תמיד, פונם פריפעטשיק, אויף דער מילכיקער באנק. זינט מיין ציג מיר געפייגערט, איז אוים מיר מילך, א פייג מיר מילך!... היינט, רבי, פסקנט מיר א שאלה!

— עפעס א גרוים טעפל? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאפ — ענטפערט בעני — אפשר אנטקעגן אן עמער, איך זויף מיך דערמיט אן פול ווי א פעסל און ארבעט אוועק דעם גאנצן טאג אן א פאפאם.

„דאס קליינע מענטשעלע“

מחדש זיין די לבנה

צום מולד האט זיך געענדערט די „פאגאדע“, פונקט פארקערט ווי דער לוח שרייבט. דארט שטייט: שיינע, לויטערע טעג, — מיטאמאל איז גאר קעלט און רעגנס, ווי אסיענצייט. אידן קריכן, נעבאך, ביזן האלדז ווייט אין די בלאטעס מיט די שיך און זאקן, און אידישע טעכטער — מיט די זיידענע קליידער און גילדענע

קליין־מענדעלע

בראסלעטן. מילא אויף קליידער, וואס ווערן פארשמירט, פאר־שלומפערט, איז דער ווייטיק נאך ניט אזוי גרויס, ווארים דערויף זיינען זיי דאך לאנג, אומגעלופערט, כדי טאקע ארויפנעמען אויף זיך די בלאטע ; ווי געטאן האט אידן דאס הארץ—אויף דער לבנה, ניטא די לבנה ! אידן חלשן כאטש אויף איין מינוט אנקוקן איר ליכטיק פנים. סטייטש, ס׳איז שוין אוועק דער ערשטער קווארטל, זי איז שוין אויף דער צייט, אונטערגעוואקסן ווי מ׳באדארף, ראוי לברכה, טאקע נעם און זיי זי מקדש כדת ישראל, גאנץ אידישלאך — און זי באהאלט זיך, עפעס גאר ווי זי שעמט זיך... פלוצלונג הויבן אן דאנערשטיק פארנאכט קרייען די הענער, עס טוט א בלאז א ווינטל, עס צעגייען זיך די וואלקנס, און א שיינע, קלארע לבנה, ווי אן אויסגעצוואגענע, אויסגעפוצטע כלה, טרעט ארויס האפערדיק, באגלייט פון דער גרויסער משפחה שטערן, פיינע מחותנים, איינגע־טונקענע אין גאלד, אין בריליאנטן. און גאנץ גלופסק מיט אירע קאליזשעס באקומען א שיינענדיק פנים. עס פינקלט, עס לויכט אומעטום ! אידעלאך לויפן אנזאגן די בשורה, אונטערטרייבנדיק איינער דעם אנדערן : גיכער, פייטל ! אהער, אהער, זרח, גרונם, סענדער, פישל ! בערל דער שוסטער הויבט זיך געשווינט אויף פונם קלעצל, שמערל דער שניידער לייגט אוועק די ארבעט, פאר־שטעקנדיק אין לאץ די נאדל, לויפן ארויס און שטעלן זיך קוקן דער לבנה אין איר ליכטיקער צורה. דאס גאנצע געזעמל צעשאקלט זיך, שרייענדיק אויף אלערליי מיני קולות. ס׳לאזן זיך הערן ביי־קולכלאך, דינינקע פון קליינע אינגלאך, גרעבלאכערע פון בחורים, גראבע, הייזעריקע, פארלעגערטע, באסאווע אויף דער געמבע פון אלטע, באטאגטע, גרייז־גרויע, פאנפעוואטע, לאנגנעזיקע און בריים־בייכיקע באלעבאטים. די לבנה גייט זיך איר וועג, און אידן שפרינ־גען, העצקען זיך איר אנטקעגן לעבעדיק, פריילאך.

„דאס ווינטשפינגערל״

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

א סוכה

איך מיט נאך עטלאכע שכנים האבן מיר געוואוינט ביי אייזיק־בער דעם פראצענטניק אין הויז. — — — א גרויסער עם־הארץ און א ווילדער חסיד; אז ער לאזט זיך דערקענען צו אן ארעמאן, אין א שלעכטער צייט, דערבארעמט ער זיך און לייט אים אלע וואך, ביסלאכווייז, קרן מיט פראצענט, נעמענדיק ביי אים א וועקסל אויף צוויי מאל, דריי מאל אזויפיל, וויפיל דער חוב באטרעפט. אזא מכה מיט מכהלאך זאל זיך אים, רבונו של עולם, זעצן! — — —

אז ס'איז געקומען די צייט פון סוכות, האבן די שכנים זיך גענומען צו מאכן א סוכה. איך בין אויך צוגעשטאנען צו זיי ווי א שותף, מיט אן עצה און מיט אלץ וואס נאר מעגלאך. זיי זיינען געקומען מיט זייערס, דער מיט א פלאקן, יענער מיט א טשאלנטברעטל, איינער מיט א שטייג פון עופות, דער אנדערער מיט פארזשאווערטע משוועקעס און איך מיט א לאקשנברעטל, מיט פארפלאנטערטע שנירלאך, און א צעשאטענע, אויסגעריבענע ראגאזשע. און אייזיק־בער, געשוואלן זאל ער ווערן ווי א בארג, ער האט אפגעגעבן פאר דער סוכה ביי זיך אין הויף א ווינקל, וואו די בהמה ליגט און נעבטיקט א גאנץ יאר. — — — די סוכה איז פארטיק געווארן מיט אלע זאכן, ווי געהעריק. צוויי ברעטער און קרומע קלעצלאך האבן געדינט פאר ביינק. זיצן אויף זיי האט מען באדארפט אויף משקולת, ניט צו טאן א מינדסטע רירעלע, מ'זאל חלילה ניט פאלן און ברעכן האלדז און געניק. א גרויסע לאקשנברעט איז געלעגן אויף א פעסל פון אוגערקעס און געדינט פאר א טיש, ביי וועלכן ס'האבן ניט געגעסן אלע שכנים מיטאמאל, נאר באדארפט איינע די אנדערע איבערווארטן, די ארויס, און יענע אריין. און עסן האט מען באדארפט מיט קאפ. ניט צורירן זיך צום טיש גראבלאך מיט דער האנט, די לאקשנברעט זאל ניט אראפפאלן, חס־ושלום. איז דאך, דאכט זיך, גאנץ גוט. הערט זשע ווייטער, זייט מוחל. אז מ'איז די ערשטע נאכט יום־טוב אריין אין סוכה קידוש מאכן, הויבט זיך אויף, ווי געוויינטלאך איז אין דערדאזיקער צייט, א גרויסער שטורעמווינט און לעשט־אויס די בענטשליכט. ס'ווערט א רעש, א געטומל, א כאפעניש, א צעטרעטעניש צווישן די שכנים. אין א שעה צוויי ארום צינדט מען ווידער אן אין סוכה די ליכט און ס'גייט

קליין־מענדעלע

אריין די ערשטע וואך, אין וועלכער ס'ציילט זיך דער באלעבאס, ימח שמו, און איך. ווי נאר מ'טראגט מיר אריין די יויך, הויבט אן גיסן א קאלטער, אסיענדיקער רעגן — און קאפ, קאפ אין טעלער. אייזיק־בער, פארכאפט זאל ער ווערן, וואס איז אן עם־הארץ און א חסיד, וויל ניט הערן דעם רעגן און דווקא זיצן אין סוכה. הײנט אז ער, ימח שמו וזכרו, טוט אזוי, א פשיטא שוין איך, א מלמד. וואס מיינע חברים זוכן זיך צו מיר, צו פארשווארצן מיך מיט רכילות פאר די באלעבאטים. ער, די כפרה זאל ער ווערן, זיצט זיך אין א פיקסן־פעלץ און ס'איז אים ווארעם. מיין פעלץ, אנטקעגן, ליגט נאך, פון פסח אן, פארזעצט אין לאמבארד און איך זיץ אין איין קאפאטע און ציטער פאר קעלט. — — — דאס געקעכץ ווערט אייזקאלט. איך ציטער פאר נעץ, פאר קעלט, און עס, מישטיינס געזאגט, אין איילעניש, אין כאפעניש. — — — אויף מארגן דערפיל איך שטארקע קאפשמערצן, די גלידער זייגען מיר שווער און קען ניט רירן מיט אן אבר. פון בעט קען איך שוין ניט אראפ. הויבט זיך אן א מעשה מיט דאקטוירים.

„חג האסיף“

א שרפה

ס'נעצט, א שרעק. און וואו נעצט? ניט ווייט פון מיר, אין מיין געסל. איך אליין האב מיך גראד ארומגעדרייט אין מארק, דערהערט: ס'נעצט, לויף איך דאך מסתמא גאר אין איין אטעם און פאל פון די פיס לויפנדיק. ביז גאט האט מיך געבראכט אהיים, איז מיר שיר די נשמה ניט ארויס... הע־הע, וואס עס טוט זיך! די שטוב מיינע איז באפאלן, ניט באפאלן פון גזלנים, חלילה, נאר פון אידן, גוטע ברידער, וואס זיינען זיך צונויפגעלאפן פאר רחמנות צו ראטעווען. און וואס טוען זיי? זיי גוואלדעווען, שטרעקן הענט, טייטן מיט די פינגער, אלע אין איין קול: גוואלד, ראטעוועט! פאר גרויס איילעניש און אימפעט כאפט מען, דער א לאקשנברעטל, א ווייק־שעפל, א טשאלנטטעפל, יענער א ריבאייזן, א פלעקל, א מילכיקן לעפל — און יאגן זיך האסטיק, הענדום־פענדום, מיט דערדאזיקער סחורה, ווי מיט עפעס רעכטס, מיינענדיק, זיי ראטעווען, ארבעטן מעשים.

„אויף אסיפות“

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

א מרחץ

פון א מרחץ זאגט זיך א איד קיינמאל ניט אפ. דאס, וואס א שיינק פאר די פויערן, א טייכל פאר גענדז און קאטשקעס, דאס איז, אין הונדערט גראדן נאך מער, די באד פאר א אידן. — — — קיין אידישע נשמה רירט זיך ניט פונם הימל ארייצוקריכן ערגעץ אין א בויד, מ׳קען זי ניט נעמען, איינבעטן דורך קיין שום זאך, סיידן נאר דורך א באד. — — — קוקט־אן א אידן פרייטיק, קו־מענדיק פונם מרחץ, ער בליט, איז אינגער מיט עטלאכע יאר.— — — אין באד קומט א איד, ווי אין א פאטערלאנד, ווי אין א פרייער מדינה, וואו איטלאכער האט א גלייכע דעה, וואו ס׳שטייט פאר אים פריי צו דערגרייכן גלייך מיט אנדערע א הויכע שטופע — ארויפ־קריכן אויף דער אויבערשטער באנק, דערמינטערן זיין פאראומערטע נשמה, כאטש אויף א שעה אויסגלייכן זיינע ביינער און אראפווארפן פון זיך זיין פעקל דאגות און יסורים.

„מסעות בנימין השלישי“

דאס איינציקע שטיקל ארט פאר אידן אויף צו שמעקן, ארויס־צוגעבן וואס ס׳בורטשעט אינעווייניק אינזיך און כאפן צוריק עפעס א לעק פון אנדערע. דארט, אין דער באד, ווערט מען געוואוירע פון זייער פיל סודות, דארט ווערט אפגעמאכט זייער פיל געשעפטן, און ס׳רודעוועט זיך נאך מער, ווי אויף א יאריד. מ׳באדארף אהין קומען אין א פרייטיק, זעט מען שיינם: אין איין ווינקל זיצן רופאים מיט דעם קליפערגעצייג, ארום זיי אידן א סך. איין רופא גאלט קעפ, דער אנדערער רופא מיט א בריטווע צעקאראשעט פלייצעס. שטעלט באנקעס דעם, כאפט אראפ געשטעלטע באנקעס ביי יענעם, און אידיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז אויפן פאל, אונטער מענטשן, פארמישט איניינעם מיט בלעטלאך פון בעזימער און אפגעגאלטע האר. דעם רופאס ברענענדיק ליכטל שמעלצט זיך מיט א צעפלאכ־טענעם קנויט, שפריצט, בריזגעט מיט א בייזער, מיט א פלאמפייער פון א מיתה־משונה־קאליר... — אויף די ווענט, אויף דער סטעליע לעבן אויוון הייבגען, ווי אין דעם גרעסטן מאגאזין, אלערליי קליי־דער: העמדער, זאקן, כל־א־מיני לייבצודאקן, אלע סארטן תחתונים, קאפטנס, קאפאטעס, אויך קיילאכדיקע פעלפענע היטלען. —

קליין־מענדעלע

פון דער אויבערשטער באַנק לאָזן זיך הערן שרעקלאַכע קולות. אַ טייל אידן ליגן דאָרט אַן כוחות, זיפצן און קרעכצן. אַ טייל זייַנען באַוואָפנט מיט בעזימלאַך און שרייען: גוואַלד, אידישע קינדער! גוואַלד, האָט רחמנות! גוואַלד, גוואַלד, פּאַרע!... אין באָד ווערט קאַלט, אַלע שרייען און קיינער שטרעקט ניט אויס אַ האַנט אויפצוגיסן אויפן שטיין, ביז צום סוף געפינט זיך עפּעס אַ ווייסער־חברהניק און מאַכט־אַן אַזאַ היץ, ווי אין גיהנם, אויף דערשטיקט צו ווערן, צוויי אויסגעווייקטע אידן שלאָגן זיך דאָרט פאַר אַ ראש־קעלע, אויסרייסנדיק איינער פונם אַנדערנס הענט מיט זידלערייַ — אַ שרעק. אַ דאַרער מלמד, וואָס בלאַנקעט זיך דאָ אַרום אַן געצייג, לייגט זיך אַריין אין שלום, מאַכט אַ פּשרה — און אַלע דריי טונקען זייערע פאַרשמאַלצעוועטע פּאַטשיילכנס און וואַשן זיך פון איין ראַשקעלע. אויבנאָן, אין אַ קופּקעלע, זיצן מיוחסים, נגידים, לייַ־טישע מענטשן, און שמועסן עסק, פון תוך־זאַכן: מכוח דער טאַק־סע, מכוח היינטיקע עזות־פּנימער, מכוח דעם נאַבאָר, מכוח די וויבאָרעס אויף גלאַסנעס, אויף אַ רב, מכוח אַכצן און דרייַצן, און מכוח דעם נייעם פּאָליצמייסטער.— — — פּלוצלונג קומט־צו איינער אַ וואוילער יונג, וואָס שאַרפט די ציין אויף גלאַסנע, און פאַרבעט מיט אַ חניפה־שמייכעלע אויף דער אויבערשטער באַנק דעם גרעסטן יחסן און בעל־דעה, וועלכן ער וויל אַביסל אויספּאַרען, טשאַקנדיק מיט זיין כבוד אַליין. דער שיינער איד, וואָס האָט אויך אַ קוק אויף עפּעס אַ התמנות און וויל אָפּלעקן אַ ביין, פאַלט דעסגלייכן אויף דער אייגענער המצאה, טוט זיך אַ בויג מיט אַ חניפהלע און פאַר־בעט אויך אַ יחסן צום טאַנץ. אַלע קריכן אַרויף אויבן אויף דער באַנק, די בעזימלאַך הויבן זיך און די געשעפטן זייַנען אָפּגעמאַכט.

„פישקע דער קרומער"

די השכלה מגפה

אַז די היינטמאָדישע בילדונג האָט ווי אַ מגפה זיך אַריינגע־כאַפּט אין אונדזער ווינקל און אָנגעמאַכט צרות, האָט גאָט אונדזער שטעטל פון אַזאַ פּורעניות אויסגעהיט, דאָרט האָט מען פון אַזאַ אָנשיקעניש אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט. מ'האָט אפילו געהערט אַמאָל עפּעס אַ קלאַנג פונדערווייטנס מכוח דייטשלאַך — געבול־

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

בעטע אידן אזוינע, אַז יאַרמולקעס, און מכוח ביכלאך אזוינע מיט קורצע שורהלאך, נאָר אַלץ ניט ביי אונדז געדאַכט. אונדזערן אַ אידן האָט, מיט זיינע שיינע אַנשטעלן, דער רוח ניט גענומען. גיכער, דאַכט זיך, וואָלט דער יצר־הרע מרוצה געוואָרן גיין צו אַלע שוואַרצע יאָר איידער קומען צו אונדזערן אַ אידן, ברייגנען אים צו אַ זינד... דער יצר־הרע אַליין האָט, דאַכט זיך, באַדאַרפט האָבן אַן אייזערנעם יצר־הרע אַזוינס צו טאָן. פּלוצלונג אָבער ווערט אין שטעטל אַ געטומל, אַ געשריי, אַ געפּילדער: אוי וויי, די קליפּה איז דאָ! — ביי אַ יונגגמאַנטשיק עפּעס געפינט מען אונטער דער גמרא אַ „טרפה־פּסול״! מ׳נעמט זיך צו דעם פּושע־ישראל און ס׳ווייזט זיך אַרויס — אוי, אַ וויטיק! ער איז ניט איינער און אויך ניט דער רעכטער בעל עבירה, די אמתע טריפניאַקעס, אבי־אבות־הטומאהניקעס זיינען עטלאַכע באַלעבאַטישע קינדער. מ׳נעמט זיך צו די פיינע לייט און ס׳ווייזט זיך וויטער אַרויס, אַז זיי זיינען— הע־הע! גרויסע עזות־פּנימער, האָבן גאָר קיין מורא ניט פאַר קיינעם. די קליפּה, רחמנא־לצלן, האָט צוגענומען ביי זיי דעם שכל מיט דעם אידישקייט איניינעם. זיינען אַליין קאַליע געוואָרן און קאַליע געמאַכט נאָך אַנדערע. ס׳רעשט זיך, ס׳קאָכט זיך, דאָס גאַנצע שטעטל וויגט זיך. איטלאַכער אַלץ—אַווא, אַזאַ מעשה, אַזאַ מעשה! טאַטע־מאַמעס ציטערן, פלאַטערן פאַר זייערע קינדער, די קליפּה זאָל אין אַזאַ אונטערגאַנג, ניט דאָ געדאַכט, צו זיי זיך אויך ניט אָנ־נעמען. שיינע אידן, גאַנץ סטראַפּטשעס, נעמען זיך אַן גאַנץ קריוודע: סטייטש, רבונו של עולם, מ׳זאָל אַזוינס אים אָפּטאָן!... און גלאַט אַזוי אידן מיינען ניט קיין שום זאַך, ווי דערווייל איז דאָך דאָ אַן עסק צו אַרבעטן, פּילדערן, שרייען און ניט זיצן ליידיק...

„די אַלטע מעשה״

עס זיצט זיך אַ איד על התורה ועל העבודה, אָפּגעשיידט פון דער וועלט, ווייסט ניט מער ווי גאָט און ציצית, נעמט ניט אין מויל קיין זאַך, אפילו קיין טרונק וואַסער, אָן אַ ברכה, — פּלוצלונג, אוי, וויי, טוט אים אַ נעם די קליפּה, קערט אים איבער אויף דער „לינקער״ זייט און ער ווערט, הייסט עס, ג ע ב ו ל ב ע ט! אָדער

קליין־מענדעלע

איינער פון די ישיבה־בחורים, א בחור א געזונטער, מיט הענט, מיט פיס, ווארפט פון זיך אראפ דעם יאך פון ארבעט, עסט טעג — ביי איטלאכן באלעבאס, הייסט עס, א טאג אין דער וואך, און קוועטשט די באנק, — פלוצלונג געפינט זיך, מעשה שטן, צווישן די בלעטלאך פון דער אפענער גמרא זיינער השכלה־ביכלאך. אי־אי, ער איז גאר א ווערעמדיקער בחור... א אשה צנועה, אשטייגער, איז זיך מקיים די דריי מצוות — חנ"ה — אירע, גאלט ווי געהעריק דעם קאפ, באדעקט אים גוט מיט א קאפקע, לייגט קנייטלאך צו די ריינע נשמה־ליכט, וויינט, קלאגט ביי די תחינות. פלוצלונג כאפט זי דער רוח, מאכט אין איר אן איבערקערעניש, ווארפט זי פון זיך אראפ דעם שלייער, טראגט אייגענע האר, ווי די הולטייקעס. וואס נאך? זי לייגט ארונטער הינטן, מחילה, אונטערן קלייד, א קישעלע, ס'זאל אויסקומען גרעבער, מיט דער מאדע, און ברעכט דעם צונג, נעבאך, צו פלאפלען עפעס א מין גויאיש, און אזוי ווי בשעת א מגפה היט מען זיך שטארק אויסצומיידן עפעס וואס־ס'איז א שעדלאכע זאך, אזוי האט מען אויסגעווייכט יענע לייט, וואס זיינען געווען אנגעשטעקט פון דער השכלה.

„דאס ווינטשפינגערל“

דאק־טוירים

קיין דאקטאר אין שטעטל איז ניט געווען, חוץ א רופא, וואס האט מער ניט געוואוסט, ווי שלאגן צו דער אדער, שטעלן פיאווקעס, באנקעס, אויך גאלן און שערן. ווי באלד עפעס א שלאפקייט, האט זיך געוויזן דער רופא מיטן גאנצן קלאפערגעצייג און געארבעט אויף אלע כלים: צעקאראדאשעט רוק־און־לענד, האלדז־און־געניק, צו־ווינטשנדיק דערנאך עפעס אויף דייטשמעריש „צו גענעזונג!“ און אז די ברכה זיינע האט נאך אלע מיטלען ניט געהאלפן, דעם קראנקן איז נאך געווארן ערגער, פלעגט מען קומען מיט א געבעט צו ר' חיימען, ער זאל מוחל זיין גיין, דעם חולה „צו באטראכטן“ — און ר' חיים, וואס האט ער געקענט טאן, איז געגאנגען באטראכטן. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אז ר' חיים איז א גרויסער מבין אין דאקטאריע, ער אליין ווידער האט זיך געהאלטן טאקע דרינען פאר א שטיקל מבין. פונוואנען האט אזוינס צו אים זיך גענומען? דערויף איז דא א טעם. ר' חיים אליין איז בטבע געווען א שוואכער,

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

א שלאפער מענטש, חוץ דער אידישער קראנקהייט „מערידן“, א ירושה פון די עלטערן, האבן אין לעבן אים ניט אויסגעלאזט נאך אנדערע מיני וויטיקן: שטעכעניש אין די קריזשעס, א שפארעניש אונטערן לעפעלע, קוועטשעניש, מאטקייט אין די גלידער, וואס היינט הייסט עס עפעס „נערוון“, איבער וועלכע ער האט אמאל, ביי א געלעגנהייט, זיך מיישב געווען מיט גרויסע דאקטוירים ערגעץ, און צום גרעסטן טייל אבער זיך ניט וויסנדיק געמאכט: עס, גארניט, א מיחוש, ס׳וועט אזוי איבערגיין. — — — דאס אלצדינג האט געמאכט ר׳ חיימען פאר א געניטן, אים געגעבן דאס רעכט א מבין צו זיין אויף קריינק, פון וועלכער מ׳קען חלילה ליגן, אדער מ׳ליגט שוין טאקע אין בעט, קיין כוח ניט האבנדיק זיך צו רירן. צו אנדערע, גלאט אזוי זיך וויטיקן, זיינען שוין געווען אנדערע אין שטעטל, וואס האבן געטויגט איטלאכער צו זיין זאך. אויגן־וויטיק, אשטייגער, דערויף איז געווען א ר׳ פישל. ער האט געהאט בסוד עפעס א וואסערל, פון וועלכן ער פלעגט נעבן עטלאכע טראפנס אויף א רפואה, אומזיסט, נאר פון מצוה וועגן. צו מאגערקיים, אויס־דארעניש, האט פעטרוכא, די אלטע גויע, געגעבן עפעס מיני קריי־טעכער אזוינע. צו דער ניכפע, צו מאנקאליע, א רוישן אין קאפ — דערויף איז געווען א מייסטער יאשע דער טאטער. אויף עין־הרע אפשפרעכן, ציינוויייטיק פארריידן, גיסן וואקס, מיט אייער אוים־קייקלען — דערצו איז געווען א בריה גיטל די זאגערן, און צו קדחת, מאיאווע אדער קדחת רביעית, פלעגט זייער גוט העלפן דער מלמד ליפע ראובנס...

„שלמת ר׳ חיימס“

עס זיינען דא פיל דאקטוירימלאך, וואס ווי באלד נאר עפעס א מינדסטע זאך, א קלייניקייט, האבן זיי שוין ליב צו שרייבן, און שרייבן אן א מגילה, א גאנץ גרויסן בויגן...

„די קליאטשע“

אידן בכלל, אז זיי דערהערן נאר א דאקטאר, רופט זיך זיי אלע קראנקהייטן אפ און זיי דערפילן איטלאכער זיינע וויטיקן...

„דאס ווינטשפינגערל“

קליין־מענדעלע

אויפן וואקזאל

אידעלאך לויפן הענדום־פענדום, גאר אן א נשמה, באלאדן מיט זעקלאך, מיט קלומקעס און פעקלאך, צווישן זיי טויטשעו זיך, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, ווייבער, פלאנטעענדיק זיך אין די בעבעכעס, מיט עופעלאך אויף די הענט און מיט קליינע וויינענדיקע קינדערלאך ביי דער זייט. ס׳איז א לויפעניש, א שרייעניש, א שטופעניש, אן אנטרעטעניש אויף די פיס, א שטויסעניש אין רוקן, אין די זייטן, א קלעטערניש אויף אלע פיר, א דראפעו זיך אויף די גלייכע טרעפלאך פוו די וואגאנעס פון דריטן קלאס, איינשטעלנדיק זיך דאס לעבן, כדי צו פארכאפן דארט ערטער באצייטנס...

„שם און יפת אין וואגאן“

אין וואגאן

אבי מ׳פארט שוין. מ׳הויבט־אן איינער דעם צווייטן באטראכטן און אויספרעגן: פונוואנעו איז א איד? וואוהין פארט מען? מיט וואס האנדלט מען? דאס, יענעס, וכדומה, ווי דער שטייגער פון אידן איז. פרעמדע ווערן קרובים, ווייטע ווערן נאענט און אומבאקאנטע — באקאנט. מ׳רופט איינער דעם צווייטן מיטן נאמען, גלייך ווי מ׳זאל זיך קענען פון פריער. חיים עפנט זיין רענצל, נעמט ארויס שנאפס, טרינקט אליין און איז מכבד שמואלן; און שמואל נעמט ארויס ברויט, ציבעלע און שאר ירקות און גיט חיימען, און ס׳איז ליהודים, לעבעדיק־פריילאך! שמערל גיט־איבער אנשלען נעלט, ער זאל זיך מטריח זיין אפגעבן עס דעם מחותן זיינעם דארט אין זיין שטעטל, און ראובן שיקט דורך שמעונען בריוו און רעכנונגען צו לוי דעם קרעמער אין כאנדריקעווע, און דער גאנצער וואגאן איז געווארן א מארק, א יאריד. די קינדער ישראל מאכן געשעפטן...

„שם און יפת אין וואגאן“

אידישע אכסניות

אז א איד זאל זיך לייגן שלאפן אליין אין אן אלקער און אויפשטייענדיק דערזען אין דעם אייגענעם אלקער נאך איינעם, און אמאל נאך צוויי און דריי אורחים — דאס איז אין די ווארשעווער אכסניות א וואכעדיקער גאנג. מ׳האט, פארשטייט איר מיך, רחמנות אויף

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

א אידן, מ׳וויל אים ניט לאָזן שלאָפן אַליין, טוט מען אים א נחת־רוח און מ׳פאַרדינגט אין דעם אייגענעם אַלקער, בשעת ער שלאָפט, אמאָל איין בעטל, אמאָל נאָך מער. — — — ערשטנס האָט דערפון הנאה דער באַלעבאָס פון דער אכסניה, צווייטנס, וואָס קען שאַטן אַן איבעריקער איד אין חדר? וואָס איז—די לופט? פון וואַנען זשע איז געדרונגען, אַז מ׳דאַרף אינדערפרעמד זיין א גרעסערער מפונק ווי אינדערהיים? אינדערהיים שלאָפט מען דאָך יאָ, קיין עין־הרע, מיט זעקס פופקעס אין איין בעט, און מ׳מאַכט ניט קיין ווען: א איד איז ניט קיין פריץ...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

אַ באַגעגע־ניש

אפנים, אין דאַוונען האָב איד, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, געכאַפט א דרעמל. מיין ביידל, טו איך א בליק, איז אריין אין א קאַליזשע, וואָס אויף דעם באַלעגאַלישן לשון הייסט עס א„טינטערל". אין דעם הינטערשטן ריידל איז פאַרטשעפעט אַן אקס פון עפעס אַן אַנדער ביידל. דאָס פערד מיינס שטייט אין געהאַקטע וואונדן, מיט איין פוס איבער דער האַלאָבליע, פאַרדרייט אין די לייצעס, און סאָפעט ווי א גאַנדז. פון יענער זייט ביידל שיטן זיך טויטע קללות, אויף אידיש, מיט א קייכן און הוסטן אינײנעם.—„א איד — טראַכט איך מיר — איז אַן סכנות"... און טו מיך א לאָז אין איין כעס אויף יענער זייט וואָגן. דאָרט אונטערן וואָגן ליגט פאַר־פלאָנטערט אין טלית און תפילין א איד, די בייטש פאַרדרייט מיט די רצועות, צאַפּלט און אַרבעט מיט אַלע כוחות זיך אויסצודרייען. איך שריי: „סטייטש!" ער—„סטייטש,סטייטש!" איך בעטל צו אים אוים אַלע חלומות, ער בעטלט צו מיר, ניט אַנצוקוקן איינער דעם אַנ־דערנס פנים. איך פילדער: ווי שלאָפט עס אין דאַוונען א איד? ער—צוריק: ווי פאָפט עס א איד? איך גיב אים אין טאַטן, ער—מיט א צו־גאָב: אין מאַמען אריין! איך שמיים זיין פערדל, ער, אויספּלאָנטערנ־דיק זיך, לויפט און שמייסט מיין פערדל, ביידע פערדלאָך שטעלן זיך דיבאָם, און מיר, שטאַרק אַנגעצונדן, לאָזן איינער צו דעם אַנדערן זיך צו הענדום־פענדום, ווי די הענער, מיט דער דעה אַנצונעמען זיך פאַר די פיאות. אַנטקעגן א רגע שטייען מיר שטיל. שאַרף אַנקוקנדיק

קליין־מענדעלע

איינער דעם אנדערן. עס האט געמוזט אויסזען משונה־ווילד, האבן דעם זיבעטן חן: צוויי אידישע גיבורים אין טלית און תפילין שטייען אנגעדרודלט, גרייט צו באווייזן זייער גבורה און זיך פאטשן אויפן פרייען פעלד, ווי אין א בית־מדרש להבדיל!...

„פישקע דער קרומער"

שכנים

קליינשטעטלדיקע שכנים ווייסן איינער ביים אנדערן א מינדסטע זאך: וואס מ'רעדט, וואס מ'קאכט ווארמעס, איטלאכס פיצעלע, וואס טוט זיך אין שטוב. איינער דעם אנדערן קוקט נאך, צאטעוועט ווי א שפיאן. מ'קריגט זיך, זידלט זיך און מ'בעט זיך איבער, ווידער אויפדאסניי צו קריגן זיך. שכנות קריכן איינע צו דער אנדערער נאך א קויל פייער, לייען א האקמעסער, א ריבאייזן, א כשר־שטיין, א פארעוועון טאפ, א ווייקשעפל און אז איי אויף חלה־שמירן; האלטן זיך אן עצה, אויף וויפיל אייגלאך אנצוהויבן די פיאטע, ווען אפצולאזן און פארשליסן דעם זאק, פארהערן זיך אין איינגעמאכטס פרעגלען פון אגרעסן, אויספלעכטן דעם פורים־קוילעטש און אפצוויקלען די קישעלאך; טראגן איינע צו דער אנדערער ווייזן אויף חידושים דעם המנטאש אויף פורים, דעם קניש און דעם פיינקוכן אויף שבועות; איינע ווינטשט דער אנדערער: „דערלעבט איבער־א־יאר, אין פיל גוטס, מיט דעם מאן און די קינדער!" טראכטנדיק אמאל איז הארצן: „פוקע זיך, שלימעזאלניצע, נעמען זאל דיך דער רוח!"...

„דאס ווינטשפינגערל"

די ישיבה

די פראפעסארס אירע זיינען געמיינע לייט, נויטבאדערפטיקע מלמדים, מעגן זיי זיך הייסן „ראשי־ישיבות", די סטודענטן דארט — ארעמע בחורים, אז א גראשן ביי דער נשמה. זיי קומען מיינסטנס צוגיין אהינצו צופוס, ליידיק און בלויז. קוים ארויפווארפנדיק פון זיך דאס פעקל—א צוויי אלטע, אויסגעלאטעטע העמדער מיט א פאר אויסגעטראטענע פארמערעזשעטע זאקן, געבראכטע פון דערהיים — ווארפן זיי זיך אן אויף דער שטאט מיט זייערע באדערפעניש. און שטאט, ווי געפאלן זי איז און באפאלן פון אייגענע ארע־

מעליט, טראָגט אויף זיך אַזעלכע פונדערפרעמד, אויסהאַלטנדיק זיי מיט וואָס נאָר מעגלאַך. דער אַרעמסטער איד איז גרייט אויב ער האָט, מיט דעם ביסן זיך צו טיילן צוליב דער תורה! — — —

ס'איז די ערשטע וואָך נאָך סוכות — דער אָנהויב „זמן" ביי קליין און גרויס פון אידישע קינדער אומעטום. אין דער ס—קער ישיבה ווימלט פון נייע, פריש־אָנגעקומענע בחורים, אויך פון אַלטע צוריקגעקומענע, וואָס זיינען אַוועק אַהיים אויף יום־טוב, און פון בחורים אַלטגעזעסענע, וואָס רירן זיך ניט פון אָרט און דאָ איז זייער שטענדיקע היים. אַצינד איז אין דער ישיבה דער גרויסער יאָריד, ס'איז אַ פאָדערונג אויף „טעג" — יעדער בחור, הייסט עס, זוכט ראשית־חכמה זיך באַשטעלן אַ באַשטימטן טאָג אין וואָך אויף צו עסן ביי יעדן פון די באַלעבאַטים. ס'איז אַ לויפעניש, אַ זוכעניש, אַ ראַנגלעניש, אַ טומלעניש וועגן די באַשטעלונגען, און ניט אַלעמען דינט דאָס מזל אָנצוטרעפן די ערטער, וואו מ'קען באַקומען טעג, און נאָך אַזויפיל, וויפיל אין דער וואָך זיינען טעג דאָ. — — — אַלטגעזעסענע ישיבה־בחורים — — — זיינען מער־ווייניקער פאַרזאָרגט, קענען אינזינען האָבן אַנדערע, פריש־אָנגעקומענע, אָפגעבן זיי זייער צייט, זייער טרחה, פירן זיי אויף אַ וועג מיט זייערע טובות און אַמאָל טאַקע ביד־רמה, מיט דער האַנט — אין באַק, אין רוקן, ווי ס'לאָזט זיך, זאָלן זיי וויסן ווער עלטער איז!

— — „הערסטו, בחור — זאָגט חברה — עסן קענסטו, „טעג" ווילסטו און אַ פּריץ ביסטו, ווייז־זשע די מטבעה, וועט מען דיר אָנווייזן „טעג", אָדער ס'ווערט געמאַכט אַזאַ קאָמבינאַציע, אַזאַ דריידל: „דער באַברויסקער טראַכט אַוועקצולאָזן זיך אין דער מירער ישיבה, ס'פעלט אים דערצו עטלאַכע גראָשן. גיין וועט ער, ס'פאַרשטייט זיך, צופוס, גיב־זשע אים, בחור, פאַרווײנטע נשמה, ווי דו הייסט היינט, גיב אים צושטייער אויף הוצאות, אונדז מעקלעריי, וועט ער דיר איבערגעבן זיינע טעג. שבת, זיי וויסן, האָט ער שוין פאַרקויפט". ס'ווערן אויך אָפּגעמאַכט חילופים — מ'בייט־אויס צווישן זיך די באַלעבאַטים, אָפּשאַצנדיק זייער ווערט לויט די טעג — גוטע צי שלעכטע, וואָס מ'עסט ביי זיי. פאַר אַ גוטן באַלעבאָס גיט מען אַוועק אַנדערע צוויי, נאָך מיט אַ ברוך־שפּטרני אויך דערצו.

קליין־מענדעלע

עס איז דאָ עסקים מיט „ביינק" — אויף צו שלאָפן. עסקים מיט קויפן און איבערגעבן חזקות אויף טיש און אויף ביינק. וואָס מער אַ באַנק איז נעענטער צום אויוון, אַלץ מער ווערט, ביים אויוון איז פּרימאַ, דאָ צו ליגן באַדאַרף מען האָבן זכות־אבות. און אויפן אויוון — דאָ איז פּשוט דער גן־עדן. ניט אַזוי גרינג אָבער קומט עס אָן אויפצוהויבן זיך אויף אַזאַ הויכער מדרגה! — — —

...אין דרויסן ברענט, סמאַליעט דער פראָסט. אינעווייניק איז שטוב איז קאַלט־טונקל. די פאַנאַנדערגעגאַנגענע בחורים הויבן ערשט אָן איינציקווייז זיך צונויפקומען, איטלאַכער רייבנדיק די הענט און מאַכנדיק אַ־אַ! אין אויוון הייצט זיך. צוויי בחורים — פון די פאַרבליבענע, איינער עפּעס אַ שלימאַזל, גאָר אָן אַ „טאָג", און דער אַנדערער פונם „טאָג" האָט מיט זיך געבראַכט אויף וועטשערע עטלאַכע קאַרטאָפל, זיצן אויף די קני ביים אָפענעם טירל, אַנטקעגן דעם פייער, אַכטונג געבנדיק איטלאַכער צו זיין זידנדיקן טעפּל, וואו ס'יאָגט זיך אַ גרויפּ נאָך אַ גרויפּ, ארויף־אַראָפּ מיט אַ רונזה, אַ טיאַכקען: טיאַך, טיאַך, טיאַך! דאָס פייער קנאַקט, באַלויכט זייערע פּנימער, און פון די, וואָס אַרום זיי. אַ שטאַרק זיך־צעפלאַקערנדיקע שייט־האָלץ שטעקט אַרויס פונם אויוון דעם עולם לאַנגע, פלאַם־פייערדיקע צינגלאַך, אויסשיסנדיק האַפעלדיק, האַרט ביים טירל, מיט גליענדיקע קוילן און אויסבלאָזנדיק לסוף: פּיף־פּ־פּ אַ תקיעה גדולה! ס'ווערט וואַרעם, דער עולם האָט הנאה, פאַר־ברייננגט די צייט מיט מעשיות, מיט זאַגענישן, מיט גלייכווערטלאַך. די בחורים פון די טעפּלאַך נעמען זיך צום עסן, — — — און די בחורים זופן, אַרבעטן געשמאַק, באַגלייטן איטלאַכס לעפל פונם טעפּל צום מויל מיט אַ שיר פון די לעפצן, אַנמאַכנדיק אויף די צוקוקער אַ וואָלפישן אַפּעטיט.

„מיין לעבן"

אין בית מדרש אונטערן אויוון

דער דלות אין קאַבצאַנסק האָט געסווישטשעט גאָר אַ שרעק, און די אידישע קינדער דאָרט זיינען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. גאַרניט צו טאָן — און גאַרניט טאָקע צו קענען, נעבאַך, טאָן — ווי דעם דלות אַרויסצוטרייבן. מ'פלעגט, צונויפקומענדיק זיך איני־נעם, אין בית המדרש אונטערן אויוון נאָר אַלץ אָכצן און קרעכצן:

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

ניט די וועלט, וואָס אַמאָל, ניט דאָס, וואָס פאַרצייטן! ... אַמאָל איז געווען טע־טע־טע! און היינט — עט... וואָס אַמאָל איז געווען אַזוי, איז היינט גאָר אַזוי... דאָס אייגענע, דאַכט זיך אין פּלוג, און פּאַרט אַ גרויסע נפקא־מינה. פאַרצייטנס זיינען מענטשן געווען מענטשן, אידן — אידן, און געשעפטן — געשעפטן... און היינט, מישטיינס געזאָגט, וואָס? ... ביים אויסלאָזן דעם „וואָס" האָט מען געוויינט־לאַך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אריין, שווייגנדיק שטיל, און געוואַרט הערן אַ תירוץ אויף דער קשיא „וואָס?" — איינער האָט געקראַצט, געריבן דעם שטערן, געטראַכט און האָט דער־נאָך געעפנט דאָס מויל און — אַ גענעץ געטאָן. דער אַנדערער האָט, אָננעמענדיק זיך ביים בערדל מיט אַ צוגעמאַכט אייגל, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און עפּעס ווי פאַר זיך געבעקעט: עט... וויים איך!... יענער האָט, אויפהויבנדיק זיך פונם אָרט, אָנגע־שפּאַרט ביידע הענט מיט אויסגעשפּרייטע פינגער אויפן שטענדער, זיך צעשאָקלט און געמאַכט: „איך וועל אייך דערציילן, הערט איר, היינט איז טאַקע נאָר, פאַרשטייט איר מיך, משיח־צייט". — מיט דעם ענטפער זיינען געווינטלאַך אַלע צופרידן געווען. איטלאַכן צעפלאַקערן זיך דערביי די אויגן און מ'טוט זיך אַ נעם צום שמועס וועגן דעמראַזיקן ענין...

דאָס ווינטשפינגערל"

אַלטער יקנה"ז

אַלטער יקנה"ז איז אַ יאָדערדיק אידל, אַ געשפּיקעוועטער מיט אַ דיק בייכל. זיין פּנים איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק־געלע האָר, פון וועלכן ס'איז דאָ גענוג אויף פּיאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פאַר זיך, אי אויף נאָך עטלאַכע אידן צו באַ־טיילן. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פלײשיקע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָר פאַרלייגט, אָן שום התמנות. נאָר ווען ס'מאַכט זיך אין איר עפּעס אַ פאַרענדערונג, אונטער אַ פאַר־פּסח, אַשטייגער, בשעת ס'לאָזט אומעטום, ס'גייט די קריע, און דער באַלעבאָס אירער נעמט זי אין דער אַרבעט מיט אַלע פינף פינגער. דענסטמאָל בלאָזט זי הילכיקע תקיעות, ווי אַ שופר; דענסטמאָל קלינגט מיט איר גאַנץ טונעיאַדעווקע, איינענעם מיט די אינ־

קליין־מענדעלע

דיקעם דאַרט גיט זי דענסטמאַל קאָנצערט. אַלע אין שטעטל בלייבן פאַרגאַפּט און ס'שיטן זיך אין איר שמעקטאַבאַק פון אַלע זייטן מיט ווינטשעוואַניעס יקנה'ן אַן אַ צאָל: אַסים, אַסים!

„פישקע דער קרומער"

סענדערל די אידענע

איש אחד היה בטונעיאַדעווקע, איין מענטש איז געווען אין טונעיאַדעווקע ושמו סענדערל און ער האָט געהייסן סענדערל, נאָך זיין עלטערזיידן ר' סענדערל. זה הסענדערל. דער סענדערל, היה איש פשוט, איז געווען אַ פשוט מענטשל, דאָס הייסט, אַ פּראָסטער, אָן חכמות. אין בית־המדרש האָט ער געהאַט אַ שטאָט אונטער דער בימה. און דאָס אַליין איז שוין געווען דער בעסטער סימן, אַז ער איז ניט געווען פון די טונעיאַדעווקער פיינע בריות, פונם דאָר־טיקן צימעס און דער גילדענער פאַן. די שמועסן אין בית־המדרש, אָדער ערגעץ אַנדערש, פלעגט ער דאָס רוב צוהערן שטיל, ווי אַ זייטיקער פאַרשוין. נאָר פלעגט ער אַמאָל זיך אָנרופן אַ וואָרט, האָט עס אָנגעמאַכט אַ גרויס געלעכטער. ניט מחמת דרינען איז געלעגן עפּעס אַ ווילדע חכמה, אָדער אַ גרויסע המצאה, ניין, נאָר גלאָט זיינס אַ וואָרט האָט עפּעס געמאַכט לאַכנדיק, כאָטשע, ער האָט עס, נעבאָך, געזאָגט גאַנץ פשוט, בתמימות, און האָט כלל ניט געמיינט יענעם דערמיט לאַכנדיק צו מאַכן. אדרבא, אַז מ'פלעגט לאַכן, פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּאָר אויגן און אָנקוקן, פאַר־וואָס מ'לאַכט. פאַריבל האָבן דערפאַר פלעגט ער קיינמאָל ניט, וואָרים ער איז בטבע געווען אַ גוטער, אַ שטיל מענטשל, ווי ס'גיט זיך אַמאָל אויס אַ שטילע קו; ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז מע דאַרף פאַריבל האָבן. יענער לאַכט, נו, מילא, לאָז ער לאַכן, מסתמא האָט ער דאָך הנאה. — — — ביי זיך אינדערהיים האָט סענדערל קיין האָניק ניט געלעקט. זיין ווייב איז געגאַנגען אין ספּאָדיק און ער האָט געהאַט ביי איר אַ ווייסטן, ביטערן חלק. זי פלעגט אים האַלטן אין דער מורא, אַמאָל דערלאַנגען אַ זעץ, און ער, נעבאַך, האָט עס געמוזט מקבל באהבה זיין. אונטער אַ יום־טוב פלעגט זי אים אָנידערשטעלן אויסווייסן די שטוב און אונטערבינדן אים

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

דאָס בערדל מיט אַ טיכל, ער פלעגט איר שיילן קאַרטאָפליעס, קאַטשען און בראָקן לאָקשן, אָנפילן פיש, אָנטראָגן און אַריינ־לייגן אין אויוון האָלץ און אונטערהייצן, אַקוראַט ווי אַ אידענע. דעריבער האָט מען אים טאַקע גערופן: „סענדערל די אידענע".

„מסעות בנימין השלישי"

סטעמ־פעניו

סטעמפעניו איז עפּעס ניט ווי אַלע אַנדערע מענטשן מיט זיין פּנימל, מיט זיינע תנועות און מיט דעם גאַנצן אויסזען זיינעם, מישטיינס געזאָגט. ביי מענטשן האָט איטלאַכער פאַר זיך, איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל, זיין אייגן געשטאַלט, זיין אייגן פּנים, כאָטש פרימעטעס אַראָפּצונעמען פון אים. אָבער סטעמפּעניו, איז שווער צו זאָגן, וואָס אייגנטלאַך פאַר אַ פּנים ער האָט, ווייל וואָס אַ רגע ווערט עס אַלץ אַנדערש, לויט דעם, וואָס אים אויף דער לונג, אויף דער צונג, און לויט די אָנשטעלן זיינע בשעת מעשה אין דער מינוט. מאָלפּעס מיט זייער שטייגער נאָכקרימען זיך האָבן זיך געמעגט באַגראָבן, אַקעגן זיינע העויהלאַך. ניט תמיד אָבער האָבן אַלע טיילן פון פּנים אויסגעדריקט איין זאַך, נאָר אַמאָל האָט איטלאַכער פון זיי אויסגעדריקט עפּעס גאָר אַנדערש: בשעת איין זייט פּנים איז פאַראומערט, איז די אַנדערע פול מיט פרייד, איין אויג וויינט, די אַנדערע לאַכט. מעוברתע איז געווען אַ סכנה אָנצוקוקן אים דענסטמאָל, זיי זאָלן ניט מפּיל זיין פאַר שרעק. קיינמאָל האָט מען ניט געזען סטעמפּעניון אין שול, ניט אינדערוואָכן, ניט שבת און יום־טוב. אויך האָט מען אים ניט געזען האַלטן אידישקייט. פונ־דעסטוועגן האָט דאָס קיינעם ניט געאַרט, גאָרניט מאַכנדיק זיך פון אים, גלייך ווי זיי וואָלטן אים אַרויסגעלאָזט פון דער ערבות, און זאָל ער זיך טאָן וואָס ער וויל. געַנוג, זיי זיינען שוין מער ניט ערב פאַר אים. סטעמפּעניו ווייסט שפּרוכן צו קדחת, צו צאָנוויי־טיק און צו נאָך און נאָך מכות. ליבע־פלעשלאַך אַזוינע האָט ער געהאַט, וואָס איין טראָפּן דערפון, אַרויפגיסנדיק ביי אַ מאַנדזביל אויפן קלייד, אָדער ביי אַ נקבה, איז גענוג געווען ער זאָל זיי אָנ־צינדן אַ פייערדיקע ליבע איז האַרצן. און אַ סך בעלנים פונם עולם

קליין־מענדעלע

זיינען געווען אויף דידאַזיקע פלעשלאַך זיינע, וואָס זיינען באַקאַנט געווען אונטער זיין נאָמען.

אַ מין פידעלע האָט סטעמפּעניו געהאַט, אויף וועלכן ער פלעגט, מישטיינס געזאָגט, שפּילן אין די וועלדער, אין דערפער, אין שיינקען, און אין אַלע יענע ערטער, וואו שקצים מיט שיקסעס פלעגן טאַנצן אין זייערע אַ חגא. ער פלעגט דאָרט לוסטיק מאַכן דעם עולם אויך מיט פּאָקוסן און אָנשטעלן: שלינגען שטיקער פייער און ציען פונם מויל לאַנגע סטענגעס, צעברעכן אייער אין היטל און ארויסלאָזן דערפון פליענדיקע טויבן; נעמען עפּעס אַ מטבע ביי איינעם, אַ בלאָז געבנדיק אויף איר, און זי פלעגט ניט ווערן, און פלעגט זי דערנאָך געפינען אין קעשענע ביי יענעם. האָט ער געוואָלט — איז פון דער העלער הויט ביי אימיצן גע־האַנגען אַ שלאָס אויפן מויל. סטעמפּעניו איז ניט איינגעזעסן אויף איין אָרט, נאָר ארומגעוואַנדרעוועט שטענדיק פון איין אָרט צום אַנדערן, וואו עפּעס אַ געזעמל, אַהאַ, דאָרטן איז ער.

„דאָס ווינטשפינגערל"

שמואל דער טאָנ־דעטניק

אַ גאַנצן טאָג, פון פרי ביז אינדערנאַכט, לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכן, שלאָגט־אָפּ די טירן צו קויפן און פאַרקויפן זיין סחורה. ער איז געקרומט, געבויגן, מיט אַ בלייך פּנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות. אָנלויפנדיק זיך ווי אַ הונט, קומט ער מיד, צעבראָכן אין זיין ווייסט שטיבל — אַ קאַנורע, מיט עטלאַכע גראַשן פאַרדינסט, און אַמאָל גאָר מיט אַ ליידיקער קעשענע, כאַפּט אָפּ עפּעס, וואַרמעס מיט וועטשערע אינייגעם, און טוט זיך אַ וואָרף שלאָפן. ער ליגט, נעבאַך, ווי אַ געהרגעטער, פילט אין זיך ניט קיין גאַנץ אבר. גאַנץ פרי שטייט דער טויטער אויף, מישטיינס געזאָגט, תחית־המתים, און ווייטער לויפן, ווייטער אַרומיאָגן זיך. אַזוי פאַר־ברענגט ער זיין הינטיש לעבן די גאַנצע וואָך.

פרייטיק־צו־נאַכטס באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים — אויסגעשמירט, אויסגעוואַשן ריין אין איטלאַכס ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, אויף אים דריי מעשענע.

װעגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

אויסגעשייערטע לייכטער, מיט די בענטשליכט, און צוויי שיינע קוילעטשן, אפגעשמירט מיט געלכן פון אן איי, שיינען פונדער־ווייטנס, פארנעמען די אויגן. אין שטוב הערשט עפעס א זיסע רואיקייט, ס׳שמעקט א ריח פון צוגעדעמפטע שפייזן, וואס שטייען אויפן פריפעטשיק איבערגעדעקט מיט א קישן. — — — דער טאנדעטניק איז שוין ניט מער קיין הונט, ער איז א פרינץ, עפעס האט ער באקומען א נייע נשמה, א נייע הויט. ער מאכט קידוש, וואשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאס ווייב, די פרינצעסן, און די קינדער ארום אים, מ׳שטופט דעם גאפל, די לעפל און מ׳כאפט א שטיקל פיש, א לאקש, א ביינדל, אביסל צימעס — אזעלכע מאכלים, וואס מ׳האט עס א גאנצע וואך אין די אויגן ניט געזען. — — — אזוי פרייט זיך א מעת לעת דאס הארץ, „א פרייד, א שמחה אויף די אלטע אידן, זיי זיינען פריי פון זארג און שטארק צופרידן".

„דאס ווינטשפינגערל"

וועגן אידישע שטעט און הייזער:

גלופסק
טונעיאַדעווקע
אַ אידישע גאַס
אידישע הייזער
אַ שטוב מיט באַלעבאַטישקייט
באַטאָג אין אַ אידנס שטוב
דעם זיידנס שטוב
אַ פרימאָרגן אין שטאָט
אַ זומעראָוונט
שבת באַטאָג
שבת פאַרנאַכט

גלופסק

גלופסק איז אַן אמתע אידישע שטאָט מיט אַלע פּישטשעווקעס. פון אַרכיטעקטן, וואָס בויען הייזער מיט אַ פּלאַן און מיט אַ סדר, האָט זי קיינמאָל ניט געהערט. אירע הייזער הויבן זיך ניט אינדערהויך, קריכן ניט מיט חוצפּה אין הימל אַריין, נאָר זיי שטייען זיך נידעריק, ווי די ניונקעלאַך, טייל איינגעבויגן, די דעכער אַראָפּגערוקט ביז דער ערד, אַלע אָן פאַרב, אָן צאַצקעס, אָן פּוצן פון דרויסן. דער איד ווייסט, אַז „שקר החן והבל היופי", די אַלע שמאַכטעס זיינען ניט ווערט אַ צעבראָכענעם דרייער. די דירה ביי אידן האָט אַ ווערט נאָר פון אינעווייניק; דאָרט איז ביי אים דער גאַנצער עולם־קטן: דאָס בעט און דער טיש און דער צעבער און די קינדערלאַך, זאָלן לעבן און געזונט זיין, און אַלצדינג, וואָס אַ איד פאַרמאָגט, פון דער שאַפע מיט די קופּערנע פענדלאַך, ביז די קידטעפּלאַך און דעם בעזים מיט דעם אַריינגעשטעקטן פּלאַקן אין מיטן. דער מנהג פון רערן אויף אָפּצופּירן די רעגן־וואַסער און פון שטיינערנע בריקלאַך פאַר די טירן איז דאָ ניט אָנגענומען; דעם צעבער און די טעפּלאַך גיסט מען אויס פּונקט אַנטקעגן טיר, קומען חזירים און באָדן זיך ביזן האַלדז אין בלאָטע און צעגראָבן דאָס געדיכטע אָרום און האָבן תענוג. הויבט זיך, ברוך השם, אַ געשמאַקער ריח און זעצט אין נאָז אַריין. אַז ס'קומט אַמאָל אַ סטראַזשניק, אַ צורר, און הויבט־אָן דולן אַ מוח, ס'זאָל זיין ריין, פאַרשטאָפּט מען אים דעם פּיסק מיט אַ טרונק בראָנפן און אַ שטיק חלה. וואָרים די חלה, דאַרפט איר וויסן, האָט אין זיך ניט נאָר אַזאַ טבע, אַז זי פאַרקערעוועט דעם פּלאַם פון די פרייטיק־צו־נאַכטיקע ליכט—וואָס דאָס איז בדוק ומנוסה שוין פון לאַנגע יאָרן—נאָר זי איז אַ סגולה צו אַזוינע חברה־לייט אויך, צו פאַרקערעווען זיי פון דער אידישער גאַס. בשעת הדחק, אַז ער טשעפּעט זיך זייער שטאַרק, גיט מען אים אַ שטיקל געהאַקטע פיש, אָנגעפילט מיט ציבעלעס און מיט קנאָבל, ווערט ער גאָר ווייך, ווי אַ פּוטער, און אַלצדינג בלייבט ביים אַלטן — עולם כמנהגו. — — — וויפיל

קליין־מענדעלע

מאָל האָט מען זי (גלופּסק) געזידלט בפּרהסיא פאַר די גריבער אין מיטן גאַס, פאַר די שטיינער, וואָס ליגן צעזייט און צעשפּרייט איבערן מאַרק, שטיינער מיט שאַרפע שפּיצן, ווי די מעסערס, רחמנא לצלן, וואָס מ'פאַרטשעפּעט זיך פאַר זיי און מ'פאַלט און מ'ברעכט רוק־און־לענד, באַהיט זאָל מען ווערן; וויפיל מאָל האָט מען זיך געבייזערט פאַר די טויטע קעץ מיט די געפּייגערטע הינט מיט אַלער־ליי אַנדערע שרצים, וואָס מ'וואַרפט אַרויס, וואו ס'טרעפט זיך — און גאַרניט, זי האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק. — — — פיל הייזער זענען דאָ אין ג., וואָס זעען באמת אויס נאַר ווי לעבער, און אַ סך האָבן אַ פּנים, ווי די געצעלטן פונם טאַטער; פון זייער אַנ־בליק און פון זייער שטיין זעט אויס, זוי זיי זיינען איינער מיט דעם אַנדערן עפּעס ניט שוה בשוה: דו שטייסט אַריינגערוקט, ווייל איך מיר שטיין, דיר אויף צו להכעיס, אַרויסגערוקט; דו שטייסט פּאַפּעריק, איך וויל מיר שטיין קאַפּויר; דו ווילסט אין דרויסן אַ טרעפּל און איך — דווקא אַ לייטערל, ווער ס'באַדאַרף, וועט ניט קראַנק זיין קלעטערן.

„צוריק אַהיים“

טונעיאַ־דעווקע

אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אינדערזייט פונם טראַקט, כמעט אָפּגע־ריסן פון דער וועלט אַזוי, אַז ווען אַמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אַהין צופאָרן, עפנט מען די פענצטער, די טירן, און מ'קוקט פאַר־וואונדערט אָן דעם פרישן פאַרשוין. שכנים פרעגן איינער ביים אַנ־דערן, אַרויסקוקנדיק פון די אָפענע פענצטער, קשיות: „האַ, ווער זאָל עס אַזוינס זיין? פונוואַנעט האָט ער פּלוצלונג, פון דער העלער הויט, אַהער זיך גענומען? וואָס קען אַזעלכער באַדאַרפן? האָט ער עפּעס ניט אַ מיין? עפּעס אַזוי גלאַט קען עס ניט זיין, גלאַט אַזוי דען נעמט מען און מ'קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מ'מוז עס דערגיין“... דערביי וויל איטלאַכער אַרויסווייזן זיין חכמה, זיין געניטשאַפט, בויך־סברות פאַלן ווי מיסט. — — — דער שמועס מכות דעמדראָזיקן ענין קייקלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי אַ קויל פון שניי, און ווערט קייקלענדיק זיך אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז

װעגן אידישע שטעט און הײזער

ער קײקלט זיך אַרײַן אין בית־המדרש סאַמע אונטערן אויװן, אין דעם אָרט, װאָס אַהין פאַרקײקלען זיך אַלע שמועסן פון אַלערלײ ענינים.

„מסעות בנימין השלישי"

אַ אידישע גאַס

אײן בלאָטע, װײטער אַביסל די צװײטע, נאָך װײטער אַביסל די דריטע, סאַמע די גרעסטע, װאָס אַהינצו לויפן אַרײַן, מחילה, רינשטעקלאַך, אי באַלעבאַטישע פּאַמױניצעס, און ברײנגען מיט זיך אַן פון כל־טוב. איטלאַכן טאָג עפּעס אַן אַנדער מין סחורה, אַנדערע סאָרטן חפצים פון אַלערלײ קאָלירן און פאַרשײדענע מיני ריחות, װי עס פּאַסט צום ענין, און דורכדעם איז זײער גרינג צו טרעפן דעם טאָג. גיסן זיך אַהין, אַשטײגער, געלע לױשקעלאַך פון זאַמד, מיט װעלכן מ׳װאַשט די פּאָלן, און טראָגן מיט זיך אַן לישקעס פון פיש, דרױב־פּיסלאַך, קעפּלאַך פון הינער, אַ שטיקל האָר מיט פאַרברענטע קאָפּיטעס — זאָלט איר האָבן אַ סימן: הײנט איז פרײטיק, נעמט אַ בעזים מיט אַ ראַשקע און לױפט, זײט מוחל, אין מרחץ אַרײַן. טראָגן זיך אַהינצו אַן שאָלאַכץ פון אײער, פון ציבעלעס, פון רעטאַך, סובעזשילעס פון לעבער מיט עקן פון הערינג און גרויסע אױסגע־הוילטע מאַרך־בײנער — אַהאַ, גוט שבת אײַך אידישע קינדער! זאָל אײַך װאױל באַקומען גאָבן קוגל. זעט איר אָבער די רינשטעק־לאַך קוים־קוים װאָס זײ רירן זיך, עס שלעפּן זיך דאָרט פאַרברענטע שטיקלאַך קאַשע, פאַרדאַרטע שטיקלאַך טײג, אַ צעריסענע שמאַטע מיט אַ צעפּאַלענעם װיכעטש, איז אַ סימן: דאָס איז הײנט זונטיק. דער װאַסערפירער האָט נאָך ניט געבראַכט קײן װאַסער, קוים װאָס מ׳האָט אױסגעזױגן אַביסל פון דער פּאַס אױף אױסצװאַשן װי־ס׳איז באַטש די טשאָלנט־טעפּ מיט די מאַקערטעס. און אַזױ אין אַלע איבעריקע טעג פון דער װאָך האָט איטלאַכע לױזשע איר באַזונדער פּנים, איר באַזונדער געשטאַלט מיט איר באַזונדער ריח.

און אַז איר זײַט בשלום אַריבערגעקומען דידאָזיקע בלאָטע אױך, װעט איר, רבותי, גײן פאַרבײַ אַ הױפן בערגל מיסט, דאָס איז אַן איבערגעבליבענער זכר פון אַן אָפּגעברענטן הײזל, װאָס אױבן שטײט נעװײנטלאַך אַ בהמה, גלײַך װי אַ קעלביקער מגיד,

קליין־מענדעלע

איז גאַנץ רואיק זיך מעלה־גרה, מאַכט מיט דעם מויל און קוקט טאַמעוואַטע אויף דעם גאַנצן עולם אידן, וואָס לויפן אונטן, ווי די פּאַרסאַמטע, מיט אַלערהאַנט שטעקנס, שטעקלאַך און פּאַראַסאָלן, טוט דערביי אַמאָל אַ סאָפּע, אָדער אַ קיאַישן זיפץ, טאַקע נאָר גלייך, ווי זי וואָלט געזיפצט און געקרעכצט, מישטיינס געזאָגט, אויף דעמדאָזיקן עולם, אויך אויף איר שלימאַזל, וואָס זי איז, נעבאַך, אַריינגעפאַלן אין אידישע הענט... איבערקומענדיק דאָס בערגל וועט איר גיין גלייך, גלייך, אַלץ גלייך. — — — דאָרט שטייען קלייטן, קלייטלאַך, שאַפעס און די באַקאַנטע גנבה־שאַפעלאַך, וואו באַלמעלאָכעס זעצן דאָרט אַף דעם יתור: שטיקלאַך מאַטעריע, טאַשמעס, בענדלאַך, סאַמעט און שטיקלאַך פּעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זייער שטאַרק, עס שוויבלט און גריבלט, אַ געדיכטער עולם אַן עין־הרע: אידן שטופּן זיך און כאַפּן, נעבאַך, פון איטלאַכער זייט דישלעס פון וואָגנס און פּאַרקעס. — — — דאָרט הערט מען תמיד אַ קול „הייסע באַבקעס, אידעלאַך! אַהער, הייסע רעטשאַניקעס, קנאַבל, ציבעלעס, אידישע קינדער!“ פון אָפּגעריסענע אינגלאַך, וואָס גייען אַרום און שרייען מיט עפּעס אַ משונה־ניגון. דאָרט כאַפּט מען אַמאָל פאַרנאַכט אַ דאַוון, מען איז מחדש גאַנץ הויך די לבנה און מען שרייט דערביי צו איטלאַכן, וואָס גייט נאָר פאַרביי: שלום עליכם, פעטער! דאָרט שטייען טרעגערס אַרומגעגאַרטלט מיט גראָבע שטריק, אויסגעדינטע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאַלאַוועס און אויסגעריבענע שינעלן, טאַנדעטניקעס מיט אַלטע תחתונים, קאַפּטנס, לייבלאַך און נאָך אַלערליי שמאַטעס. אינמיטן שטייט דער פּאַני סטאַראָזש און עסט געשמאַק אַ שטיק אידישן קוילעטש, וואָס ער באַקומט שבת פאַר די ליכט אָפּשנייצן, און היט זיך, להבדיל, ווי אַ שמירהניק, בשעת ער גיט אַ ביס, עס זאָל, חלילה, קיין ברעקל ניט אַראָפּפאַלן. קעשענע־גנבים דרייען זיך דאָרט אַרום צו מאַכן די קונץ. עפּעס אַ פאַרשמירט מיידל מיט צעשויבערטע, צעפּאַטלטע האָר שפּרינגט פּלוצלונג פון דער העלער הויט אַרויס, רעוועט, בעט אַ נדבה אויף אַ צעריפּעטן קול, כאַפּט־אָן פאַר דער פּאָלע און שרייט, כאָרכלט וויינענדיק, גלייך ווי איר וואָלט זי געקוילעט און צוגענומען ביי איר נעלט. אַ פּעקל ווייסע־חברה לויפט דאָרט מיט אַ

װעגן אידישע שטעט און הײזער

אורא נאָך עפּעס אַ משוגענעם, װאָס זינגט טרויערדיקע לידלאַך, האַלב אידיש, האַלב פּויליש, און טראָגט אויפן קאָפּ אַ צעקנייטשט קאַפּעלישל. דאָרט שטייט אַ בחור מיט עפּעס אַ מין קעסטעלע, אידן קוקן אַהינצו אין לאַך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געװײנטלאַכן פּזמון : „דאָס איז לאָנדאָן, דער פּויפּסט פּאָרט דאָ רייטנדיק אין רויטע הויזן און אַלע שטייען פאַר אים אָן אַ היטל ! איצט זעט איר, װי נאַפּאָלעאָן מיט זיינע פראַנצויזלאַך שלאָגן זיך מיט דעם פּריים, און די פּרייסן צעלויפן זיך װי די טאַראַקאַנעם ! אָט אַצינד קומט פאָר, װי איינע פאָרט אייניגעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט די בייטש און טרייבט־אָן. די פערד האָבן זיך איבערגעשראָקן, אויסגעקערט די קאַרעטע, דער תוגר, נעבאַך, איז געפאַלן, זיך אַ גוטן זעץ געטאָן, און זי זוכט אין איילעניש װי זיך אויסצודרייען ! נו, אַ סוף, גענוג שוין צו קוקן פאַר אַ האָרטן גראָשן”... דאָרט זיצן שורות־װייז אויסגעזעצט אידענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלייגט מיט בינטלאַך קנאָבל, מיט אוגערקעס, קאָרשן, אַגרעסן, װיינפּערלאַך, ארץ־ישראל־עפּלאַך, כל־נדרי־באָרלאַך מיט נאָך אַנדערע זאַכן. אין דער זייט שטייט אויף הינערשע פיסלאַך אַן אַלטע, איינגעהויקערטע בודקע, אָן טיר און אָן פענצטער, װאָס כּפי אַלטע, גרייז־גרויע אידן דערציילן, איז אַמאָל דאָרט געשטאַנען אַ בודאָטשניק און די גאַנצע שטאָט איז דענסטמאָל געלאָפן אָנקוקן די בודקע מיט דעם סאָלדאָט אויף חידושים.לעבן דער אַלטער בודקע, מיט װעלכער גאַנץ גלופּסק איז זיך מיחס װי מיט עפּעס אַן אַלטן קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס אַ מין דעכל, באַדעקט מיט עטלאַכע פאַרשימלטע ברעטלאַך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָגאָזשעס, אָנגעשפּאַרט אויף פיר קרומע, אויסגעבויגענע סלופּעס, זיצט דװאָסיע די סעדעכע, אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט מולטערס. ביי איר געפינט זיך תמיד איר גרויסער פּייערטאָפּ, װאָס װינטער זיצט זי אויף אים, װי אַ קװאָטשקע אויף די אייער, דעם גאַנצן טאָג כּסדר, נאָר װאָס זי כאַפּט אים אַמאָל פון אונטער איר אַרויס אונטערצובלאָזן די קוילן און אַרויסצונעמען פונם אַש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

„מסעות בנימין השלישי”

קליין־מענדעלע

אידישע הייזער

ביי אונדז, אין די אידישע שטעט, זיינען דא הייזער, טאקע וואס הייזער הייסן, נידעריקע, אן חכמות, אן קונצן, מיט די טירן צו דער גאס. איין קליין שטופעלע די טיר, קומסטו גלייך אין שטוב אריין, ברויכסט ניט מאכן קיין גרויסע צערעמאניעס, אט איז דאס גאנצע באלעבאטישקייט, אלצדינג וואס נויטיק איז צום עסן, צום שלאפן. באדארפסט אביסל וואסער, האסטו עס, באדארפסט די פאמויניצע, איז זי דא, וואש די הענט און זאג דיר „אשר יצר" וויפיל דיין הארץ גלוסט. אט איז דער באלעבאס, די באלעבאסטע, דאס הויזגעזינט, זאג : גאט־העלף! שטרעק־אויס די האנט, באקומסטו דיר דיין נדבה, א קוש די מזוזה און גיי דיר געזונטערהייט ווייטער. היינט איז טאקע גאר פון דרויסן גרינג צו דערקענען א אידנס הויז, דאס בערגעלע מיסט, דאס רינשטאקל, די פענצטער, די ווענט, דער דאך שרייען : „דאס איז א אידיש הויז". אין דעם ריח אליין דערקענט איר, אז דא זיצט א איד...

„פישקע דער קרומער"

א שטוב מיט באלע־באטיש־קייט

פיר פאר מעשענע לייכטער, א זעקסרערנדיקער הייגנלייכטער אויבן מיט אן אדלער, צוויי קופערנע פארעווע טעפ מיט א פינף קופערנע פענדלאך, א פאלעצע צינענע טעלער און, אוודאי, אנטקעגן א טוץ טעמבעקאווע לעפל, צוויי זילבערנע בעכערלאך, א הדסל, א חנוכה־לעמפל, א ציבעלע־זייגער אין צוויי קופערטעם מיט א גראב קייטל פון זאמד־פאטשערקעס, צוויי קי מיטאמאל און א טעלעצע אויף דער צייט, צוויי שבתדיקע קאפאטעס וכדומה נאך און נאך אזא גוטס...

„מסעות בנימין השלישי"

באטאג אין א אידנס שטוב

דארט מאכט זיך קיין רגע ניט צו די טיר, ס'גייען ארעמעלייט, יונגע און אלטע, ווייבלאך, מיידלאך און קליינע קינדער. איינער גייט ארויס, דער אנדערער קומט אריין. בתוך הבאים קומען־אן גבאיטעס מיט זייער חן. דערנאך טוען זיך א לאז שיינע אידן אין זיידענע קא־פאטקעלאך, פארדרען געלט פאר זייערע זכות־אבות. נאך זיי קומט אריין א מגיד, א נשרף, א ירושלמי, א משולח, אן עגונה מיט אלטע

פארשימלטע כתבים. באלד נאכדעם קומט א שמש פון דער שול, מאנט פאר א שטאט, פאר אן עליה, פאר א „מי שברך“. פאר א „מלא“ און פאר א „נדר“; ערשטע אפגעפארטיקט זיך מיט דעם, גיבן זיך, איינער נאך דעם אנדערן, א שאט א פעקל פארשיידענע גבאים, מיט פושקעס און אן פושקעס. איינער מאנט מעמדות אויף ארץ ישראל, דער אנדערע עפעס אויף תלמוד תורה, דער דריטער בעט אויף הכנסת־כלה, דער פערטער אויף דעם הקדש, דער פינפטער אויף חברה משניות, דער זעקסטער אויף חברה נר תמיד וכדומה נאך און נאך חברות. בינתים קומען צוויי בכבודיקע באלעבאטים מיט ברייטקייט, רוימען עפעס שטילערהייט איין אין דעם אויער, זאגן דערנאך הויך אויפן קול מיט א זיפץ: „היינט פארשטייט איר שוין פאר וועמען?“ און נעמען... — — — הכלל, מ'רייסט פון אלע זייטן, איטלאכער גיט א כאפ, א קניפ, א צופ.

„די קליאטשע“

דעם זיידנס שטוב

ביים עפענען די טיר קומט מען גלייך פון דער גאס אריין, אזוי ווי מ'שטייט און גייט, אין א חדר, א גרויס, א לאנגס, דער עיקר דירה, וואס הייסט אייגנטלאך שטוב. אין דער הינטערשטער וואנט פון שטוב אינעווייניק, אנטקעגן דעם אריינגאנג, פירט א טיר אין א פינצטער הויז, אן פענצטער, אן א באלקן — אן ארט פאר האלץ וכדומה נויטיקע זאכן אין דעם באלעבאטישקייט, און אמאל איז עס אויך א שטאל פאר דער בהמה, בשעת די גרויסע פרעסט, ווינטער, אדער ווען זי איז קעלביק, אשטייגער, און קען, נעבאך, ניט נעכטיקן, ווי געוויינטלאך, אינדרויסן. ביי דער זייט פון דערדאזיקער הינטער־טיר, לינקס, שטייט א גרויסער אויוון, אויף צו קאכן און באקן, און אונטער דעם פריפעטשאק איז דא אן ארט (א קאטוך) פאר עופות, וואס ליגן דארט אייער און קוואקען, וואס נעכטיקן דארט באנאכט, קריכן גאנצפרי פון דארט ארויס און שפאצירן זיך פריי אין שטוב ארום, פול אין איטלאכס ווינקעלע, אויף טיש און אויף ביינק. הארט לעבן דעם אויוון שטייט א רובע פון גרינע קאפלעס, א הויכע, א לאנגע, מיט צוויי ביינק: די פליישיקע און די מילכיקע באנק. אט דידאזיקע ביידע אויוונס און א וועגטל מיט טירלאך

קליין־מענדעלע

נאך זיי, וואס ציען זיך איבער דער גאנצער לייגג שטוב, צעטיילן זי אין צוויי העלפטן, איין העלפט איז די הויפט־דירה, וועלכע איז דא באשריבן, און די אנדערע באשטייט פון אלקערלאך פאר זיך און פאר שכנים. אנטקעגן דער רובע הייגגט פונם סופיט אראפ א ליימען קוימענדל, עפעס ווי א מין גלאק, מיט צוויי דראטענע קייטע־לאך, איינס אנטקעגן דאס אנדערע. אונטן ביים ראנד, צו וועלכן ס'ווערט צוגעקייטלט עפעס א מין אייזערנע סקאווארארע (א לוטש־ניק), אויף וועלכער ס'ווערט צעלייגט א פייערל פון דארע שפענד־לאך צו באלייכטן אלע אווגט די שטוב; חוץ פרייטיק־צו־נאכטס, וואס דענסטמאל ווערט עס באלויכטן פון חלבדיקע בענטשליכט אין מעשענע לייכטער אויפן טיש און אין דעם זעקסרערנדיקן קופערנעם היינגלייכטער אויבן מיט אן אדלער. דערדאזיקער „לוטשניק" גיט, ווי די זון, ליכט, ווארעמקייט דעם גאנצן הויזגעזינט און טראגט אריין פריילאכקייט, לעבן אין שטוב. ארום אים פארברייגגט מען די ווינטער־נאכט אין געזעלשאפט מיט עפעס אן ארבעט, אדער גלאט אזוי זיך א געשפרעך. ווייבער, היימישע אין אבאל אויך איינע אדער א פאר נאענטע שכנות אינדערמיט, זיצן זיך אויף דער פליי־שיקער, אויף דער מילכיקער באנק, פליקן פעדערן און ביידן די וועלט. — — —

א זיידנס שטוב איז אויסגעשטעלט געוויינטלאך אזוי: לאנגע הילצערנע ביינק ביי די ווענט, אויבנאן א לאנגער פירפיסיקער, רויטנגעפארבטער טיש מיט שווארצע און ווייסע קעסטלאך, איינס איבער דאס אנדערע געהיפערט, אינדערמיט טיש, אויף צו שפילן אין דאמקעס. דארט אין א ווינקל, פון דער העלפט וואנט ביז צו דער סטעליע, שטייט פעסט איינגעפאסט א ווינקל־שאפקעלע מיט געגלייזטע טירלאך, פון וועלכע ס'קוקן ארוים א בעכער מיט קידוש־גלעזלאך, א הדסל פון דראט־ארבעט, א חנוכה־לעמפל, א פושקעלע פאר דעם אתרוג סוכות, א מויערקעפל אויף חידושים, א טאץ מיט שעלכלאך אויף איינגעמאכטס, טעמבעקאווע און וואר־שעווער זילבערנע לעפל. גאנץ הויך אויף דער וואנט הייגגט א שפיגל, אין וועלכן ס'איז ניט מעגלאך זיך אנצוקוקן ביז מ'שטעלט זיך ניט אויף א ביינקל, און נאך אלע מי זעט מען אין אים אויס גרין

וועגן אידישע שטעט און הייזער

און געל, מיט געשוואָלענע באַקן פון ציין־ווייטיק. ס׳איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיגל, פון שיינקייט וועגן, ניט חלילה צו שפּיגלען זיך. פּע!... דערפאַר אַז מ׳איז שוין אַרויף אויפן ביינקל, זעט מען כאַטש דאָס געמעל אויף די פּאַרטרעטלאַך, וואָס הייגען ביי אים אויף די זייטן: עפּעס אַ איד אַ גאון אין טלית און תפילין, אַ מין יענעראַל אויף אַ פערד, האַלב צעביסן פון פליגן, אויך אַ „מזרח" מיט צאַצקעלאַך און משונה־ווילדע חיות, וואָס זיינען נאָך לעת־עתה אין אונדזערע לענדער ניטאָ. — — —

אַ חוץ דעם, וואָס זי דינט פאַר אַ קיך, פאַר אַן עסצימער, אויך פאַר אַ שלאָפצימער, וואו מ׳שלאָפט אויף צונויפגערוקטע ביינק ביי ווענט און ביי די אויוונס, איז נאָך אין איר געוויינטלאַך דאָ אַ שיינקל אויך. אַ גאַנצע וואָך, פאַר דעם ביסל שטאָט־גויים, דלפנים, איז דאָ נאָר בראָנפן און בייגל; בשעת די יאַרידן אָבער, אין די מאַרק־טעג, איז שוין אויסגעשטעלט פון פויגלמילך: געקאָכטע אייער, שטיקלאַך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינ־טער, בשעת די קאַליאַדעס זייערע, פאַרקלייבן זיך אהער אַלע אָוונט אויסגעפּוצטע שיקסעס מיט בחורים־שקצים אַ פולע שטוב, אַזוי איז שוין פון אייביק־אָן געשטעלט. זיי זיצן, קנאַקן נים, בלאָזן זיך, לאַכן, פלוידערן, שטיפן און פאַרזיצן זיך שפּעט, ביז מ׳שפּריצט זיי אָפּ מיט וואַסער און מ׳שטופּט זיי אַרוים — אַזוי איז אויך שוין פון אייביק־אָן געשטעלט. און ווען די שטוב טויג פאַר אַ טעאַטער, אַ פּשיטאַ־שוין טויג זי פאַר אַ קאַזאַרמע. קיין בעסער אָרט אויף צו מושטירן סאָלדאַטן, ווי אין דעם זיידנס שטוב, ווינטער אין די אָוונטן, איז גאָר ניטאָ, ס׳איז וואַרעם. ס׳איז ליכטיק, מ׳זעט ווי צו געבן — אַ פּאַטש...

„שלמה ר׳ חיימס"

קליין־מענדעלע

א פרימאָרגן אין שטאָט

אידן שטייען־אויף און קרעכצן! ווייסן ניט וואָס מ׳טוט, וואָס מ׳הויבט אָן, פון וואַנען מ׳זאָל זיך דערנערן? זייערע פּנימער זיינען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייטשן, די אויגן וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, גלייך ווי זיי זוכן עפּעס אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרן, די כוואַליעס פון דעם טאָג זאָלן זיי, נעבאַך, ניט דער־טרינקען. זיי זיפצן, זיי קרעכצן און קנייטשן די שטערנס.

„די קליאַטשע"

א זומער־אָוונט

אין די הייזער ברענט ניט קיין ליכט. טיר און טויער זיינען אָפן. מ׳עסט וועטשערע פאַר דער לבנה. נאָך דער וועטשערע שיטן זיך, ווי די מוראַשקעס, אַרויס פון די הייזער: מאַנדזבילן אָן קאַפּאָטעס, אין די איינע טלית־קטנס, ווייבער צעשפּיליעט, נאָר אין די אונטער־שטע קליידלאַך, קינדער אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט. שכנים אַ גאַנצע קופּע לייגן זיך אויס אינדרויסן, יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע איניינעם. גילדענע פּאַסן פון דער לבנה שלאָגן זיך דורך ערגעץ צווישן דעכלאַך, ציען זיך איבער קעפּ, איבער פיס אין דער קופּע מענטשן, קריכן ווייטער, ווייטער, טאַנצנדיק אויף ווענט, אויף פּליטן, און ווייזן־אָן דאָ אַ קאַץ, וואָס דראַפּעט זיך, נישטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קי, אויסגעשטרעקט אויף דער גאַס, מעלה־גרהן, אונטערשמייסנדיק זיך פּאַמעלאַך מיט די ווידלעך, און קייכן, זיפצן מיט אַ כריפּ, עפּעס ווי פונם בויך. די ערשטע עטלאַכע מינוט איז איטלאַכער באַשעפטיקט מיט זיך, מען גענעצט, שלוקערצט, מ׳טרייבט פליי און מ׳קראַצט זיך. ווייבער הויבן דערווייל אָן דעם שמועס וועגן דער היינטיקער וועטשערע, איטלאַכע מיט אירס: ביי דער זיינען די שטשיפּקעס באַטעמט געווען אַזוי, אַז דער מלכות האָט עס געמעגט עסן; ביי יענער איז דער אַרבעס צעקאָכט געווען ווייך, ווי מאַרך, אַז מ׳האָט געלעקט די פינגער. איינע דערציילט דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפן: פאַר אַ גראָשן האָט זי געהאַנ־דעלט אין מאַרק אַ מציאה — אַ רעטאַך, גרויס ווי דער קאָפּ, פון וועלכן מען האָט גענוג געגעסן אינדערפרי, אויך אַצינד אויפדער־נאַכט און ס׳איז נאָך געבליבן אַ היפּשע שטיק אויף מאָרגן, מ׳זאָל

וועגן אידישע שטעט און הײַזער

לעבן און געזונט זײַן! אַלע רײדן הויך אויף אַלערלײ דינע, קוויטשעדיקע קולות. די מאַנען ברומען לעת־עתה אונטער, מישן זיך אַרײַן גאַר, ווי פון יוצא־וועגן, גלאַט אַזוי מיט אַ וואָרט. זײ לײגן זיך דערנאָך מיטן בויך אַרויף, און פּאַרקוקנדיק זיך אויף דעם אויסגעשטערנטן בלויען הימל נעמט מען זיך געשמאַק שמועסן, וואָס עס טוט זיך אַזוינס דאָרט אויבן. — — — קינדער זיצן אויך ניט לײדיק, קיצלען זיך, דערלאַנגען אײנער דעם אַנדערן אַ קלאַפּ, אַ שנאַל אין דער נאָז הינטן־אַרום. דער פון דער נאָז טוט אַ קוויטש, יענער פונם שנאַל מאַכט זיך צום תּם, נעבאַך, גאָר אַ צדיק אין פּעלץ, און בײַזערט זיך קלאַמפּערשט: „שאַ, שאַ!" מאַמעס שילטן די קינדער: „באַנומען זאָלן זײ הלוואי ווערן!" און אַגב טאַקע זײ מכבד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס — — — פאַלן פלוצלונג פונם הימל אַראָפּ אויף דער ערד. דעם האָט אַ זשוק זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט אין באָרד, יענעם אין די פּיאות, דעם דריטן קריכט עפּעס אונטערן העמד דאָרט אויפן רוקן. אַ רויטע קו, אַ פּרעסערן, פון וועלכער ס'האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף, פּאַרקריכט, בײַם שטשיפּען גראָז, אין דער זײַט גאָס ביז צו דער גאַנצער עדה אידן, דרײט זיך צו זײ אוים מיט דעם הינטן, מחילה, און פּירט זיך עפּעס אויף פּע, ניט מיט דרך־ארץ. אַלע זידלען זי מיאוס אָפּ, טרײַבן זי און שרײַען: „הײדאַ!" אין אײן קול. זי דרײט זיך געשווינט אוים פון אידישע הענט און לויפט אַהין אין איר רו אַרײַן. דערפון שפּינט זיך עפּעס אַ לאַנגער שמועס: וועמענס קו איז דאָס? וויפיל מילך גיט די קו? וויפיל איז די קו ווערט? „שאַ, וויפיל מײנט איר, אידן, — טוט פלוצלונג אײנער אַ פרעג — זאָל ווערט זײַן די גאַנצע קאַבצאַנסקע טשערעדע, שוין מיט די ציגן אינײנעם?" אײנער שאַצט עס אַזויפיל, דער דריטער ווינטשט זיך דאָס צו האָבן, וויפיל ס'איז ווערט מער. איטלאַכן באַזונדער כאַפּט־אָן אַ ווינטשעניש און מ'ווינטשט, ווינטשט, ביז די צונג ווערט מיד רײדנדיק און מען הערט פונדערווײַטנס, ווי אײנער כראָפּעט שוין געשמאַק. די מאַנען טרײַבן די ווײַבער: קומט שלאָפן! די ווײַבער מיט זײער חן קווײנקלען זיך קלאַמפּערשט—ס'גלוסט זיך זײ גאָרניט גײן אין בעט אַרײַן און וואָלטן די גאַנצע נאַכט געזעסן דאָ, אײַנגערויסן, געשלאָפן. — — — פון ערגעץ

קליין־מענדעלע

א ווינקעלע שפרינגט ארויס פלוצלונג א ציג, וועלכע א פאר ווייסע־חברהניקעס האבן איבערגעשראקן, אונטערגנבנענדיק זיך שטילער־הייט צו איר אויף דער פריזבע דארט; זיי נאך איר, און זי אין גרוים איילעניש, יאגעניש, פוץ־אריין צווישן דער קופע אידן, ס'ווערט א מהומה, א קאכעניש, מ'גיט זיך א הויב אויף גיך און בטלענדיק חלומות, צעלויפט מען זיך געשווינט, איינער נאך דעם אנדערן, ניט צו זאגן אפילו „א גוטע נאכט!"

„דאס ווינטשפינגערל"

שבת באטאג

מנחה־צייט. גאט, ברוך הוא, האט ארויסגעצויגן די תמוז־זון פון איר פוטערפאס צו שיינען אויף זיין ליבהארציקער שטאט גלופסק, און אויסצוטריקענען אירע בלאטעס און אירע קאליוזשעס, וועלכע שטייען נאך פון פאר פסח. אין אייניקע ערטער האבן זיך שוין באוויזן סטעזשקעס צווישן די ליימיקע גריבער און פארטרי־קענטע הרודעס — אידן, עם־קדושים, זאלן קענען דורכגיין בשלום. די זלידניוועקער גאס רוישט ווי א בינשטאק, אומעטום דרייען זיך מענטשן און בהמות. אידן זיינען שוין אויפגעשטאנען פונם שבתדיקן שלאף נאכן טשאלנט, זיצן אינדרויסן און שעפן לופט. עלטערע אידן און ווייבער זיצן אויף די פריזבעס, ציען זיך, גענעצן, שפייען און שנייצן זיך די נאז מיט א שלשלת, אנדערע קייען באב און ארבעס און גייען־אוים פאר א קאלטן טרונק וואסער. לעבן זיי שפילן זיך די קינדערלאך: צוויי האלטן א דריטן ביי די ציצית און יענער העצקעט זיך, שפרינגט ווי א לאשאק; א קאמפאניע ווייסע־חברה־ניקעס גראבט זיך אין מיסט, ווי די הענער, מאכט א שטויב ביז אונטערן הימל; אן אנדער קאמפאניע שפרינגט און טאנצט אין דעם דערשטיקנדיקן וואסער פונם רינשטאק, וואס איז פון אויבן פארצויגן מיט א גרין הייטל. איין אינגעלע קומט מיט א הארטער איי, אן אנדערער מיט א שטיק חלה, די מיילער און די שפיץ נעזער זיינען אויסגעשמירט אין סאק פון געפרעגלטע יאגאדעס. חברה שטעקן ארויס די צונגען און בארימען זיך, וועמעס ס'איז שווארצער.— — —

וועגן אידישע שטעט און הייזער

אינמיטן גאס. דאָרט שלעפּן זיך אַן צוימלאָד, פראַנק און פריי, אַ פּאָר אידישע פערד, וואָס רוען זיך אויס די ביינער אום שבת קודש; די קליאַטשעס זיינען אַלטע, מיאוסע, מאַגערע, הויט און ביין, די רוקנס צעקאַרבט, צעשונדן, צעקאָרדאַשעט. מ'זעט, אַז דער באַלעבאָס האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פּוזשעלעס און קיין בייטשן. איינער, דער „אַדלער", הינקט אויף צוויי פיס, די גריווע איז ביי אים קאָלטענעוואַטע, פאַרפלאָכטן, פאַרפּלאָנטערט מיט שטרוי און פלאַקס, און אויפן האַלדז הייננט אים אַן עמער; ביים אַנדערן, דעם „לייב", איז דער האַלדז אַרומגעוויקלט מיט אַ פאַטשיילע, די אונטערשטע ליפּ הייננט אַראָפּ און ס'קוקן אַרויס די ציין — קומט־אויס, אַז ער שמייכלט. פונם רעכטן אויג רינט אים כסדר. דיביידע געטרייע חברים גייען זיך פּאַמעלאַך, טריט ביי טריט, מיט אַ פערדישן ישוב־הדעת, זיי רוקן זיך צום ברונעם, וואו מ'וועט זיי געבן אַ טרונק. הינטער זיי גייט זיך בהרחבה עזריאל דער באַלע־גאָלע. דאָס שבתדיקע העמד איז ביי אים צעשפּיליעט, ביידע עקן פונם קאַלנער פלאַטערן אויפן ווינט, ווי דאָס זעגלטוך פון אַ שיף; די ציצית פונם טלית־קטן באַמבלען זיך אַזש איבער די הויזן, וועלכע זיינען אויסגעשמירט אין סמאָלע און אין פעטס, און ס'פעלט זיי אַ קנעפּל פּונקט דאָרט, וואו ס'וואָלט דווקא געדאַרפט זיין פאַר־שפּיליעט. ער גייט זיך, עזריאל, ווי אַ מאַנאַרך. ווער איז הייננט צו אים גליידך! אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאָרעוועט, ער און די פערד, געאַרבעט עבודת־פרך: געשלעפּט אַ בויד, אָנגעלאָדן ביז אַרויף מיט אידן, געטראָגן קלומקעס מיט זעק, אויסגעשטאַנען אַלער־ליי טענות און געשרייען פון די פּאַרשוינען, וואָס זיי קענען ניט אויסציען די פיס, מ'שטופּט זיי פון אַלע זייטן, מ'קען זיך ניט רירן איבער די קערב מיט אייער און דער שטייג מיט עופות. וואָס ער האָט אַריינגעפּערעט אין וואָגן — אַ רעשטל צו די צרות; אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך געמוטשעט מיט די פערד, געשמיסן מיט דער בייטש, געבראָקט ווי אין קרויט אַריין, געשיט קללות מיט חרמות, פאַר־שאָלטן אי זיי, אי זיך דאָס געביין, אַז מ'פלעגט פאַרקריכן אין אַ בלאָטע. היינט, שבת, איז ער מלך, הייננט איז זיין טאָג. ער רוט, ער שעפּט נחת פון זיין ווייב, וועלכע גייט מיט אים נאָך די פערד,

קליין־מענדלע

די טייערע ברויטגעבער זיינע, איינעם מיט די גרעסערע און קלע־נערע קינדערלאך, וואס א טייל טראגט מען אויף די הענט, א טייל האלטן זיך פאר דער מאמעס פארטוך און א טייל גייען אליין.

„צוריק אהיים"

שבת פאר־נאכט

ס'איז טונקל. אידן ברומען, זאגן אויף א קרעכצנדיקן קול דאס קאפיטל תהילים „אשרי תמימי דרך", וואס דערמאנט אין דעם, אז די פרינצעסן־שבת קלייבט זיך אין וועג ארייז, ס'הערשט עפעס אן אומעטיקייט און ס'שמעקט מיט ראסל פון אוגערקעס. די זון איז שוין פארגאנגען, פייער־רויטע וואלקנס שרפהנען ביים עק הימל און ס'שטעלט זיך אידן פאר דער ברענענדיקער גיהנם. ס'קלינגט זיי אין די אויערן דאס שרעקלאכע באפעל: „ישובו רשעים לשאולה!" — די רשעים אויף יענער וועלט, וועלכע מ'האט געלאזט שבת צורו. זיך קייקלען דארט פריי אויף בערג פון שניי, טרייבט מען עס אצינד ווידער אין חדר אריין: גייט זיך פרעגלען אהין אין גיהנם! און מלאכי־חבלה דרייען זיך עפעס פאר די אויגן. אך, דער גיהנם! דער איד, נעבאך, זעט פאר זיך דעם גהינם.

„דאס ווינטשפינגערל"

װעגן אידישע פּרנסות:

װעגן אידישע פּרנסות
מענטשן־מוראַשקעס
דער מאַרק
דער מלמד
אַ באַהעלפער
מוכר־ספרים
שרייבער
„געזעגענען זיך"
אַריינשלעפער
אַ שידוך

אידישע פרנסות

איך האָב, ברוך השם, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַטאַ, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ כלי אַ קול נגינה, און דאַוון מוספים ימים נוראים אין דער סביבה. איך בין אַ מוהל און אַ מצה־ריידלער איינער אין דער וועלט, איך פיר אַמאָל אויס אַ שידוך, פיר איך אויס; איך האָב אַ שטאָט, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַטאַ, אין דער שול. היינט האָלט איך אייך, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַ שיינקל, וואָס מעלקט זיך צו־ביסלאַך; איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אַן עין־הרע זייער גוט, און האָב ניט ווייט פון דאַנען אַ רייכן קרוב אַטאַ, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צייט אויך אַביסל מעלקן. היינט חוץ די אַלע זאַכן, זאָג איך אייך אַטאַ, איז גאָט אַ טאַטע און די קינדער ישראל זיינען רחמנים בני רחמנים...

„מסעות בנימין השלישי"

אַ קנעלונג, אַ קלייטל, אָדער אַ שיינקל...

„ספר הגלגולים"

ער איז אַ הקדש־מאַן, אַ קברות־איד, אַ שמש אין דער חברה־קדישא, אַ משגיח אין זיין ביקור־חולים, אַ ושתי המלכה, אָדער אַ מאַנדריש אין פּורים, אַ פאַרשטעלטער בער מיט אַן איבערגע־קערטן פּעלץ אין שמחת־תורה, אַ סאַרוועך, אַן אָנשטעלן־מאַכער, אַ ווערטל־זאָגער אויף אַלע חתונות און בריתן — האָט ער נאָך אַ פרנסה דערצו, צו מאַכן חלבדיקע ליכטלאַך.

„פישקע דער קרומער"

פרנסות איז קיין עין־הרע דאָ אין גלופּסק, ווי שטערן אין הימל! וויפיל חדר־אינגלאַך, אַזויפיל איז דאָרט דאָ מלמדים און באַהעלפערס; וויפיל בחורים מיט מיידלאַך, אַזויפיל שדכנים; וויפיל קונים, אַזויפיל קרעמער; וויפיל סוחרים און פּראַצענטניקעס, אַזויפיל מעקלער; וויפיל באַלעבאַטים, אַזויפיל בטלנים; וויפיל

קליין־מענדעלע

גאַסן, אַזויפיל שולן, קלויזן, בתי־מדרשים און מנינים, און פּונקט אַזויפיל איז דאָ חזנים, גבאים, שמשים, בעל־קוראס און בעל־תוקעס; וויפיל חסידים פון פאַרשיידענע רביים, אַזויפיל רבנים, דייַנים און שוחטים; וויפיל מצות אַזויפיל בעקער, קנעטערנס, ריידלער און משגיחים; וויפיל שלעק מיט וויטיקן אַזויפיל אָפּשפּרעכער, בעלי־טובהס, קהלס סטראַפּטשעס און מוסרים. חוץ דעם דאַרף מען צורעכע־נען די קאַבצאַנסקער שיינקער, די שמאַטע־הענדלער, די פּאַרלעגער מיט די מחברים מיט די רעדאַקטאָרן מיט די מוכר־ספרים־ניקעס...

„צוריק אַהיים"

ווען מ'רעדט, למשל, פון אידישע פּרנסות, איז דאָס מויל גאָר־ניט ביכולת צו מסביר זיין אַלצדינג אַזוי פאַרשטענדלאַך, ווי די נאָז. איין קרום, איין שמאָרע מיט אַ משונהדיקן ביי־קול — און מ'זעט שוין בחוש: אַ נעבעכדיקער טאָג, אַ זאַך, וואָס ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן, עט, אַ פּוסטער, נאַרישער חלום!...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

מענטשן־מוראַש־קעס

מענטשן־מוראַשקעס, וואָס דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויס חסד זיי אַריינגעגעבן אינסטינקטן און געפילן און האָט זיי פאַרזאָרגט מיט קונציקע אברים, כדי זיי זאָלן זיך קענען זוכן זייער ברויט. אָט לויפט אַזאַ מין גלופּסקער מוראַשקע: זי האָט צוויי הער־נער אויף צו טאַפּן מיט זיי, ממש ווי צוויי הענט ביי אַ מענטשן, און זי באַטאַפּט אַלצדינג, וואָס איז טרעפט אויפן וועג; זי האָט אַ שאַרפן חוש־הריח און דערשמעקט פונדערווייטנס דאָס, וואָס זי דאַרף, ס'מעג אפילו זיין פאַרגראָבן ניין איילן אין דער ערד אָדער ס'מעג ליגן טיף ביי אייך אין קעשענע. זיי זיינען אַ שוואַכע אומה, דידאָזיקע מוראַשקעס. מיט כוח קענען זיי ניט נעמען, זוכן זיי אַלער־ליי חכמות, קונצן, איבערגעשפּיצטע המצאות, אַניט וואָלט זיי, חלילה, אויסגעקומען גאָר פּלאַטשיק. נאָך אַ דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס ער פאַרלאָזט זיי ניט, ווי אין פּסוק שטייט: „ורחמיו על כל מעשיו". באַווייזט זיך אין גלופּסק אַ נייער נפש, ווערט אַ טומל,

וועגן אידישע פרנסות

א קאַבעניש, מ'לויפט זיך צונויף, מ'שטעלט זיך אים אַרום פון אַלע זייטן, מ'באַשמעקט אים, מ'באַטאַפּט אים, וואָס איז ער פאַר אַ בריאה, מ'טאַנצט און מ'שפּרינגט פאַר אים אין איין אָטעם. אויף איין שטיקל ברויט וואַרפן זיך גאַנצע כאַפּטעס מוראַשקעס. פאַר איין קערנדל האַלט זיך מיט די ציין אַ גאַנצע עדה.

„צוריק אַהיים"

דער מאַרק

דער מאַרק מיט זיינע סוחרים און מסחרים, מיט זיינע אָפּנאַרער און אָפּגענאַרטע, — — — פּעקל קבצנים, אביונים, דלפנים, געפּאַ־לענע, אָפּגעקומענע, נויטבאַדערפטיקע, הונגעריקע, ליידנדיקע, קראַנקע, צעבראָכענע, דאַרע־קוואַרע, בלייכע מיט אויסגעצויגענע פּנימער. ס'דרייען זיך אַרום טאַנדעטניקעס, הענדלער, מעקלער, פאַרטראַכטע, מיט היטלאַך פאַרריסענע, אידן מיט זעקלאַך, אידן מיט שטעקעלאַך, ליידיקגייער, בטלנים. אַלע לויפן ווי די משוגעים, נישטערן, זוכן פּרנסה, ווי־ס'איז צו לעבן, צו דערהאַלטן די נשמה פון זייערע ווייבער און קינדער. אַלע זיינען פאַרטראַגן, צעטראָגן, אַלע טראַכטן ווי־אַרום עפּעס אַ פאַרדינסטל צו דערטאַפּן און ביי יענעם מיט אַ המצאהלע אויסכאַפּן.

„די קליאַטשע"

דער מלמד

דער מלמד איז אַליין געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זייער פיל געשעפטן, אָן עין־הרע, ער איז געווען אַ שטיקל שדכן, פול געווען אויף אַלע חתונות, בריתן און לויות. געווען אַ באַשטענדיקער עדות אויף גטן. חוץ דעם האָט ער געראַפּט אָפּשפּרעכן עין־הרעס, איבערקוקן מזוזות, און פון אַלע מלאכות, זיך אָפּרייסן ציין, דאַנערשטיק און פרייטיק מיט אַ פּושקעלע אין די הייזער אַרומצוגיין. נאָר דעם שבת מעג מען אים נאָכזאָגן, אַז די שעה צייט, וועלכע ער האָט זיך גע־נעמען צום קנעלן, האָט ער געאַרבעט געשמאַק מיט אַלע כלים. דידאָ־זיקע קורצע צייט איז אים גאַנץ נענוג געווען אויף איבערצושמייסן אַלע קינדער, און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן עטלאַכע ליידיקע מינוט צייט אויך אויף צושפּאָרן זיך מיטן קאָפּ צום טיש, אַביסל זיך אויסרוען, אָדער קראַצן די באָרד, קרעכצן, גענעצן וכדומה אַזעלכע מלאכות.

„דאָס ווינטשפּינגערל"

קליין־מענדעלע

א באהעל־פער

(אלע טאג אינדערפרי) בין איך געלאפן צונויפנעמען די קינדער אין חדר אריין. דא האט זיך אנגעהויבן גאר א ניי קאפיטל — דער „מודה־אני" מיט אלע תרי"ג באהעלפערשע מלאכות: פוצן שטיוועלאך, שיכלאך, ארויסנעמען נאסע אינגלאך פון אונטער די איבערבעטן, אויסזוכן זיי דאס אנטאן, פארשפיליען שפענצערס, אפרייסן שלומפערס, אפבלאזן פעדערן פון יארמעלקלאך, אפווישן נעזלאך. שלעפן מיט גוואלד פון דער שטוב און ארויסשטופן אינדרויסן... אט אזוי בין איך געגאנגען פון שטוב צו שטוב, ביז איך האב צונויפגעזאמלט די גאנצע קאמאנדע. — — — פארויס און אונטער מיר לויפן, שפרינגען, קריכן אינגלאך אין דער „פאלנער פארמע", מיט ארויסגעשטעקטע העמדלאך אונטן פון שפענצער, דער גייט טרויעריק מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ, ווי צו דער שחיטה, יענער האלט א שטיק ברויט מיט אן איי און עסט, איינער מאכט קוקוריקו! און דער אנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אליין גיי האפערדיק אינדערמיט, אנגעלאדן אין די קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין א קוישל אויפן ארעם—פלעצלאך מיט פוטער, ברויט באשמירט מיט שמאלץ, רעפטלאך ברויט מיט א ווידל פון א הערינג, טעפלאך קאשקע, זויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאבל און שאר ירקות, און פיר פון ביידע זייטן ביי די הענטלאך צו האלב טוץ אינגלאך. א טייל אינגלאך כליפען, סמארען מיט דער נאז, א טייל שפארן זיך איין און ווילן ניט גיין, א טייל פארדרייען דעם קאפ אהינטער, וויינען, שרייען: מאמע, מאמע! הויך אויף א קול איבער דער גאנצער גאס... — — —

פארנאכט איז געקומען די צייט אפצופירן די באפטע קינדער אהיים. מיינע צאן־קדשים זיינען לוסטיק געלאפן, געשפרונגען, דער מיט אן אונטערגעשלאגן אויג, יענער מיט בלויע צייכנס אויף דער באק. איינעם האט געפלאמט אן אויער, דעם אנדערן איז אביסל אויסגעצופט געווען א פיאה. קיינער אבער האט פאר שמחה דערויף זיך גאר ניט געמאכט. אלע האבן געשטיפט, געאיילט, געיאגט לעבעדיק־פריילאך.

„דאס קליינע מענטשעלע"

וועגן אידישע פרנסות

מוכר־ספרים

א אידישער מוכר־ספרים האט אליין מכות וואס צו עסן און פייגערט מיט זיין ווייב און קינדער צען מאל אין טאג פאר הונגער...

„די קליאטשע"

אידישע ספרים זיינען ניט אזא סחורה, וואס מ'קויפט זיי פאר מזומנים, אפצאלן דאס גאנצע געלט אויפן ארט איז קיינער ניט מחויב; אידישע ספרים — אדער מ'קויפט דורך א בייט: נא דיר, וואס מיר איז איבעריק, גיב מיר, וואס ס'גייט ביי דיר ניט, אדער בשעת דער קניה באצאלט מען האנטגעלט און דאס איבעריקע לייגט מען אפ אויף א זמן, ני גלאט אזוי, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן, דער פדיון וועט ווערן גרעסער. —

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

שרייבער

דער מינדסטער פון די שרייבער איז ביי זיך א גדול, קליגער פון דער גאנצער וועלט, ביי אים איז אלץ איך און איך... אט אזוי זאג איך, אזוי מיין איך און אזוי ראט איך...

„שלמה ר' חיימס"

מחברים זיינען גרויסע פלוידערזעק, ריידן מער ווי ווייבער.

„שלמה ר' חיימס"

שרייבן איז ניט מער ווי א שגעון, א מין שלאפקייט, אזוי ווי, למשל, די תאווה ביי א סך אידן צו שטעלן זיך דאוונען פארן עמוד, כדי ארויסצואווייזן פארן עולם דאס קול־נגינה זיינס.

„שלמה ר' חיימס"

מכאבאר כיבארים! ביי אונדז אויף אידיש הייסט עס פראסט — קבצן, טארבע...

„פישקע דער קרומער"

קליין־מענדעלע

דידאַזיקע מלאכה (שרייבן ספרים) איז גרינג נאָר דע־מאָלט ווען זי איז ריין, דאָס הייסט, ווען דער מחבר איז ריין פון קענטנישן, ווען ער האָט ניט געלייענט די ווערק פון אונדזערע חכמים, ניט אַריינגעקוקט אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, ניט גע־לערנט, געקלערט, ניט פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען, — אים איז דאָס גרינג, ער האַקט אין קרויט אַריין, באַשאַפט גאָר פון גאָרניט, ווי אים ווילט זיך — ווער קען אים זאָגן אַ דעה? די מלאכה איז אָבער זייער שווער פאַר אַזוינעם, וואָס האָט אַמאָל יאָ געלערנט, אַריינגעקוקט אין די קליינע אותיותלאַך. — — — באַ־שאַפן גאָר פון עפּעס איז זייער אַ שווערע אַרבעט, דאָ דאַרף מען אַ סך קענען און אַ סך פאַרשטיין!...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

אַ מחבר אין יענער צייט ביי אידן איז געווייינטלאַך געווען אַן אָרעמאַן, וואָס ער פלעגט שוואַרצן דאָס פּנים, אַרומגייענדיק פאַר־טיילן זיין ספר. אמת, היינט זיינען אויך דאָ אַ טייל מחברים קבצנים, נאָך אפשר גרעסערע פון די פריערדיקע, נאָר די אָרעמקייט זעט זיך ביי זיי ניט אַזוי אַרויס. זייערע ספרים פאַרטיילן זיי ניט אַליין, נאָר דורך גרויסע, שרייענדיקע, אומגעלומפּערטע מודעות אין די צייטונגען. און אויב אידן פאַרשעמען זיי, קויפן ניט, איז דאָך דאָס פאַרשעמען יענעם אונטער די אויגן ניט אַזאַ ביוש, ווי פאַרשעמען אים אין די אויגן.

„דאָס ווינטשפינגערל"

אָרעמעלייט מיט ביכלאַך. ניימאָדישע קבצנים און נאָך אַנגע־טאָן דייטש! נאַראַנים, צו־וואָס בעטלען מיט ביכלאַך און האָבן אַ פּייג, אַז מ'קען בעטן נדבות פּשוט אַזוי!

„פישקע דער קרומער"

וועגן אידישע פרנסות

מלאכות, וואס א אידישער שרייבער האט צו טאן: שרייבן און צונויפנעמען פרענומעראנטן און הסכמות; דרוקן און מגיה זיין, קנעלן, האבן צו טאן מיט דעם בחור הזעצער; מאכן א גרויסן לוח־הטעות, אזויפיל, וויפיל אין ביכל זיינען דא ווערטער; ארומגיין איבער די הייזער, טיילן און אנווארפן אויף אידן די ספרים, דער־נידעריקן זיך פאר איטלאכן גארניט, — — — געבן א סך ספרים באקאנטע במתנה און מוכרי־ספרים אויף בארג ביז משיח וועט קו־מען, און נאך אלע זאכן פארקויפן דאס רעשט, ווי שמאטעס, אויף פאפיר — א קאפיקע פאר א פוד!

„שלמה ר' חיימס"

„אידישע שרייבער און געטרייע פריינט!" — וואונדער איך מיך שטארק ביי מיר. א בייסעניש, א רייסעניש פון קעץ אין איין זאק — איז מיר צוגלייך געקומען אויפן געדאנק.

„שלמה ר' חיימס"

„געזעגע־נען זיך"

אז רבי נחום פון שטעטל ר... האט אויסגעגעבן די איינגסטע טאכטער זיינע און איז געבליבן אז אלמן אויף דער עלטער, האט ער זיך פארנומען פארן בלי־נדר שטארבן אין ארץ־ישראל. נאר אזוי ווי ביז דעם שטארבן באדארף דאך א מענטש האבן צום לעבן, און א איד דערצו—נאך חתונה האבן אויך, הייסט דאך עס, מען באדארף האבן געלט, וואס זשע טוט מען? בכן האט רבי נחום געטאן דאס, וואס אנדערע אידן אין אזא פאל טוען — ער איז עטלאכע יאר ארומ־געפארן צווישן אידישע קינדער, פון איין שטאט אין דער אנדערער, זיך צו געזעגענען, דאס הייסט, נעמען שיינע נדבות און מאכן באַ־שטעלונגען, אויב עס לאזט זיך נאר, אויף ווייטער אויך, אם־ירצה־השם. אזא פרנסה, ווי „געזעגענען זיך", רעכנט זיך ביי אידן שוין גאר נישקשהדיק, אזעלכער, וואס פארט אהין שטארבן, איז בכבודי־קער פון אלע אנדערע מיני מקבלים, בטלנים, און אויך פון נשרפים, אשטייגער, ער שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלאך, מיט ארץ־ישראל, ער איז שוין א קאנדידאט אויף א ירושלמי!... רבי נחום איז ארומ־

קליין־מענדעלע

געפּאָרן אַזוי עטלאַכע יאָר און צו אידן חלילה ניט דערלייגט. מען האָט אים פאַרבעטן דער אויף אַ וועטשערע, יענער אויף וואַרמעס, און ביים געזעגענען זיך אים געגעבן אין האַנט אריין אויך. רבי נחום פון זיין זייט האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר זייער פיל הבטחות. דעם אַזוי, יענעם אַזוי, איינעם — בעטן פאַר אים אויפן קבר פון מאיר בעל־הנס, און דעם אַנדערן — ארץ־ישראל־ערד...

„שלמה ר' חיים׳ס"

און אריינ־שלעפּער

מיין עובדא איז געווען אַנצוכאַפּן איטלאַכן, וואָס איז דורכ־געגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי, און שלעפּן אים אין קלייט אריין. איז אימיצער פאַרבייגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אַנרייצן אַזוי ווי אַ הונט און איך האָב באַדאַרפט אַרויסלויפן, שרייען אין איין אָטעם: אַהער, פּאַניע! וועבעלנע טיכלאַך, לייוונט, שלייקעס, מעסערלאַך, קאַלאַשן אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעק־לאַך, מאַנדל־זייף, פּאָמאַדע וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. תחילת איז מיר דאָס געווען אַביסל פּריקרע, ווי גייט מען עס גלאַט אַרויס שריי־ען אויף דער גאַס און פאַרשטעלן יענעם דעם וועג, ס'איז דאָך עפּעס משונה־ווילד! איך פלעג אַביסל אונטערפאַלשעווען, מאַכן די שפּיל בקיצור און אַריינברייינגען דאַדורך אין כעס מיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, וואָס פלעגן מיך זידלען, אויסמישן גלייך מיט דער בלאָטע און אויפוואַרפן מיר, אַז איך פרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט. כאָטש איך, נעבאָך, האָב געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער מיינע כוחות און געטאָן אַלערהאַנט מלאכות אין קלייט און אין שטוב. — — — ווער שמועסט, ווען אַ משרתל פון דער אַנדערער קלייט פלעגט אַמאָל אַרויסרייסן אַ קונה ביי מיר פון די הענט, דאָ האָב איך שוין געמעגט זיך געזעגענען מיט דעם לעבן. אַלע ביי אונדז אין קלייט זיינען אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנט, און מ'האָט מיר געגעבן וויפיל אין מיר איז אריין. מיין מאַמע און דער טאַטע האָבן דענסטמאָל אויך גוט גע־לייזט, מ'האָט זיי, חלילה, ניט פאַרגעסן. געגעבן אי אין דער מאַמען, אי אין דעם טאַטן אריין, העט־העט ביז אברהם אבינו! פון עסן

וועגן אידישע פרנסות

אין אזא ביטערן, שווערן טאג איז גאר קיין רייד ניט געווען. מ'האט מיר אפילו מתיר געמאכט עסן ווערעם, קריינק, נאר אזוי ווי עסן ווערעם, קריינק איז ניט פאר קיין מענטשלאכן מאגן, האב איך פארבראכט דעם טאג פשוט אין א תענית. און אזוינע תעניתים פלעגן מיר אפט זיך מאכן א פאר מאל אין וואך.

„דאס קליינע מענטשעלע"

א שידוך

א יאריד. עס קאכט. דער עולם איז גרויס. אידן מאכן געשעפטן. שטארק פארטראגן, פשוט, זיי לעבן. א אידעלע אויף א יאריד איז ווי א פישעלע אין וואסער. — — — לויפט א אידל, א צווייטער, א דריטער, אויך פארלאך, פארשוויצט שטארק, דאס מיצל אויפן שפיץ קאפ, דא א טאפ, דארט א טאפ, א מאך אהין, א מאך אהער. א דריי מיטן גראבן פינגער און א קיי דאס שפיצל בערדל, געפאלן אפנים, אויף א המצאה. ס'לויפן גאר אן א נשמה מעקלער, שדכנים, טאנדעטניקעס, מאכליארקעס, קורלאפניצעס. אידענעס מיט קוישן, אידן מיט טארבעס, מיט פינף פינגער, באלעבעסלאך מיט שטעקעלאך, באלעבאטים מיט בייכלאך, איטלאכן פלאמט דאס פנים. ניטא קיין צייט, א רענדל א מינוט. מילא, בקיצור, ס'האט אויסגעזען, אט כאפן זיי דאס גליק. אי, אי, בין איך עס מקנא, ווי איטלאכן גייט דאס מזל! איטלאכער פארדינט, שעפט גאלד, און איך, שלימאזל, וואס? — — — מ'באדארף פריוון דאס מזל, אויך עפעס טאן, ארבעטן! השם־יתברך קען אפשר רחמנות האבן, וואס רעדן? בקיצור, ס'פארייסט זיך מיר דאס היטל, ס'פארקאטשען זיך מיר די ארבל, מיינע פיס גייען־צו, ווי פון זיך אליין, צו א וואגן, און באלד טאקע קיי איך מיר א שטרויעלע, וואס איז פונם וואגן פארקראכן מיר גלייך אין מויל אריין, מילא, קיי איך מיר דאס שטרויעלע און דער מוח מיינער ארבעט. א קנייטשעלע אהער, אהין, און באלד טאקע א קלאפ מיטן פינגער אין שטערן: ס'איז דא! א שיין געשעפטל — א שידוך צווישן צוויי סוחרים, לייטישע מענטשן, וואס שטייען מיט קלייטן אויפן יאריד. — — — טו מיך א געשמאקן נעם צום נייעם עסקל. למזל, ס'רירט זיך! ... א האפנונג, ס'וועט פארן.

קליין־מענדעלע

בקיצור, איך טרייב, און עס רוקט זיך. מיינער ווייסט ניט מער ווי קאַלענדרעוועז, לויפן — — — איך לויף שוין, ברוך־השם, לייטן גלייך, שטאַרק באַשעפטיקט, ניט ערגער פון אַלע אידן. איך האָרע־ווע, אַקער מיט דער נאָז די ערד, ס׳מוז ווערן, און דאָ טאַקע, אויף דעם יאַריד. וואָס דען? איז דען נאָך דאָ אַ בעסער אָרט, ווי אויף דעם יאַריד? בקיצור, אין כאַפּעניש, אין איילעניש, די מחותנים קוקן זיך אָן, איינער דעם אַנדערן געפעלט, ביידע באַקומען חשק, ווילן שטאַרק. נו, וואָס־זשע באַדאַרף מען נאָך? אַז ביידע מחותנים צאַפּלען, ברענען, האָבן חשק און זיינען פאַרטיק!... איך ווער גרע־בער ווי לייִנגער פאַר שמחה. דאָס פאַרדינסט איז ביי מיר גלייך ווי אין קעשענע. — — — נאָר הערט אַ מעשה, וואָס קען זיך פאַר־לויפן! אַז ס׳איז ניטאָ קיין מזל, זאָל מען בעסער ניט געבוירן ווערן. אַז ס׳האַלט שוין ביי טעפּ ברעכן און מ׳דערמאַנט זיך גראָד אָרום חתן־כּלה, לאָזט זיך גאָר אויס... וואָס מיינט איר,—אַ ווייטיק, כ׳לעבן צו דערציילן — לאָזט זיך גאָר אויס בוידעם! ניין, בוידעם איז נאָך אַ הונט, אַ גאָרניט. ס׳לאָזט זיך אויס קאַפּויר! הערט נאָר דאָס אומגליק, די שטראָף פון גאָט! ביידע מחותנים האָבן — וואָס מיינט איר, האָבן זיי? ביידע האָבן — ב ח ו ר י ם!...

„פישקע דער קרומער“

וועגן „שיינע אידן״ :

שיינע אידן

נגידים

אַ כל־ולך

כלי־קודש

רבנים

בעל־טובהס

צען גובאַט פאַר אַ בעל־טובה

דימענטענע מענטשן

אַ האַנט געבן

פעטערס

אַ תלמיד־חכם

איסר וואַרגער

אידישע אסיפות

אַ בעל־שם

דעם בעל־שמס ניסים

אַ פרוש

אַקציזניקעס

שיינע אידן

איינער איז א בעל־טאקסע, איינער איז א פאווערענער, איינער איז א רענדאר, איינער איז א גבאי, איינער א בעל־עצה, איינער א תקיף, איינער דעם רבס א קרוב, איינער דעם גבירס א בן־בית. איינער מאכט באם, איינער איז א מיוחס, איינער איז אן אייניקל, איינער האט א באבע אין ארץ־ישראל, איינער טאנצט אויף אלע חתונות, איינער איז א שטאטפעטער, איינער — קהלס יורש און איינער — גלאט א שיינער איד.

„די טאקסע"

שיינע אידן האבן גערעוונט געשמאק, זיך געפיעשטשעט, געקרימט, געמאכט חנדלאך און פיסקלאך, ווי אמתע צעבראכענע אידן. זיי האבן אוועקגעטענהט מיטן רבונו של עולם אליין: טאטעניו! פאטערוניו! און שהיות געמאכט אין דאוונען מער פון אלע אנדערע. נאכן דאוונען האבן זיי גענומען צו קעלעשקעלאך שליש, א זופ געטאן פריער, זיך פאסמאקעוועט און אויף דער נאז זיינען ארויסגעטראטן רויט־גלאנצנדיקע ווייפערלאך, דערנאך האבן זיי געמאכט צום גאנצן עולם: לחיים, לחיים! און צוגעווינטשעוועט: דער אויבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויפן גאנצן כלל ישראל, נעבאך! האבן פארגלאצט דערביי די אויגן, געטאן א שטילן זיפץ און אריינגעגאסן אין זיך דאס קעלעשעקל. א סימן, דאס זיינען געווען ניט קיין פראסטע אידן, נאר פרומע, כשרע, שיינע אידן.

„מסעות בנימין השלישי"

לייטישע מענטשן גיבן איינער דעם אנדערן אפ כבוד ביים אריינקומען, האלטנדיק א שעה אפן די טיר אפילו ווינטער, נאר אומצוקומען דערווייל אין שטוב פאר קעלט.

„שלמה ר' חיימס"

קליין־מענדעלע

נגידים

נגידים זיינען תמיד אביסל פארטראכט, פארזארגט און קוקן אויף יענעם מיט א מרה־שחורהדיק פנים, עפעס אזוי, אז ס׳ווערט קיל אין בויך, ס׳גלוסט זיך אוועקגיין און זיי מערניט אנקוקן.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אונדזערע נגידים האָבן ליב צו עסן — בפרט ביי יענעם, אז ס׳קאָסט זיי קיין געלט ניט.

„דער פּריזיוו"

ס׳איז א גרויסער חסד פון זיין ליבן נאָמען, וואס ער האָט אריינגעגעבן יעדער באַשעפעניש א באַזונדער חוש צו דערפילן א מזיק און צו היטן זיך פאַר אים. א גביר, מעג ער זיין דער גרעסטער שוטה, האָט ער פונדעסטוועגן א גוטן חוש־הריח אויף אן אָרעמאַן, ער דערשמעקט אים פונוויטן — און גיט זיך אן עצה...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

האָבן ליב אליין גוט צו פרעסן און יענעם גיבן זיי מכות.

„פישקע דער קרומער"

א כל־ולך

די נאַראָנים ביי אונדז אין שטאָט מיינען, אז אַלצדינג איז אנבאַלאַנגט אין מיר, אבי איך וויל נאַר, קען איך העלפן. באַשר עטלאָכע שרייבערלאַך עסן ביי מיר אַמאָל שבת פיש, ווייל די נשמה גייט זיי אויס נאָך אידישע פיש, מיינען שוין אונדזערע נאַראָנים, אז איך בין מיט אַלע דאָרט, פון גרויס ביז קליין, איין לעבן. ביים פּראָקוראָר — פּישש, א כל־ולך! מיט דעם פּאָליצמייסטער אויס־געקאָכט — ברידער! אַלצדינג געווענדט זיך נאָר אין מיר. נאָר זאָל זיין אזוי, טיפּש איינער. זאָלן זיי, די נאַראָנים, טאַקע אזוי זיך מיינען און מיך קומען אַלע בעטן טובות. ביי מיר איז פאַר זיי תמיד איין ענטפער: מיר וועלן זען, מיר וועלן זען! מיט א ממה־נפשך, פאַרשטייסטו, זאָג איך עס — שפּילט יענער אויס, הייסט עס:

וועגן „שיינע אידן"

איך, איסר, האָב געזען! כאַטש איך האָב אַזויפיל געזען, ווי איך זע מיינע אויערן, און נעם דערפאַר אַראָפּ פון אויבן אַ מנה־יפה. אַי, וואָס, יענער פאַרשפּילט, פאַרליר איך דאָך ניט מיין ווערט, מיינע תקיפות. יענער דיינקט זיך אַזוי: איך האָב פאַרשפּילט נאַר, ווייל ר׳ איסר האָט ניט געוואָלט זען, אָבער ווען ר׳ איסר וואָלט טאַקע באמת געוואָלט זען, וואָלט איך גאַנץ זיכער טאַקע אויס־געשפּילט. נו, האָט יענער אויף מיר אַביסל פאַריבל, לאָז ער מיך קומען ווארגן, לאָז ער מיך רופן קנאַקניסל!

„דאָס קליינע מענטשעלע"

כלי־קודש

באַהעלפער, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, טויזנטער גבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבה־בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענטשן, שיינע אידן, טאַטנס קינדער, תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעלי־תפילהס, שופר־בלאָזער, דריידלאַך־מאַכער, פּורים־שפּילער, מצה־ריידלער, דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערנס, קנייטלאַך־לייגערנס, פעלד־מעסטערנס וכדומה דאָס גאַנ־צע כלי־קודש.

„די קליאַטשע"

רבנים

גרויסע רבנים, פּאַרצייטן און אויך היינט, האָבן ניט געוואוסט און ווייסן ניט עד־היום, וואָס שטייט אַזוינס אין תנ״ך, און פונ־דעסטוועגן — שאַ! מ׳קען זיין אַ גרויסער למדן, פּסקענען שאלות אָן פּסוק אויך...

„שלמה ר׳ חיימס"

מ׳קען זיך זיין אַ למדן און פונדעסטוועגן פּאַרט אַ גרויסער נאַר.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

קליין־מענדעלע

בעל־טובהס

אליין בעזדושנע, דאס הייסט: אז א זעל, און אויף אים האבן געמוזט ארבעטן טויזנטער זעלן; יענע פלעגן עסן דאס דאר שטיקל ברויט מיט דעם שווייס פון זייער פנים, חוץ דעם זיך גארניט פאר־גינען אפילו דאס, וואס זיי האבן אליין ארויסגעבראכט, אויסגעהא־רעוועט מיט זייער פראצע, — און ער האט זיך געבאדן אין וואויל־טיק, אויפגעגעסן זייער מי און נאך געשאסטעט, פארשווענדט. יענע האבן פונזיינעטוועגן איינגעלייגט די וועלט, מיט זייער ארבעט אים פארשאפט מאיאנטקעס, דערפער, שטעט; מיט זייער מי אים געמאכט א גרויס פארמעגן, און דאס ביסל עסן, וואס זיי, נעבאך, פלעגן פון אים אמאל באקומען, טאקע נאר אבי צו דערהאלטן די נשמה — דאס האט געהייסן א נדבה. זיי האבן געהייסן ארעמע בעטלער, און ער — בעל־רחמים, א פרייגעביקער, א בעל־צדקה, א בעל־טובה. זיי, אז זיי האבן אויף אים געהארעוועט, איז עס א גאנץ געוויינטלאכע זאך, אזוי האט עס בדארפט טאקע זיין, און אז ער האט אמאל געגעבן עפעס א נדבה אויף הונגעריקע, אויף קראנ־קע, פון זייער שווערער הארעוואניע טאקע, האט דערמיט די גאנצע וועלט נעהאט צו טאן, מ'האט עס באזונגען, באוואונדערט אין אלע גאזעטן און צעלייגט אויף טויזנט טעלערלאך — לאז דער עולם וויסן, אז ס'איז דא א בארמהארציקער, א גוטער, א פרומער, א דימענ־טענער מענטש!...

„די קליאטשע"

מיר טוט עפעס משונה־ווילד הנאה, ווען איינער דאנקט מיר פאר א טובה, וואס ער האט פון מיר, אדער דורך מיר, געהאט. עפעס פיל איך מיך דענסטמאל, אז איך בין זיין האר און ער איז מיין קנעכט, איך בין דאס דער פיינער מענטש, דער באגליקער, דער בעל־רחמים און בעל־טובה, און ער איז עט... א נעבאך... מיר, פאר־שטייט זיך, קומט אלצדינג, מיר קומט אי געלט, אי אלע תענוגים, און אים וואס? — — — מיר, פארשטייט זיך, קומט א גרינג לעבן, אן מי, אן ארבעט, אן זארג. דערויף בין איך דאך א פיינער, איידע־לער מענטש, און אים... אים איז עפעס אן אנדער זאך... מיר זיי־

וועגן „שיינע אידן"

גען טאקע ביידע פלייש און בלוט, פונדעסטוועגן איז נאך א גרויסער חילוק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פארט עפעס אנדערש. היינט איז טאקע אונדזער ביידנס טבע אויך ניט גלייך, איך בין געוואוינט געווארן גוט צו לעבן מיט אלע תענוגים; זאל מיר ניט זיין צו דער צייט דאס גלעזל קאווע, דאס גלעזל טיי, אדער לאז מיר צו מיטיק ניט דערגיין עפעס א געריכט און זאל איך מיך אן איבע־ריקן בויג טאן, בין איך פשוט אוים מענטש; ער אבער איז גע־וואוינט געווארן צו הארעווען, ער איז פארגרעבט, אן א שום געפיל, אן ארעמאנס קישקע קלייבט גארניט איבער, כאטש דאר ברויט, כאטש קרעמענעס, אבי עסן...

„די קליאטשע"

מיט צרות, מיט בעלי־רחמימס, בעלי־טובהס און עצה־געבער האבן מיר, אידן, ברוך־השם, ניט צו זארגן...

„א סגולה צו די אידישע צרות"

כל־זמן א איד קען זיך נאך האלטן אויף די פיס און ציען דאס שטיקל פרנסה אן יענעמס טובה, ניט דארפנדיק ניט זיין עצה, ניט זיין חכמה, ניט זיין הסכמה און ניט זיין אפיטרופסות, מעג מען אים רודפן, דערלאנגען אמאל ביזן ביין, כדי ער זאל געדיינקען, אז א איד טאר ניט לעבן מיט א רואיקן קאפ און טאר זיך ניט פאר־לאזן אויף זיך אליין און אויף זיין אייגענעם שכל. דערפאר, אז ער פאלט, אז ער ווערט־אן די פרנסה און דארף אנקומען צו מתנת בשר ודם, ווערן די גלופסקער גרויסע בעלי־רחמנות, מ'פארעכנט אים באלד אין דעם כלל פון בטלנים, וואס גייען ארום איבער די הייזער, אז ער ווערט קראנק, נעמט מען אים אריין אין הקדש, און אז ער שטארבט — ברייעגט מען אים צו קבורה...

„צורים אחיים"

ק ל יי ן ־ מ ע נ ד ע ל ע

צען געבאָט פאַר אַ בעל־טובה

1. די שטאַט — דאָס בין איך! דער פשט דערפון איז גאָר פּראָסט: טו אַלעס ווי דו ווילסט און זאָג: אַזוי וויל קהל.

2. אַ יראת־שמים־פּנימל!

יראת־שמים איז ביי אַ קלוג מענטשל אַ גוטע קו, זי גיט אים אַ סך מילך און פּוטער, ווי די בעסטע האָלענדערקע. אַזאַ קאַפּיטאַלנע קו מוז מען דעריבער שטאַרק פּילעווען, מ׳באַדאַרף איר אָפּטער אונטערוואַרפן אַ בינטל כפול־שמונה־ציצית, זי האָדעווען מיט רבנו־תמס תפילין, פאַרמישן איר אַ גרויסן טלית־זאַק מיט פאַרשיידענע מיני בלעטלאַך און שמות, זי זאָל טאַקע אָוועקשטיין איבערן צעבער עטלאַכע שעה אַלע טאָג; מ׳באַדאַרף זי לאָזן לעקן מזוזות און פּאָיען זי מיט מציצה, מיט חברה קדישא מעד, מיט יאָר־צייט־בראָנפן. אַזוי איז יראת־שמים ביי מיינע אַגענטן פון דעם פּרו־מען קלאַס. מיינע אַגענטן פון דער היינטיקער וועלט — — — מאַכן זיך געוויינטלאַך צום תם, לעבן מיט איטלאַכן גוט, שמייכלען זיס, דרייען דאָס צינגל אַהין און אַהער, — — — וואַרפן זיך אין אַלע זייטן און ווילן פאַר איטלאַכן יוצא זיין.

3. ר ח מ נ ו ת! רייסן פון טויטע און לעבעדיקע און אַלץ זאָגן: אַ רחמנות! שטילערהייט באַדאַרף מען אַ קניפּ־טאָן, אַ ביס־טאָן, און פאַר דעם עולם אַלץ זאָרגן, קרעכצן, זיך אַלץ משתדל זיין לטובת הכלל.

4. י ד ־ א ח ת! בלאָטצושליסן תמיד מיט דעם שטאַרקן...

5. פּ ר ע ט ע נ ז י ע! וויפיל מ׳זאָל ניט שטילערהייט נעמען, וויפיל מ׳זאָל ניט רייסן און פאַרדינען, זאָל מען פאַר דעם עולם אַלץ זיך קלאָגן, ניט זיין צופרידן און האָבן שטענדיק פּרעטענזיעס צו דער שטאָט, אַז מ׳ווערט־אָן, מ׳דערלייגט, ס׳איז ניט כדאי, וואָס מ׳פּייניקט זיך אַזוי לטובת הכלל.

6. ל י ו ל ע! פּשוט איז פּשוט, מ׳באַדאַרף דעם עולם פאַרוויגן און זינגען עפּעס לידלאַך, ער זאָל שלאָפן. דער עולם איז אַ קינד, אַז מ׳זינגט אים אַ לידל, דערציילט אים אַ מעשה, מאַכט ער צו די אייגלאַך און שלאָפט; אַז מ׳מאַכט אים „בו", מיינט ער, ס׳איז אַ בער; שמייסט מען אים, קושט ער די רוט. דאָס בעסטע לידל צו פאַרוויגן דעם עולם איז דאָס אַלטע לידל מיט דעם ק ע ס ט ע ל ע,

וועגן „שיינע אידן"

נאכדעם גייט יענעם לידל: „תורה איז די בעסטע סחורה". — — —

7. עס, בע! דער פראסטער פשט פון די האלבע ווערטער איז: באים ס'טרעפט זיך אמאל, אז דער עולם, דאס נארישע קינד, צעשרייט זיך „גוואלד". איז גלייכער אין דער הייסער מינוט גאר־ניט צו טאן, ס'גרימט אים זיכער אין בייכעלע, ס'טוט אים שוין, נעבאך, שטארק וויי. עס, בע! זאל מען דענסטמאל מאכן עפעס אז ווערטער. נישקשה, דאס קינד וועט זיך איבערשרייען און ווייטער אנטשלאפן ווערן, נאך געשמאקער ווי פריער.

8. מבטל צו זיין! דאס הייסט: ווען איינער הויבט גאר אן פלוצלונג צו פרעגן עפעס קשיות, ס'איז אים קשה דאס, אדער יענעס, זאל מען אים פשוט מבטל זיין. ער איז אן אפיקורס, א הולטיי, א גארניט, ס'איז גארניט רעכט מיט אים צו ריידן.

9. אנצורייצן! דאס טייטש: ווען איינער, נעבאך, שרייט, וויינט אמאל מיט בלוטיקע טרערן: „גוואלד, מ'קנייפט, מ'צופט, ס'טוט וויי!" באדארף מען אויף אים אנרייצן די אינג־לאך, זיי זאלן אים מאכן: „בע, בע, שיינער בחור! ער זאגט־אויס פון דעם חדר!" — — —

10. באבסקע מיטל! אז דאסדאזיקע קינד ווערט פאר־שלאפט, אוים מענטש, און פאכעט מיט דער נשמה, זאל מען ניט לאזן רופן א דאקטאר, מ'זאל הייסן בעסער טאן אלטע, באבסקע מיטל. — — —

אט די־דאזיקע צען געבאט זאלסטו היטן. — — — וועסט לעבן גליקלאך אין וואוילטיק, דו מיט דיין ווייב, מיט דיינע קינדער און זיך קונה זיין עולם־הזה. מיט עולם־הבא זאלסטו מסלק זיין אנדערע. זאג זיי צו פלייש און ווייך אויף יענער וועלט, נאך דעם טויט; דו אבער עס פלייש און טרינק וויין דא, אויף דער וועלט.

„די קליאטשע"

קליין־מענדעלע

מיטן גוטן ווילן וועט א איד קיינמאל ניט געבן; זיינער א קאפיקע איז אזוי שווער זיך צו שיידן מיט דער קעשענע, ווי, להבדיל, דער נשמה צו פארלאזן דעם גוף. און גייט זי שוין יא ארוים, די קאָ־פיקע, פון א אידישן בייטל, ווערט דערביי אזא געוודער מיט א גע־שריי מיט א טראסקעריי, אז ס'הערט זיך פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערן, און דער געבער באקומט זיין שכר דווקא אויף דער וועלט: כבוד און גדולה און חניפה אונטער די אויגן און אין די אויגן.

„אין א שטורעם צייט"

א האנט געבן

ביי פראסטע מענטשעלאך איז דאס פשוט: מ'גיט יענעם די האנט, מיט אלע פינגער, ווי זי איז, גאר אן חכמות. ביי די פיינע מענטשן אנטקעגן שטעקט אין דעם האנט־געבן גרויסע חכמות. מ'גיט זי אויף פילערליי ארטן, אין איטלאכן ארט ליגט גאנצע הלכות, ס'ליגט דרינען א גאנץ לשון. — — — נעמען, מילא, דאס איז א גרינגע זאך, איין כלל אויף תמיד, פאר איטלאכן גלייך, אז נעמען באדארף מען מיט דער גאנצער האנט, און — אויב ס'לאזט זיך — איז מען זיך אומעטום נוהג צו נעמען מיט ביידע. די גאנצע שוועריקייט ליגט אינם געבן...

„די קליאטשע"

דימענ־טענע מענטשן

דימענטענע מענטשן — וואס נעמען ביי יענעם די נשמה ארוים מיט גוטן... זיי זיינען, דאכט זיך, גאר אן א גאל, און האבן אין דער נאז פליי. אידיש געלט, וואס געפינט זיך ביי זיי, איז זיי טייער, ניט אויסצוגעבן דערפון אויף קיין שום באדערפענישן, נאר אויף זייערע אייגענע אליין. אויף כבוד זיינען זיי מוחל, אבער נאר אויף יענעמס. זיי זיינען גרויסע בעלי־צדקהם, אבער נאר איבער א פרעמ־דער קעשענע. זיפצן, קרעכצן אויף כלל־ישראל — אך, אויף וואס די וועלט שטייט, נאר קאסטן זאל עס ניט קיין גראשן. אידישקייט — מהיכא־תיתי — איז זייער טייער, נאר א מינדסט אייגן אינטע־רעסל איז נאך טייערער...

„דאס ווינטשפינגערל"

וועגן „שיינע אידן"

פעטערס

אונדזערע גוטע מענטשעלאך, פעטערס מיט שיינענדיקע פנימ־לאך. זיי דרייען זיך אהין און אהער, חבר מיט דעם, מיט יענעם, טאנצן אויף אלע חתונות, האבן שטענדיק גאר הנאה, קושן זיך מיט איטלאכן, וואס ער איז פון אויבן, צעגייען פשוט פאר פרייד, ריידנדיק מיט יענעם פון זיין גליק, ווינטשעווען אים צו מיט טרערן אין די אויגן און מיט א זיס שמייכעלע אויף די ליפעלאך, צעלייגן אויף טע־לערלאך יענעמס גוטסקייט און גיבן אים עולם־הבא מיט דער פולער האנט; לויפן אנזאגן בשורות, געפינען זיך אומעטום, וואו נאר ערגעץ א קערמישל, א שמחה. תמיד שיינען זיי די אייגעלאך, דער שטערן גלאנצט, די בעקעלאך פארפארבט, די נאז פייכט מיט וויינ־פערלאך. זיי זיינען צופרידן, פריילאך. און קוועלן גאר אז... אז וואויל איז אייך, פעטערס!

„פישקע דער קרומער"

א תלמיד־חכם

אזוי איז די טבע פון א תלמיד־חכם: אז יענער זאגט יא, זאל ע ר זאגן ניין, אז יענער איז מתיר, זאל ע ר דווקא אסרן, אז יענער זאגט: ס'איז א שרץ, זאל ע ר דעם שרץ מטהר זיין בק"ן טעמים, כאטש ער ווייסט זייער גוט, אז יענער איז גערעכט, אז א שרץ איז פארט א שרץ...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

איסר וואַרגער

איסר וואַרגער איז געווען איינער פון די פארנעמסטע באלעבאַ־טים אין צבועטשיץ. אלע האבן פאר אים געהאט דאס גייניאַריקע קרחת און ס'האט מיט איטלאכן געוואַרפן, אז ער האט ארויס־גערעדט א וואָרט. וואס טייטש איסר, עפעס א קלייניקייט א י ס ר! איסר אליין האט ניט געהאנדלט, ניט אריינגעטאן קיין האנט אין קאַלטע וואסער, און פונדעסטוועגן האט ביי אים אין שטוב תמיד געקאכט ווי אין א קעסל, דער אריין, יענער ארויס, קינד און קייט — אלע ביי רב איסרן. מיינט איר אפשר, איסר איז געווען א גרויסער למדן, א גרויסער יחסן? — חלילה! אפילו ניט קיין קליינער. ער האט קוים־קוים געקענט דאווגען און איז געווען, ווי מ'זאגט, „המכה בעברתו", דאס הייסט, שטומפיק אויף דער עברי. פונדעסט־וועגן האט ער געהאט א טלית־און־תפילין־זאק זייער א גרויסן, זייער

קליין־מענדעלע

אַ גראָבן, פון עטלאַכע בני־פקועהלאַך, אַרומגעליאַמעוועט מיט רויטע קרייקעס. — — — אַ האַנט צום שרייבן האָט ער געהאַט זייער אַ שווערע, די פּען האָט, ווי אויף צו להכעיס, בשום אופן ניט געוואָלט גיין אין זיינע שליחות: ער האָט זי געשטופּט אַהין און זי איז גאָר פאַרקראַכן קיין בויבעריק, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקן, געקריצט, געדריגעט און זיך געשטעלט דיבאָם. ס'האָט אים, נעבאַך, נענוג מי געקאָסט איטלאַכס געשריבן וואָרט, און איידער ער האָט ביי איר אַרויסבאַקומען שוואַרץ אויף ווייס זיין חתימה „איסר", זיינען אים די אויגן פונם קאָפּ שיר ניט אַרויסגעקראָכן און ער איז פּשוט אָפּגעגאַנגען מיט שוויים. ער פלעגט דערנאָך זיך ווישן דעם שטערן מיט דעם אַרבל פונם העמד אָדער פון דער קאַפּאָטע און סאָפּען, גלייך ווי ער וואָלט געהאַקט האָלץ.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אידישע אסיפות

אַריינקומענדיק אַהינצו האָב איך געטראָפן אַ גערודער. דער עולם האָט געזשוזשעט — סכנות, ווי די פליגן! איך האָב מיך מישב געווען, וואָס וועל איך מיך דאָ שטעלן אַ ים ברייען מיט דעם גאַנצן פּעקל שוטים, און ניט לאַנג געטראַכט טו איך אַ זאָג גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין: „מה רעש, אַז מער מיט עטלאַכע גראַשן? ס'איז נאָך ניט גאָר אַזאַ אומגליק. גלויבט מיר, אידן, אַסך אַ גרע־סערער אומגליק קען זיין, אַז דער בעל־טאַקסע וועט אין כעס ווערן און חלילה זיך וועלן אָפּזאָגן! גלויבט מיר, אידן, ס'איז אַזוי". — טאָמער מיינסטו, איך האָב געוואוסט וואָס איך רייד, פאַרוואָס ס'איז אַזוי? אסור! נו, האָסטו באַדאַרפט זען, ווי עטלאַכע שיינע באַלע־באַטים, וואָס האַלטן זיך פאַר קלוגע, געניטע מענטשן, האָבן גע־מאַכט ערנסטע פּנימלאַך, זיך גענומען פאַר די בערדלאַך און מיט אַ נאַריש קנייטשל זיך אָנגערופן: טאַקע אמת, ס'איז אַזוי. מ'האָט גאָרניט צו ריידן, אַזוי, ס'איז געוויס אַזוי... דער איבעריקער עולם האָט אָנטקעגן דעם ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, גלייך ווי אַנט־קעגן אַ געוויסער, שוין אַן אויסגעמאַכטער זאַך. און זיינען אַלע כמעט ווי געבליבן עפּעס ווי דערוואָרגן...

„דאָס קליינע מענטשעלע"

וועגן „שיינע אידן"

א בעל־שם

א איד נאָך אין די מיטעלע יאָרן, א הדרת־פנים, א בלייכס, מיט א רבניש בייכל און א קוק פון א פאָרטראַגענעם אין די עולמות העליונים. געגאַנגען אנגעטאָן איז ער אין א זיידענער קאַפּאָטע אויף אינדערוואַכן, אריינגעשטעקט די הענט טיף אין די ביידע קעשענעם הינטן, וואָס איז ארויסגעקומען, מחילה, זייער בולט. און דאָס גאַנגל זיינס אזוי, הין־און־הער ווי א קאַטשקע, האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. געהאַט האָט ער יריעות פאַרמעטנע, לאַנגע, געראָלטע ווי מגילות מיט אויסגעמאָלטע גלגלים און משונהדיקע קבלהשע צייכנס, פונוואַנען ער פלעגט ארויסזאָגן איטלאַכן זיינס, ווי פון א ספר־גורלות. געהייסן האָט עס, אז א בריה צו „זיי" איז ער, זיינס א קמיע ווירקט. פונם מיידל אין יענעם שטעטל דעם גילגול ארויסגעטריבן, ווי דער וועלט איז באַקאַנט, דאָס האָט, טאַקע ער!

„מיין לעבן"

דעם בעל־שמס ניסים

אז איך האָב אָנגעהויבן צו זיך קומען, האָט זיך מיר געוויזן אַלץ ווייטער, ווייטער, איינע נאָך די אַנדערע, א צעקאָשמעטע באָרד, לאַנגע פיאות און א משונהדיקע צורה פון א מין נפש א מאַנדספאַרשוין. דערדאָזיקער מין נפש באַברעט זיך אין א ווינקל, גלאָצט מיט די אויגן, מאַכט משונה־ווילדע העויות, טופּעט, גלייך ווי ער וואָלט מיט אימיצן זיך געקריגט, און מיט א בייזער געגערדט אזעלכע מיני ווערטער: „איך בין אייך משביע בשם לוציפעריאַל, ובשם פלוטאָניאַל, צערבעריאַל, פּראָזערפּיניאַל, בשם... און בשם.... אז איר זאָלט קיין שליטה ניט האָבן אויף ישראליק בן ציפּע. צעזייט זיך, צעשפּרייט זיך, אין די וויסטע פעלדער, אין די פּוסטע וועלדער. דאָרט שטייט א שטיין, אויף דעם שטיין נאָך א שטיין. דאָרט שטייט א באַרג, אויף דעם באַרג נאָך א באַרג. אויבן זיצט שמענדריק בן געץ און פּאַשעט ווילדע קעץ. כאַפּט וואו־ערגעץ נאָר א קאָטער, כאַפּט וואו־ערגעץ נאָר א פּיפּערנאָטער, כאַפּט פון דער וועלט אַלע פליגן, טאַראַקאַנעס, גרילן, פליי, וואַנצן, און גייט מיט זיי טאַנצן, טאַנצט אין די פּוסטע וועלדער, אין די וויסטע פעלדער, טאַנצט, שפּרינגט, קוועלט און לאָזט צורו

קלײן־מענדעלע

די וועלט"... און אַן אַלטע גויע שטייט זיך און שעפּטשעט ביחידות, שטיל, אין אַ ווינקל, שפּייט און גענינצט אויסשפּאַרנדיק דעם מויל הויך אויף אַ קול.

— פּרחא זיקא למריקו, ביך, ביך! — מורמלט דער מין נפש, בויגט זיך אויף מיר און כאַפּט מיר אַן פּאַרן שפּיץ נאָז.

— הסיך אַ פּססיך אַ פּסססיך! — ענטפּערט אים אָפּ די נאָז מײַנע, צעגיסט זיך ניסנדיק אויף אַ קול.

— צום געזונט, צום לעבן! — ווינטשעוועט ער מיר צו, דער מין נפש מיט פרייד, טוט זיך אַ לאָז געשווינט צו דער טיר מיט דער פריילאַכער בשורה:

— ציפּע, קומט, זעט, דער זון אײַערער איז פריש און געזונט.

— שברירי, ברירי, רי — האָט געשעפּטשעט יענער מין נפש, בלאָזט און בלאָזט, ווי ער וואָלט אימיצן דערמיט פאַרטריבן. דערנאָך ווענדט ער זיך צו דער מאַמען און זאָגט:

— ציפּע! איך פּאָרע מיך שוין מיט די לצים אפשר אַ יאָר דרײַסיק — יאָ, אַזוי, ציפּע, איז טאַקע דער חשבון, באַלד נאָך דער ערשטער בהלה, ניט היינט געדאַכט, בין איך געוואָרן אַ בעל־שם. אַ פּאָר יאָר פאַר דער גרויסער שרפה, פּונקט אין דער צייט, וואָס רב טוביה־קלמן רב גדליה־איצעס האָט געפונען אין דער שטאָט אַן אוצר, פריער מיט אַ יאָר לערך, אַז מ'האָט אויסגערייניקט דעם טײַך און די מקוה — יאָ, ציפּע, ס'וועט שוין טאַקע זײַן אַ יאָר דרײַסיק, אויב ניט מער. אין דער צייט האָב איך מיט זיי גענוג זיך געפּאָרעט, די לייט האָבן פון מיר היינט געכאַפּט דעם פּסק. נישקשה! דאָס איז געווען זייער אַרבעט, זייער מלאכה.

— האַ־הוך!—האָט די אַלטע גויע אויף אַ קול אַ גענעץ געטאָן. עפּעס געשפּראָכן, אויסגעשפּיגן און ווייטער מיט אַ גענעץ טאַקע אויסגעלאָזן: טראַסצאַ איך מאַטערי!

דער בעל־שם שנײַדט אָפּ פון דעם טיש און די ביינדלאַך זיבן שטיקלאַך האַלץ, נעמט־אַן זיבן הויפן שטויב פון אונטער דער שוועל און זיבן זילבערנע מטבעות אין אַ וואַלענער זאַך מײַנער, וואָס די מאַמע האָט אים געגעבן, אַנרופנדיק זיך צו איר:

װעגן „שײנע אידן"

— אַט אַלצדינג, װאָס איך נעם, דאַרף איך האָבן אױף צו שפּרעכן דערױף בײדערנאַכט פאַר דער לבנה אונטערן שטאָט אױף די שײדװעגן: דערצו דאַרף מען נאָך צולײגן זיבן האָר פון אַן אַלטן הונטס אַ באָרד, אַזױ װי ס׳שטײט געשריבן. נאָר בשעת הדחק, אַז ס׳איז ניטאָ קײן הונט, איז מען יוצא מיט אַ קאַץ. די קאַץ דײנע, ציפּע, געפינט זיך בװדאי אין דער קיך און איך גײ בלױז אַהינצו נעמען זיבן הױפּנס אַש פון דעם פּריפּעטשיק, װעל איך שױן אין אײן װעג אױסרײסן זיבן האָר בײ דער קאַץ פונם עק װײדל.

„די קליאַטשע"

אַ פּרוש

זײ האָבן קײנמאָל ניט מפסיק געװען פונם לערנען, ניט גערעדט קײן דברי־חול, אַלץ אױפן װאָונק — אײ־אײ! ע־ע־ע! פון קײן צורת מטבע איז שױן קײן רײד ניט, אַז זײ האָבן ניט געװאוסט, נאָר אַפילו װיפיל דער בית־המדרש זײגער האַלט, — אױך ניט געװאוסט. האָבן עס אַמאָל געװאָלט װיסן, האָט אײן האַנט זײערע אַ צי געטאָן אימיצן בײם אַרבל און אַ פינגער פון דער אַנדערער געטײטלט אַנטקעגן דעם ציפערבלאַט, מאַכנדיק מיט די ליפּן: נו־מע־או־האַ?

„מײן לעבן"

אַקציז־ניקעס

אַ געבױרענער ערגעץ אין אַ אידיש שטעטל. דער טאַטע זײנער, אליקום־געצל, אַ איד אַ קבצן, אַ לײטישער אַנגעזעענער אָרעמאַן, האָט אים אַ נאָמען געגעבן פײװעש, און אים מגדל געװען, װי דער שטײגער איז, לתורה ולחופּה. תורה האָט ער געלערנט קינדװײז אין חדר און בחורװײז אין אַ ישיבה, אַגב טאַקע חתונה געהאַט און דערנאָך... אַװעק אָדער אַנטלאָפן פון זײן שטעטל, פון זײן „געבירט" און פון זײן פּלוניתטע, דאָס מײנט מען זײן װײב, אױף אַ צײט־לאַנג, אָדער אױף לעולם־ועד. אַצינד טראָגט ער זיך דײטש, מיט דער מאָדע, מיט װײסע קרעגנדלאַך װעבעלנע, אָדער אפשר גאָר פּאַפּירענע, װאָס צװײ אַ גראָשן. דאָס רעקעלע זײנס, װאָס איז ממש אַ דער־סװיקעניש, פאַרקירצט ער אַזױ, אַז ס׳דערגרײכט קױם ביזן העלפט געזעסל, מחילה, אױף צו־להכעיס דער קאַפּאָטע, עליה־השלום.

קליין־מענדעלע

וואס האט זיך געשלעפט ביי אים אמאל ביז די פיאטעס. דאס איינענע טאקע איז ביי אים אויך מיט די פיאות. זאל דער אויבער־שטער שומר ומציל זיין, אז פייוועש בן אליקום־געצל זאל איבער־לאזן דערפון כאטש עפעס א סימן! דערפאר א „טשוב" פארלאזט ער זיך דווקא א גרויסן. מיט דער בארד און וואנצעס האט ער גענוג ארבעט, פריער פוצט ער די בארד מיט א שערל, און דערנאך גאלט ער זי גאר אפ, צו אלדע רוחות. די האר שמירט ער, זיי זאלן גלאנצן, אנלייגנדיק גענוג פאמאדע, און ביי עפעס א שמחהלע באשפריצט ער די קליידער מיט פארפיומע, ס'זאל שמעקן. זייער וויכטיק איז ביי אים דאס גיין אן א היטל. באלד ווי ער קומט ערגעץ אריין, איז איידער ער טוט־אויס די קאלאשן, נעמט פון זיך אראפ דאס מאנטל, שטייט ער שוין מיט א הוילן קאפ. — — — פייוועש שעמט זיך ריידן אידיש און שניידט א מין גויאיש, מישטיינס געזאגט.— — — פייוועש איז ביי אים פע, ער לאזט זיך רופן פאוונוטיע אקומאוויטש, און א שטיק געזונט קומט אים צו הערנדיק, אז דער צלם־אלהים איז פון אים אראפ.

„דאס ווינטשפינגערל"

...זיין הויז איז תמיד פול געוועזן מיט מענטשן — דער איז געקומען בעטן א שטעלע, און יענער בעט, מ'זאל אים פון דער שטעלע זיינער ניט אפזאגן. איין שיינקער קלאגט זיך, וואס מ'האט אוועקגענומען זיין בראנפן, און דער אנדערער בעט רחמים, אראפ־צונעמען פון אים דעם קנס, וואס מ'האט אויף אים ארויפגעלייגט. איטלאכער קומט מיט זיינס, אלע שטייען אן היטלען, ווארטנדיק איז פארציטערט די שעה, וואס מ'וועט רופן איינעם נאכן אנדערן צום אדון הגדול אין קאבינעט. און משרתים, באדינער, לויפן ווי די רוחות אהין־אהער, גייען פארביי דעם ווארטנדיקן עולם שווייגנדיק, מיט שטאלץ, און אז וואויל איז יענעם, וועלכער איז זוכה צו כאפן פון זיי א ווארט, א בליק. אט דידאזיקע ניי־מאדנע לייט זיינען פאררעכנט געוועזן ביי אידעלאך — שוואכינקע, ציטערנדיקע — ווי אמתע פריצים. סטייטש, זיי האבן דאך אויך עולם־הזה: זיצן אין שיינע

דירות, פאלאצן, מיט טייער מעבל, טראגן אפילו אינדערוואכן שיינע בגדים, פארן אין קארעטעס, און דער שליסל פון פרנסה איז ביי זיי אין די הענט. מיט אזעלכע אדונים, א קליינינקייט עפעס, איז ניט שייך אויפצופירן כמנהג איד, פשוט, אן צערעמאניעס, אן דרך־ארץ, ווי אחינו בני ישראל צווישן זיך. פאר אזעלכע מעג מען זיך דערנידעריקן, בוקן זיך, קושן די הענט, שטיין אן א היטל און מאכן זיך עפר־ואפר, נישקשה!

„דאס ווינטשפינגערל"

אין יענעם טאג איז געווען עפעס א חגא. זיינען די פויערים, פון קליין ביז גרויס, געשטאנען גאנצע רעדלאך אויף דער גאס, צווישן זיי אביסל באזויפענע, אויפגערוימטע, אלע אן היטלען, און שטיל איבערריידנדיק זיך צווישן זיך, געקוקט פונדערווייטנס אויף דער קארעטע מיט גרויס אפשיי. דער עלטסטער פון די קליינע שקאצימלאך ווייזט מיט א פינגער אויף דער קארעטע, האלטנדיק די האנט אויפן מויל, וואס באטייט: שא, דרך־ארץ פאר די אדונים!

— אז זיי זיינען פאליצייסקע, טא וואו זיינען ביי זיי די מעשע־נע קנעפ? — וואונדערט זיך איין שייגעצל.

— עפעס גארניט דאס מאכן מיט די הענט, ניט דער קוק, דאס דרייען מיט די אויגן, און ניט דאס קול ווי ביי פאליצייסקע — זאגט דער צווייטער, שושקענדיק זיך אויף א קוויטש — א פאלי־צייסקער אז ער רעדט, גייט דאס קול אים ארויס ווי פון בויך, די אויגן פארלויפן אים מיט בלוט. ער איז בייז, א שרעק, און קלאפט מיט די קולאקעס. מיקיטא אונדזערער איז אמאל געפאלן אויף דער ערד, באקומען די ניכפע פון יענעמס א היק. מיכיים ווייב האט מפיל געווען פאר שרעק פון זיינס א געשריי. און דידאזיקע, אטא, ריידן עפעס גאר שטיל און קוקן אויס ווי אלע מענטשן. ווער זאלן זיי זיין?

— לאפציזניקעס. שא!

— וואס?

— שא, שאט, שא!

קליין־מענדעלע

די קליינע ווילן איינשטילן איינע די אנדערע מיט א מין שוש־קעניש, נאר טויב צו ווערן.

„לאפציזניקעס און יענע אדונים מיט די מעשענע קנעפלאך, ווער פון זיי איז גרעסער?" — דידאזיקע שאלה ווערט פארגעבן צווישן די גרויסע, דעוואקסענע פויערן, און פיל פארטראכטן זיך אויף איר, קנייטשנדיק דעם שטערן.

— קיין גרעסערן פונם שר־המשקים, וואס האט צו זאגן איבערן בראנפן, איז גאר ניטא! — פאסקעט איינער אן אלטער, וואס האט נים פיינט דעם ביטערן טראפן.

— אט די לאפציזניקעס עסן ווארמעס אין הויף — העלפט־אונטער נאך איינער דעם ערשטן — זיי עסן, טרינקען ביי אונדזער פריץ. עפעס א שפאס!

— און זיי זיינען אידן?

— אידן. דערקענסט זיי דען ניט אין דער נאז?

— און עסן חזיר?

— עסן חזיר און האבן הנאה. לעקן די פינגער.

„דאס ווינטשפינגערל"

וועגן בעל-מלאכהס :

וועגן בעל־מלאכהס

ביי דער אַרבעט

פֿאָלקסלידלאַך

הערצל קיילעס

אייזיק דער שמיד

לייזער דער שניידער

בעל־מלאכהס

ווי אידן ביי די אומות־העולם, אזוי זיינען באַלמעלאָכעס געלעגן אין דער ערד ביי אידן. מעגלאַד, אַז היינט נאָך ליגן זיי אויך אין דער ערד, אָבער פאַרט ניט אַזוי טיף ווי אַמאָל. — — — האָבן אַ באַלמעלאָכע אין דער משפחה, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַשטייגער, איז געווען אַ פלעק, אַ שאַנד. ס׳האָט זייער אָפט געשאַט צו אַ שידוך. אין באַלעבאַטישן גראַד פלעגט מען אין שידוכים זוכן יחוס, מען פלעגט אויסגראָבן פון דער ערד רבנים, לומדים, שוחטים, חזנים, בטלנים און באַגראָבן דעם באַלמעלאָכע, טאָמער האָט ער זיך געפאַרנען אין דער משפחה. דאָס הייסט, פאַרלייקנט זיין געביין: עס, ווייס איך וואָס, גאָרניט, פערדס־פוס־פּיטקאָווע! — — — —

אַ באַלמעלאָכע האָט ניט געטאָרט שבת אָנטאָן אַ זיידענע קאַפּאָטע, טראָגן אויפן קאָפּ אַ שטריימל. אין קלויז איז זיין אָרט געווען אויף דער לעצטער באַנק.— — — אויף אסיפות וועגן שטאָט־זאַכן איז זיין פוס ניט געווען. זיין דעה האָט מען ניט געפרעגט. — — — זיינע קינדער פלעגט מען „כאַפּן“, „אָפּגעבן“ אין דער דינסט, אַ כפרה פאַר בית־מדרשניקעס, טאַטנס־קינדער.

„שלמה ר׳ חיימס“

ביי דער אַרבעט

עס שטייט זיך, אַשטייגער, איציק דאָס שניידערל מיט אַ פּרעסל אין דער האַנט איבער אַ שטיקל אַרבעט, הויבט־אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן פּרעסל, און חברה פּועלים, בחורים, אַרום טיש, אַרבעטנדיק געשווינט מיט דער נאָדל, העלפן אונטער, דער אויפן געלענקל, יענער אויפן בייקולכל, איטלאַכער מיט וואָס ער קען, און ס׳שפּילט זיך אָפּ אַ „מלך־עליון“ טשאַקנדיק, לעבעדיק, אַזש מלאכים מעגן זיך פרייען. און טאַקע באַלד דערנאָך פאַרקרימט זיך איינער, נאָכמאַכנדיק אויף אַן אומעטיקן קול דעם בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו באַדעקנס. אַ טייל בחורים שפּילן־צו ווי די כלי־זמר אַ שטיל, טרויעריק ניגונדל, די איבעריקע פאַרגייען

קליין־מענדעלע

זיך ווי ווייבער אין א געוויין. ס'איז א יאָמער, א קלאָג, — און פון דער קאַצן־מוזיק לאָזט זיך אוים א „כשר־טאַנץ"! חברה גייט, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, מיט דער כלה א „כשר־טאַנץ" — — — די באַלעבאַסטע, די שניידערקע, שטעלט אַנידער אויפן טיש א גרויסע פולע שיסל אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל, הייסזודיקע, מיט דער שאָלעכץ, און מ'מעג גיין אָנקוקן אויף בילעטן, מיט וואָס פאַר א גיכקייט די קאַרטאָפל ווערן אָפּגעשיילט, אין מויל אַריינגעכאַפּט און אַראָפּגעשלונגען, — מייסטערהאַפט!...

„שלמה ר' חיימס"

פאָלקס־לידלאַך

ביי די פועלים ווערן אָפט געזונגען לידלאַך, אייגענע אַרבעט טאַקע, וואָס גייען דערנאָך אַרוים אויף דער וועלט, צווישן עולם, פאַלן אַריין אין מויל צו מיידלאַך, דינסטמיידלאַך, און באַקומען דעם נאָמען „פאָלקסלידלאַך". פועלים, וואָס פלעגן וואַנדערעווען, אַרבעטן ביי גוים אין די דערפער, האָבן אין זייערע לידלאַך אַריינגעמישט גויאישע ווערטער, אַזוי אַז ס'איז אויסגעקומען האַלב־אידיש, האַלב־רוסיש. דער „תוך" פון די לידלאַך איז געווען זייער פאַרשיידן. ס'איז געווען אַזוינע איבער ליבעס. א דינסטמיידל, אַשטייגער, פאַרביינקט זיך אין דער פרעמד נאָך איר געליבטן. דערמאָנט זיך, וויינענדיק, אָז די גוטע, זיסע מינוטן, ווי זיי פלעגן פאַרברענגען צוזאַמען ווי א פאָר טויבן אויפן שפּאַציר, אַמאָל אין גערדיכטע וועלדער און אַמאָל צווישן ווייץ און קאָרן. אָדער סתם א מיידל גיסט אוים איר האַרץ, ציט זיך מיט דער נשמה צו עפּעס א חתן, ווי א קליין קינד מיט די הענטלאַך צו דער שיינענדיקער לבנה. אויך לידלאַך פון א שנור איבער א בייזער שוויגער, פון א יתומה איבער א שטיפמוטער; לידלאַך פון אידישע רעקרוטן, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליבע פאַרן אַוועקגאַנג אין דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן. — — — מ'קען מיט רעכט זאָגן, אַז ביי די באַלמעלאָכעס האָט געליעט א פּאָעטישער פונק, און דערמיט טאַקע לאָזט זיך דערקלערן זייער אומגאַנג, ווי חברים, מיט קינדער, זייער ליבשאַפט עד־היום צו שרייבער, פּאָעטן.

„שלמה ר' חיימס"

וועגן בעל־מלאכהס

הערצל קיילעס

הערצל קיילעס איז געווען א קליינטשקער, נידעריק געוואקסן, — — — א דארער, א בלייכער, — — — ביים ריידן בייט זיך אים די שטימע און ער גיט פון זיך ארויס משונהדיקע קולות, אמאל אויך מיט א קוויטש. דער שמועס זיינער איז געהאקט, געבראכן, לאזט זיך אויס, פאר גרוים איילעניש, מיט א וואונק, א מאך מיט דער האנט. נאר־עפעס ניט אזוי ווי ער וויל, קאכט ער, זידט און צאפלט מיט אלע גלידער, אינגאנצן טאקע א פאעט מיט די ביינער, אזוי משוגע, אזוי קאפריזנע, אזוי אויפגעבראכט ווי א פאעט. און באמת האט אין אים טאקע עפעס אזוינס געבורטשעט — ס׳האט אין אים געשטעקט א גייסט פון א קינסטלער. דערדאזיקער גייסט זיינער האט אינעווייניק אין אים, ווי דער סמבטיון, ניט גערוט, זיך געריסן מיט אלע קרעפטן ארויס, זיך צו ארויסווייזן אין אלערליי האנטארבעט. די סטאלעריי איז ביי אים געווען ניט אזוי וועגן דער פרנסה, ווי צוליב דעם פארגעניגן, וואס ער האט דרינען געהאט — צו מאכן א כלי. ער האט געקענט אוועקזיצן איבער א שטיקל ארבעט מער וויפיל מען באדארף, פארצירן עס מיט צאצקעס, שניצעריי, כאטש יענער האט גאר אזויפיל ניט פארלאנגט, נאר צוליב דעם אליין, ס׳זאל זיין שיין... — — —

הערצל האט אויך געשפילט פידל, ניט אויף התונות, חלילה, דערויף איז דאך געווען דער אידישער כלי־זמר פייטל אויף די וואכנדיקע טעג, און קאנדראט דער גויאישער אויף שבת, ביי דער כלה אויף דעם „פארשפיל" — נאר גלאט אזוי זיך האט ער געשפילט, זומער פארנאכט, אז די שטאט־בהמות זיינען שוין געקומען פונם פעלד, ליגן זיך שוין אויסגעמאלקענע, אויף דער גאס; אוים די קוימענס ציען זיך פאמעלאך עפעס ווי פארשלאפענע העל־גרויע זיילן רויך, ווייבער שטייען ביי די פריפעטשיקעס, קאכן וועטשערע; ערגעץ פונדערווייטנס, פון א טייכל, פארטראגט זיך א קוואקען פון זשאבעס, און זשוקלאך טראגן זיך זשוזשענדיק ארום אין דער לופט — דענסטמאל צעגיסט זיך געוויינטלאך הערצל אויף א פידעלע, שטייענדיק אינדרויסן, ביי זיך אויפן גאניקל, בארוועס, אין איינע תחתונים, מחילה. קינדער, מיט שטיקער ברויט און האלבע אייער, פארזאמלען זיך ארום אים; שטאפן־אן פולע מיילער, שטעלן־אויף

קליין־מענדעלע

די אויערלאַד, נאַפּן און הערן. הערצל פידלט און זינגט אונטער, פידלט און מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער, טוט אַ פידל און שטעלט זיך אָפּ, עס אַרט אים עפּעס, ווייטער אַ פידל און — הע־הע! ער איז שוין אין כעס. אין דער ערד אַריין די פידל, אוים שפּילן...

„שלמה ר' חיימס"

אייזיק דער שמיד

אייזיק דער שמיד, אַ איד אַ זיידע, ברוך־השם, וואָס האָט שוין דערלעבט אייניקלאַך פון זיין עלטסטער טאָכטער, ביי אים אויף קעסט מיט דעם מאַן, אַ וואויל־לערנער, איז מיט אַלע פּאַסטעמקעס זיינע געווען טאַקע נאָר עפּעס אַ אינגל, אַן אַלטער אינגל, וואָס איז אַ חידוש צווישן אידן. — — — אייזיק אַליין איז בטבע געווען זייער באַריידעוודיק, אַ צוגעלאַזענער מענטש, מיט אַבי־וועמען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטן שמועס. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט אַריינלאָזן זיך אין חקירות, געבן יענעם צו פאַרשטיין דעם שפּיץ פון דער זאַך, און דערקלערן, פאַרוואָס איז יענעם אַזוי און ניט אַזוי. פאַרוואָס נאַזלעכער, אַשטייגער, זיינען אין דער נאָז אונטן, ניט אויבן, — די לופט צו אָטעמען איז דאָך פון אויבן פרישער, ריינער ווי פון אונטן, מחילה. אַזאַ קשיא האָט ער זיך געקענט פרעגן, פאַרקנייטשנדיק זיך גאַנץ ערנסט, און פאַרענטפערן עס מיט אַ גוט שמייכעלע אַזוי: דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, גאַנץ שכלדיק! כדי דער רעגן זאָל אַהין ניט אַריינרינען, אין דער נאָז, פאַרשטייט איר מיך. — — — די קאַץ האָט דעריבער שאַרפע נעגל, כדי זי זאָל זיך קענען דראַפּען אויף די גלייכע ווענט. דאָס פערד האָט דעריבער אַ ווידל, כדי אָראָפּשמייסן פון זיך די פליגן, און די פליגן ווידער האָבן דעריבער פליגל כדי געשווינט טאַקע אַוועקצופליען... לערנען האָט אייזיק דער שמיד דווקא גאָרניט געקענט, פונדעסטוועגן האָט עס אים גאָרניט געשאַט צו די חקירות זיינע צו הייסן ביים עולם: אייזיק דער חקרן. לערנען מיט חקירה זיינען, אַפּנים, נאָר צוויי באַזונדערע זאַכן. — — — עס ציט איטלאַכן עפּעס ווי אַ מאַגנעט צוגיין נעענטער, צולייגן אַן אויער און האָרכן, וואָס זאָגט אייזיק דאָרט עפּעס אַזוינס. ס'גייט דאָרט אַ שמועס איבער צימעס,

וועגן בעל־מלאכהס

דערנאך א חקירה: וואס צימעס? וואס טייטש צימעס? מ׳קומט פון דעם ענין ארויף אויף פאסטערנאק, און אייזיק נעמט זיך דער־קלערן על־פי חקירה, פארוואס פארלירט פאסטערנאק דעם טעם באלד נאך דעם ערשטן דונער. ער פארפּוטעט זיך אין דער חקירה און פארקריכט אויף קראפּיווע: פארוואס קראפּיווע זייט מען ניט און עס וואקסט. — הערסטו! — טוט ער זיך א דריי צוריק — הערסטו, אט דעריבער טאקע, וואס מ׳זייט עס ניט, וואקסט עס אליין. אויך די אייגענע מעשה, פארשטייט איר מיך, וואס מיט נאראנים...

„שלמה ר׳ חיימס״

לייזער דער שניידער

א קליין דאר אידל מיט א בלייך פּנימל, זייער ספּריטנע, א רירעווודיקס ווי קוועקזילבער, מיט אלע שניידערשע פּאסטעמקעס — א פּאלגע מיט די ביינער. מ׳האט אים געקענט רופן אי א ווייַ־בערשער, אי א מאנסקער שניידער, אדער נאך גלייכער, ניט קיין ווייבערשער, ניט קיין מאנסקער, ווייל ער האט זיך אונטערגענומען נייען אי ווייבערשע, אי מענערשע קליידער, אלצדינג אין דער וועלט, אפילו א היטל אויך, און האט קיין זאך ניט רעכט געקענט. — — — אז אימיצער פלעגט וועלן אים אויסמאלן, ווי ער זאל אים נייען, האט ער יענעם ניט געלאזט אויסריידן, פארכאפּט און גערעדט אליין אליין:

— איך ווייס, ווייס־ווייס־ווייס! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאטס הילף מאכן א שטיקל ארבעט, נאך בעסער ווי איר אליין ווילט. דאס ערשטע מאל איז מיר דען צו מאכן אזא ארבעט? איך ווייס, זייט זיכער, איר וועט צופרידן זיין.

ביים אפּברייננגען די ארבעט, אז יענער פלעגט זאגן, דא קוועטשט אים, דא קנייטשט זיך, דא ליגט ניט גוט, דא איז שמאל, האט לייזער ניט געוואלט גאר הערן, אליין גערעדט, גערעדט און פארשאטן מיט רייד:

— חלילה, ווי פאלט איר אוים אזוינס צו זאגן? עס קוועטשט ניט! עס טאר גאר ניט קוועטשן, עס הויבט ניט אן אפילו זיך צו

קליין־מענדעלע

קניטשן. ניט נאָר אַ ציי, זייט מוחל, אַהין אַביסל. עס ליגט גוט אַזוי ווי אויסגעגאָסן. נאָט אייך נייעס — ס'איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל? אַז ס'טאָר ניט זיין שמאָל! איר האָט ערשט אָפּגעגעסן און זענט אַביסל פול, דאַכט זיך אייך אויס, אַז ס'איז שמאָל! איך זאָל פאַרקריינקען אין דעם היגן הקדש, וואָס מיר איז דערפון אראָ־ געפאַלן, ביי מיינע אידישע נאמנות! מ'איז קוים אויסגעקומען מיט קרעפּל־פליש. ס'איז איבערגעבליבן פונם אונטערשלאַק שמאָל פּאַסיקל פּערקל, האָב איך עס אייך אָפּגעבראַכט. בעסער איך האָב אייך געמאַכט קען מען שוין טאַקע ערגעץ ניט מאַכן. איר וועט זיך אַביסל איינגיין, וועט איר געוואוינט ווערן. טראָגט געזונט!

ביים צאָלן פלעגט זיך אָנהויבן אַ דינגעניש. ער האָט אוועק־ געדערט אַ שעה מיט חרמות, אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין זיין אַרבעט, אויסגערעכנט איטלאַכס פּיצעלע באַזונדער, וואָס האָט אים גע־ קאָסט, געמאַכט אַ שניידערשן חשבון און געשטעלט פאַר עדות אונ־ טער די אויגן דעם קרעמער, דעם שמוקלער, אי די אידענע פונם שאַפּקעלע, און אָפּגעשאָטן פּשוט מיט ניין מאָס רייד, ביז מ'האָט אים מוסיף געווען נאָך אַ צען גראַשן. —טאַ — פלעגט ער דערנאָך מאַכן — גיט כאָטש אַביסל בראַנפן... מיט אַביסל בראַנפן האָבן ביי לייזערן זיך אָנגעהויבן און אויסגעלאָזן אַלע געשעפטן. ער איז ניט געווען, חלילה, קיין שיכור, זיך ניט געוואַלגערט אין די גאַסן. נאָר טרינקען האָט ער געקענט. „די מלאכה האָט ליב דעם טרונק“— איז געווען זיין ווערטל.

„דאָס קליינע מענטשעלע“

ווענן קבצנים:

אָרעמעלייט

די טאָרבע

די זאָרגבאַנק

דער הקדש

פישקע דער קרומער

די האָרבאַטע

אַן אָרעמאַנס אַ קינד

הלכות־אָרעמאַן

האַלב־דינסטמיידלאַך

ארעמע־לייט

די אלע מיני ארעמעלייט טיילן זיך איין אזוי: פּיעשע אדער פּ ו ס־ארעמעלייט, די, וואס שלעפּן זיך צופוס, און קאניצע אדער ב ו י ד־ארעמעלייט, די, וואס שלעפּן זיך ארום איןביידלאך. אחוץ דעם ווערן זיי נאך איינגעטיילט אין מינים: ש ט א ט־ארעמעלייט, אזעלכע, וואס זיינען געבוירן געוואָרן ערגעץ אין א שטאט, און פּ ע ל ד־ארעמעלייט, די, וואס ווערן פּשוט געבוירן אויף דעם פעלד אין א בויד, — — — אידישע ציגיינער, שטענדיק וואנדערוועז זיי פון איין עק וועלט צום אנדערן, זיי ווערן געבוירן און אויפגע־וואקסן, האבן חתונה, פּרוכפּערן זיך און שטארבן — אלץ אונטער־וועגנס. — — — צו דעם טייל שטאט־ארעמעלייט געהערן אלערליי שטאטישע קבצנים פון דיזאזיקע סארטן: ק ב צ נ י ם פּשוטע — אידן, אידענעס, מיידלאך און בחורים, וואס גייען מיט טארבעס אין די הייזער אלע ראש־חודש, אויך אינמיטן דער וואך, און נעמען גראשנס און שטיקלאך ברויט. — — — ק ב צ נ י ם כ ל י ק ו ד ש — דאס זיינען מקבלים, בטלנים, אין איטלאכן קלייזל, וואס זופּן משניות און זאגן קדיש ביי א בר־מינן און אויפן הייליקן ארט צו א יארצייט. — — — ת ו ר ה־א ו ן־מ צ ו ה־ק ב צ נ י ם — ווי אשטייגער פּ ר ו ש י ם, וואס ווארפן אוועק ווייבער און קינדער, באגראבן זיך אין קלייזל ערגעץ אינדערפרעמד און לערנען „ביצה" אויף דעם עולמס רעכנונג. י ש י ב ה־ב ח ו ר י ם, וואס גייען ארום שלינג און שלאנג, קראצן זיך אונטערן אייוון און עסן טעג. א י ד ן מ י ט פּ א ט ש ע י ל כ נ ס א י ן ד י ה ע נ ט, אדער מיני גבאים, מישטיינס נעזאגט, וואס זאמלען נדבות קלאמפּערשט אויף עפּעס א מצוה־זאך. ב א ה א ל ט ע נ ע קבצנים, פון באלעבא־טים, וואס נעמען קצבה און נדבות שטילערהייט. ה א ל ב ע קבצנים, ווי אשטייגער, תלמוד־תורה־מלמדים אין פיל שטעט, וואס זיינען האלב־מלמדים, האלב־בעטלער, און דעסגלייכן אויך שמשים, דיינים, רבנים. איטלאכער פון זיי איז האלב דאס, וואס ער איז, און האלב דאס, וואס אלע אנדערע אידן מיט טארבעס

קליין־מענדעלע

זיינען. יום־טובדיקע קבצנים, אזעלכע, וואס קאב־צענען געוויינטלאך פורים, בשעת אידן בכלל מאכן זיך הארץ און לאזן זיך פאר גרוים חדוה גיין קאמפאניעסווייז אין די הייזער, אדער אמאל אויך אונטער א יום־טוב און הייסן הייסט עס קלאמ־פערשט, זיי קאבצענען פאר אנדערע נעבאך. גמילות חסד קבצנים — אזעלכע, וואס נעמען זייער גאנץ לעבן נדבות אונטער אן אויסרייד: א גמילות־חסד קלאמפערשט, הייגט־מארגן גיבן זיי עס מיט א דאנק צוריק אפ.

„פישקע דער קרומער"

עני חשוב כמת — א קבצן שמעקט מיט קברות־בלעטלאך...

„דאס קליינע מענטשעלע"

קיינער געדיינקט ניט אזוי אן אלטע גוטפריינטשאפט, קיינער דערציילט פון איר ניט אזויפיל גוזמאות, קיינער קוועלט פון איר ניט אן אזוי שטארק, ווי אן ארעמאן.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

א איד א קבצן טאר ניט אין כעס זיין.

„דאס ווינטשפינגערל"

דרך־ארץ פאר קבצנישע קינדער! פון זיי קומט ארויס דער גרעסטער טייל פאעטן!

„דאס ווינטשפינגערל"

דער גאנצער חילוק צווישן אן ארעמאן ביי אונדז אין די שטעטלאך און אזעלכע דא (אין דער גרויסער שטאט): דארט עסט דער ארעמאן דאס טרוקן שטיקל ברויט, פארפינצטערט, פאר־זארגט און דא עסט ער טאקע אויך דאס אייגן שטיקל ברויט, נאר א קאטערינקע שפילט אים דערביי צו... אין אדעס שפילט די קאטעריג־

װעגן קבצנים

קע אַ גרױסע ראָלע: אױף דער גאַס אַ קאַטערינקע, אין די הײזער אַ קאַטערינקע, אין די טראַקטירן אַ קאַטערינקע, אין די קאָמעדיעס אַ קאַטערינקע, אין שול להבדיל — פּע — אױך אַ קאַטערינקע. שטענדיק איז אין אָדעס נאָר אַ קאַבעניש, הו־האַ! עס קאַטערינקעט זיך!

„פישקע דער קרומער"

די טאָרבע

פיל נפשות, זײער פיל, שפּײזן זיך חידושלאַד־גרינג, זײער גאַנץ לעבן, נאָר פון דער טאָרבע, און לאָזן זי איבער בירושה קינדס־קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אַרײַן אַלץ אײנע, נאָר בײַ פאַרשײדענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַ אַנדער מין פאָרמע און אַן אַנדער מין נאָמען. בײַם פּראָסטן עולם איז זי פּשוט אַ טאָרבע, אַ פּראָסטע לײַװנטענע טאָרבע, בײַם געהױבענעם עולם אָבער נעמט זי אָן אַלערלײ מיני געשטאַלטן, װי אַשטײגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראַבקעלע, אַ כּלי־קודשל, אַ חברהלע, אַ פּושקעלע, אַ קהלש בײַטעלע, אַ גמילות־חסד־באַנקעלע, אַ מחבריש פלױדערזעקעלע וכדומה. די אַלע זײַנען באמת טאַקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכט אידישע טאָרבעס!...

„מסעות בנימין השלישי"

די זאָרג־באַנק

אַן אױסמישעניש פון אַלערלײ צורות און געשטאַלטן: פּאַנפּעװאַטע, צוגעפּלאַטשטע און געשװאָלענע נעז, װאַרגעס, לעפּצן, באַפּרישטשעטע, שװײסיק־גלאַנצנדיקע שטערנס און שײנע חנעװדיקע פּנימער, געעלטערט, געקנײטשט פאַר דער צײַט; אַ קאַשע פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און פון משונה־װילדע מאָדעניצעס, מישטײנס געזאָגט: שמאַטעס, לאַטעס, צעהאַקטע עפּעס, נאַקעט לײַב, הױלע, פון צעפּאַלענע שיך אַרױסקוקנדיקע פינגער, אינײנעם מיט אָפּגעבליאַקעװעטע, אָפּגעפּאַרענע, כּלומרשט נאָך־דער־מאָדע גענײטע קלײדלאַך. װילדע קרינאַלינעס, מגושמדיקע שטיװעלעטלאַך אױף הױכע, אױסגעקרימטע קנאַפּלאַך; אַ דור־הפּלגה פון פאַרמישטע לשונות און געמבעס: גראָבע, דינע, קװיטשענדיקע, הײזעריקע, כאָרכלענדיקע און זינגענדיקע קולות.

קליין־מענדעלע

דאָס איז די גאַנצע אַרעמינקע קאַמאַנדע פֿון מיידלאַך, ווייב־לאַך, יונגטן מיט ברעקלאַך קינדער און שלימאַזלדיקע, אָפּגעקומענע באַלעבאַסטעס, געטריבן פֿון דער ביטערער נויט אַהער אויף דעם יאַריד, צו פֿאַרהאַנדלען זיך פֿאַר קעכנס, דינסטן, ניאַנקעס און אַמען אין נגידישע באַלעבאַטישע הייזער.

עס איז אַ גערײדעריי, אַ געפּלוידעריי: געשליפֿענע צינגלאַך קלאַפּן, מיילער אויף שרויפֿן מאַלן, ווערטלען זיך, שפּעטן, באַריידן. אָפּגעקומענע באַלעבאַסטעס אַכצן, קרעכצן, ווישן די נאָז און רייבן די אויגן. מעקלערנס אין שאַלן, אין יופּעס אויף איין אַרבל, דרייען זיך אַרום ווי די מלאכי־חבלות. איינע כאַפּט, ווי פֿון דער שטייג עופֿות, אַרויס אַ ווייבל, אַ מיידל, און פֿירט זי ערגעץ אַוועק. די צווייטע קומט צולויפֿן בייז ווי אַ רוח עפּעס מיט אימיצן שטאַרק ניט צופֿרידן. און די דריטע טענהט, רעדט צוקער־זיס מיט באַלע־באַסטעס טאַקע אויפֿן אָרט, אָפּלויבנדיק אין טאָג אַריין איר סחורה: די איז אַ בריה אויף חלה־באַקן, די האָט גילדענע הענט צום שייערן מעש, קופּערוואַרג גאָר אַן אַנטיק, און יענע איז איין קעכנע אין דער וועלט, אירע מאכלים מעג דער מלכות עסן...

„דאָס ווינטשפֿינגערל“

דער הקדש

איינגאַנצן האָט דער הקדש אויסגעזען ווי אַ שטאַרק־אַלטע קרעטשמע, אַ חורבה מיט אויסגעקרימטע, ניט קיין גלייכע ווענט, מיט עפּעס אַ דעכל, מישטיינס געזאָגט, ווי אַ צעקנייטשט קאַפּע־לישל, פֿאַרריסן פֿון פֿאָרנט און נידעריק אַנגעבויגן פֿון הינטן, כמעט ביז דער ערד. מ׳האָט באַשיינפּערלאַך געזען, אַז דער הקדש חלשט, וויל איינפֿאַלן און ליגן ווי אַ באַרג מיסט אויף דער ערד, נאָר דער עולם אין שטעטל האָט אים אָפּגעשריען, אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלאַך און אים איינגעבעטן צו האַלטן זיך אַזוי אויף ווייטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. דורך קלאַמפּערשט עפּעס אַ טויער איז מען אַריינגעפֿאַרן אין אַ גרויס הויז מיט צעשאָטענע לעבערדיקע ווענט, דורך וועלכע ס׳האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ שטיקל שיין. די ערד דאָרט איז געווען גריבערדיק, ערטערווייז זיינען געשטאַנען קאַליזשעס, פֿאַרשימלטע, פֿאַרדומפּענע פֿון פֿאַמוינישעס און נאָר

וועגן קבצנים

אזעלכע זאכן, אויך פונם רעגן, וואס פלעגט תמיד דורך דעם פוילן שטרויענעם דאך, צעשיטעט ווי א רעשעטע, אהין אריינקאפען. צעריבענע פארפוילטע שטרוי האבן זיך אומעטום געוואלגערט, אויס־געמישט מיט אלערליי מינים שמאטעס: צעריסענע טארבעס, צעהאקטע ראגאזשעס, פארדארטע ווערכלאך פון שיך, אלטע פאראש־ווען און אויסגעדרייטע אפצאסן מיט פארזשאווערטע טשוועקעס, שערבלאך, צעבראכענע רייפן, ספיצעס פון רעדער, האר, ביינער, דראפאטשעס, ריטער פון בעזעמער און נאך אזעלכע שמאכטעס. דאסדאזיקע ביסל סחורה איניינעם האט געפרייעט און געגעבן „די שמוכט", משונהדיקע ריחות גאר א שרעק. — — — אין דער לינקער זייט הויז האט זיך געעפנט, מיט א בייזער, א פארשמאל־צעוועטע טיר אין א שטוב אריין מיט קליינע, שמאלע, ניט־גוט צוגע־שטאנענע פענצטער, און א טייל שויבן זיינען אויסגעשלאגן און פארקלעפט מיט צוקער־פאפיר, אדער פארשטעקט מיט א שמאטע. א טייל זיינען שטארק שמוציק, אין די ווינקלאך באדעקט דיק מיט שימל, און ווידער א טייל זיינען פאר אלטקייט איבערגעצויגן מיט געל־גרינע משונה־גלאנצנדיקע קאלירן, און דער גלאנץ שטעכט עפעס די אויגן, גלייך ווי א קריץ אויף גלאז גרילצט ווילד אין די אויערן. ארום די אפגעשלאגענע ווענט און לעבן א גרויסן אויוון ציען זיך לאנגע ביינק פון ברעטער, וואס ליגן אויף קלעצלאך און שטיקער האלץ, העכער אביסל איבער די ביינק שטעקן אין די ווענט גרויסע און קליינע פלעקלאך. פון דער שווארצער סטעליע הייגען אראפ שטריקלאך מיט פעטליעס, אין וועלכע ס'האלט זיך ביי די ביידע עקן א לאנגער שטאנג. די פלעקלאך מיט דעם שטאנג זיינען פארהאנגען מיט פארדריפעטע קאפטנס און קליידלאך, מיט אלערליי חפצים און טארבעס פון ארעמעלייט, וואס קומען צופארן אין בייד־לאך, אדער קומען זיך צושלעפן צופוס און שטייען דארט איין, יונג און אלט, מאנדזבילן און ווייבער — אלע איניינעם. — — —

„פישקע דער קרומער"

קליין־מענדעלע

פישקע דער קרומער

א גרויסער פלאטשיקער קאפ, א ברייט, גרוים מויל מיט געלע קרומע ציין, רעדט שטשיפילאווע, קען ניט קיין „ריש“ שארף ארויס־זאגן און הינקט שטארק אויף א פוס. — — — פישקעס גאנג איז געווען געוויינטלאך בארוועס, אן א קאפאטע, נאר אין א גראב־געלא־טעט העמד מיט א לאנגן פארשמאלצעוועטן ארבע־כנפות און תחתונים פון גראבע לייוונט מיט א סך פאלדן. זיין ארבעט איז געווען צו גיין רופן אויף דער גאס: „באלעבאטים, אין באד ארייז!“ פרייטיק, און „ווייבלאך, אין באד ארייז!“ מיטוואך. — — — — — — זומער, ווען ס׳פלעגט זיך אנהויבן ווייזן גארטנווארג, האט אין דער אידישער גאס זיך געלאזט הערן זיין קול ווי פון א שלייען: „אידע־לאך, אהער! יונגער קנאבל, אידעלאך!“ אין באד פלעגט ער היטן דאס אנטאן, אונטערטראגן א שעפעלע וואסער, אריינלאזן א קויטיק העמד אין דעם ארבל אריין מיט א קנופ אינעווייניק, ווי א מייסטער, דערלאנגט א קויל פייער, ווארפנדיק עס פון איין האנט אין דער אנ־דערער, צו פאררויכערן א ציגאר טיטון און כאפן דערפאר מיטאמאל א הארטן צווייער. פישקע האט זיך שוין גערעכנט דערמיט פאר א שטיקל כלי־קודש און געהאט דאס רעכט אויף געוויסע זאכן, ווי אשטייגער: ארומגיין איניינעם מיט דעם פעקל שמייסער, באד־לייט, איבער די הייזער נאך פורים־געלט, חנוכה־געלט, קומען מיט דער קאמפאניע אויף לעקאך־און־בראנפן, אויף א קריאת־שמע ליי־ענען, אויף א ברית ביי באלעבאטים, אין באד, כאפן א כוסע מיט א שטיקל האניקלעקאך און ארומגיין פסח מיט א טארבע צונויפ־נעמען ביי די באלעבאטים שטיקלאך מצה.

„פישקע דער קרומער“

די האר־באטע

די מאמע אירע האט זי געבראכט קיין גלופסק איניינעם מיט א קלימעקל זאכן און אלטע בעבעכעס. דאס קלימעקל האט זי אפגע־ווארפן ערגעץ אין א שטיבל ביי אן אלטער אידענע, א מכשפהטע. אפנים, דאס איז געווען א מעקלערן פון דינסטן. די אלטע אידענע פלעגט אוועקגיין מיט דער מוטער, איבערלאזן דאס קינד איינער אליין, אן עסן, און פארפאלן ווערן אויף א גאנצן טאג. אז דאס קינד האט איינמאל געוויינט, געצאפלט: מאמע, נעם מיך אויך מיט זיך!

וועגן קבצנים

האט די אלטע מכשפהטע אויף איר זיך שטארק געבייזערט, מאכנ־דיק צו דער מוטער: חלילה, מ'טאר פון איר גארניט וויסן, ס'קען שאטן צום עסק. אין עטלאכע טעג ארום האט די מאמע זי גענומען און גאנץ שטיל זי אריינגעפירט למזל אין א קיד, ערגעץ אין א באלעבאטיש הויז. ס'האט ניט געדויערט לאנג, איז זי מיט דער מאמען איבערגעגאנגען ערגעץ אנדערשוואו אין א קיך און פון דארט ווייטער אין א נייער קיך, אזוי, אז אין א קורצער צייט זיינען זיי מגולגל געווארן אין א היבש ביסל קיכן. די מאמע איז מיט איטלאכס מאל איבערקלייבן זיך אין א נייע קיך געווארן צו איר אלץ ערגער און שלעכטער. — — — דאס טעכטערל, געבאד, האט געדארט, נעקווארט און גענעסן קריינק. די מאמע פלעגט עס פארשטופן, אזוי ווי טריפה סחורה, אויפן אויוון, אין א ווינקעלע דארט. איז עס דעם גאנצן טאג אפגעזעסן אויף איין ארט, איינגעהויקערט אין צענטן און מ'האט ניט געטארט הערן פון איר קיין פיפס. ס'פלעגט איר די סמאהע איבערגיין, שמעקנדיק די ריחות פון געבראטענע גענדז, געפרעגלטע לעבערלאך, און זי... שא, ניט קיין ווארט! זי האט שטילערהייט געליטן הונגער, ביז מ'האט זיך דערמאנט אריינצושטופן איר אין הענטל א טרוקן שטיקל ברויט און אמאל אויך אן אפגעלעקט ביינדל, אדער עפעס אנדערש, וואס איז איבער־געבליבן אויף די טעלער. אמאל ווידער האט מען אין איר זיך גאר פארגעסן, און אז זי האט זיך ניט געקענט איינהאלטן און האט א פיפס געטאן, פלעגט זיך ווייזן אינדערהויך אויפן אויוון א קאטשע־רע, א לאפעטע, אדער א שטעקן, א פאלאניק און שלאגן אויפן קאפ, אויף די הענטלאך, אויף די פיסלאך, וואו נאר ס'האט גע־טראפן. — — — אזוי האט זי פארבראכט אין קריינק, אין צרות אירע יונגע יארן אויף די אויוונס. פונם שטענדיקן זיצן אויף איין ארט איינגעבויגן, איינגעהויקערט איז זי געווארן הארבאטע.— — —

איינמאל, אנטקעגן אוונט, איז געקומען עפעס א מענטש און פארנומען פון דער קיך דער מאמעס זאכן. די מאמע האט געדאנקט דער באלעבאסטע פאר זאלץ און ברויט, אראפגענומען מיט מזל איר נאקעט טעכטערל פונם אויוון און איז מיט איר ארויסגעגאנגען. זי פירט דאס טעכטערל און פירט, ביז זי פארפירט עס ערגעץ אין א

קליין־מענדעלע

געסל. „זעץ זיך דא אנידער און ווארט. אידן וועלן רחמנות האבן״.
אזוי האט געזאגט די מאמע און איז פארשוואונדן געווארן.

„פישקע דער קרומער״

און ארע־מאנס א קינד

און ארעמאנס א קינד איז אויף דער וועלט אן איבעריקע זאך. איטלאכן גרויס אין די אויגן, מ׳ווינטשט אים, נעבאך, שטילערהייט דעם טויט נאך ליגנדיק אין בויך, מ׳נעמט אים אויף ביים געבוירן ווערן ווי אן עקזעקוציע, נאך איידער ער קוקט־אן די ליכטיקע וועלט איז מען אים שוין דם־שונאים. איז ער שוין דא, הארעוועט ער זיך ווי ס׳איז און דערוועקט אפילו ביי זיינע אייגענע עלטערן ניט קיין געפיל פון רחמנות צו זיך, סיידן ווען ער ווערט, נעבאך, מסוכן קראנק...

„דאס קליינע מענטשעלע״

הלכות־ארעמאן

אריינקומען זאל מען מיט א רוגזה, אנגעברוגזט, און מאנען די נדבה ווי א חוב; מ׳זאל קריכן, ארויפקריכן אויבנאן און פארקריכן אזש אין דער ספאלניע, אויפצוזוכן דעם באלעבאס אדער די באלע־באסטע דארט. — — — קיינמאל באדארף ניט געפעלן וויפיל מ׳גיט. גיט מען א שטיקל ברויט, זאל מען בעטן עפעס געקעכץ, אביסל בארשט, גיט מען געלט, זאל מען בעטן א העמד, אלטע תחתונים און זאכן וכדומה. שטענדיק באדארף מען זיך נאר קרימען און בלאזן, קיינמאל ניט דאנקען, נאר ווארטשען, און אמאל אויך טאקע שעלטן.

„פישקע דער קרומער״

האלב־דינסט־מיידלאך

ארעמע מיידלאך, וואס ארבעטן, הארעווען, רייסן קריעה יארן־לאנג עפעס ביי קרובים אזוינע און הייסן הייסט עס, זיי העלפן גלאט אזוי זיך, ווי אייגענע, אין דער באלעבאטישקייט אומזיסט, ניט צו נעמען קיין גראשן, חלילה. דערפאר שטעלט מען זיך ארויס פאר מחותנים ביי זיי אויף דער חתונה דערמיט, וואס מען שיינקט זיי א בורנאס, א שמאכטע און א פאר קליידלאך פון דער גארדע־ראב. מ׳טוט זיי נאך אן גרויס כבוד אויך, וואס מ׳עסט, מ׳טרינקט ביי זיי אויף דער חתונה און מ׳גייט מיט דער כלה דעם כשר־טאנץ...

„די אלטע מעשה״

וועגן ווייבער:

וועגן ווייבער
איידל
רייזע די בעל־אכסניאטע
ווייבערשע מאָדעס
דער שלייער
אַ בריה אַ מיידל
יאַכנע סאָסיע
ווייבערשע ניין מאָס רייד

וועגן ווייבער

אקעגן א ווייב, טראכט איך ביי מיר, העלפט ניט קיין מיטל. איז זי א שלאק, שרייט זי אפילו אןביידע, אפילו אויך אן איין ליפ, אפילו אן א נאז דערצו, און פאלט אויף דיר אן אפילו בלינדערהייט, אן אויגן...

„פישקע דער קרומער"

ווייבערשע מלאכות האבן אין דער וועלט ניט קיין ווערט און ווערן זייער ווייניק באלוינט.

„דאס קליינע מענטשעלע"

ברוגז זיין איז ביי ווייבער איבערהויפט דאס בעסטע מיטל אקעגן די מאנען, בשעת נאך א מלחמה צווישן זיך, באזונדערס די ערשטע צייט נאך דער חתונה...

„דאס ווינטשפינגערל"

ביי אלע עמי־הארצים איז דאס ווייב א גאנצע חשובה...

„דער פריזיוו"

מאנדזבילן, וואס זוכן צו האבן א סך ווייבער, קענען טאקע איינע א רעכטע אויך ניט האבן.

„דאס קליינע מענטשעלע"

רכילות — דאס בעסטע געווירץ, די געשמאקסטע בשמים פון איטלאכן ווייבערשן שמועס.

„דאס ווינטשפינגערל"

א ווייב בשעת כעס גריזשעט און בייסט די נשמה.

„מסעות בנימין השלישי"

קליין־מענדעלע

ווייבער האָבן ליב זיך פאָרשטעלן, לאָבן קלאָמפּערשט, וועז עס ווייגט זיי דאָס האָרץ.

„דער פּריזיווו"

אַ כשרע, ערלאַכע אידענע באַדאַרף טאָן דעם מאַנס רצון, אַז דער מאַן זאָגט ניין, באַדאַרף זיין ניין.

„דאָס ווינטשפּינגערל"

רייזע די בעל־אכסניא־טע

אַ קורצע, דיקע, ברייטבייכיקע אידענע, שוין אין די יאָרן. מיט אַ געשטופּלט פּנים, וואָס איז שטענדיק פאַרשוויצט און מיט אַ צווייגאָרנדיק גוידערל. אַ שנירל שיטערע הערלאַך ציט זיך איר אויף דער אויבערשטער ליפּ, וואָס פאַררייסט זיך ביי דער רעכטער באַק אַרויף, אַזוי אַז מ'זעט אַ רויט שטיקל צונג אַרויסקוקנדיק דורך אַ היפּש שפּעלטל אויפן אָרט פון צוויי אויסגעפוילטע ציין. איין עק פאַרטוך איז איר שטענדיק פאַרשטעקט, דער בוזים צע־שפּיליעט. די צוויי עקן פונם קאָפּטיכל זיינען פאַרוואָרפן אהינטן און האַלט געוויינטלאַך אין דער האַנט אַ פּאַלאָניק — אַ באַוויז, אַז זי פאַרעט זיך שטענדיק ביים אויוון. זי רעדט שרייענדיק, גיך און איין אָטעם פונם האַרצן מיט אַ בייזער: ס'דאַכט זיך, זי איז שטאַרק אויפגעבראַכט, קריגט זיך, הגם זי מיינט, חלילה, ניט קיין שלעכטס און איז בטבע אַ גאַנץ גוטע. דאָס איז ביי איר גלאַט אַזאַ לשון, אַזאַ שטייגער ריידן, וואָס האָט נאָר אויסגע־אַרבעט זיך פון אייביקע עסקים און צוטאָן־האָבן איר גאַנץ לעבן מיט בעל־העגלות.

„דאָס ווינטשפּינגערל"

איידל

דער רבונו של עולם, דער גרויסער מייסטער, אַ מאָלער איינער אין דער וועלט, האָט גענומען די פיינסטע מאַטעריאַלן, וועלכע ער פאַרמאָגט: דאָס ווייסקייט פון ליליען אויף באַקן, דאָס רויט־קייט פון קאָראַלן אויף ליפּן, דאָס בלויע פונם הימל אויף אויגן, דאָס שוואַרצקייט פון ראָבן צו די האָר, צוגעגעבן דערצו דעם זי־

ווענגן ווייבער

בעטן חן, ליבלאַכקייט, גוטסקייט און צערטלאַכקייט, אויסגעמישט דאָס אַלצדינג איניינעם, געטאָן אַ מאַך — און עס איז אַרויס פּאַרטיק אַ בילד־שיינע איידל!...

„דאָס ווינטשפינגערל"

ווייבער־שע מאָדעס

קיין אויערן און קיין האַלדז זעט מען ניט, נאָר רינגעלאַך, קייטעלאַך, פּערל און דימענטן — אמתע אָדער פאַלשע. דער קאָפּ מיט דער גאַנצער מאַכינאַציע זיצט אויף אַ גוף מיט צוויי פּיס. און דער גוף איז איינגעוויקלט אין קליידער פון אַלערליי קאָלירן וואָס זיינען אָנגעטאָן איינס אויפן אַנדערן, ווי דאָס שאָלאַכץ פון אַ ציבעלע: אויבן אַ זיידענער מאַנטל, אַ טייערע טאַלמע — פּאַר לייטן, אונטן קויטיקע. צעריסענע שמאַטעס. און כאָטש די זון סמאַליעט, און דער עולם שוויצט, נעבאַך, אַז ס'איז גאָטס רחמנות, פונדעסטוועגן קענט איר דאָ זען ווייבלאַך אויסגעפּוצ־טע אין זייערע וואַרעמע מלבושים, וואָרים די תאווה צו פּוצן זיך איז אַזוי גרויס, אַז זי איז גובר די היץ און דאָס שוויצן אום זומר, די קעלט און דעם פראָסט און דעם שניי אינמיטן ווינטער. אין רחמים ביי ווייבערשע מאָדעס: אַז מ'דאַרף, ס'זאָל יענעם שטעכן די אויגן מיינער אַ מלבוש, אַ צירונג, ווער וועט דאָ גיין קוקן אויף צער בעל החיים?...

„צוריק אַהיים"

דער שלייער

שלייער האָט געהייסן זייער אַ דין, געבליכט שטיקל לייוונט, לאַנג און שמאָל ווי אַ האַנטוך, די שטעטלדיקע וועבערס מלאכה. מיט דעם מין האַנטוך פלעגן ווייבער אַרומוויקלען דעם קאָפּ איבער דער קאָפּקע, אויסקניפּטשנדיק עס אַזוי, אַז הינטן אויף דער פּאַ־טיליצע זאָל אַראָפּהייגנען צוויי עקן, אין דער גרויס און אין דעם געשטאַלט פון מלינצעס, און זיי ביי די זייטן צוויי קלענערע מיט דעם נאָמען „פּאָכעס". דער פאַרשלייערטער קאָפּ האָט, ווי אַ רייף, אַרומגענומען אַ צונויפגעלייגטע פּאַטשיילע, פאַרדרייט מיט אַ קנופּ אויפן שטערן, און די עקן פּאַטשיילע פאַרשטעקט, אָדער צו־

קליין־מענדעלע

געשפיליעט, איין עק פון דער זייט קאָפּ, יענער פון דער אַנדערער זייט. ביי אַלטע כשרע ווייבער איז דער קנופּ אויסגעקומען סאַמע פאָרנט, ווי אַ „של ראש" אויפן שטערן. ביי יונגע ווייבלאַך, מאָדניצעס, איז דער קניפּ פאַררוקט געווען אַביסל אין דער זייט. שבת און יום־טוב האָבן ווייבער פון באַלעבאַטישן שטאַנד געטראָגן אויפן קאָפּ זיידענע, קאַשעמירענע אָדער טערקישע פאַטשיילעס, אינדערוואָכן וואָלענע מיט גרויסע קווייטן — עפּל פּאַטשיילעס. דידאָזיקע ביידע מיני פאַטשיילעס האָבן מחותנים פון חתנס צד באַדאַרפט שיקן פאַר דער חתונה אַ מתנה דער כלה, און מחותנים פון כלהס צד האָבן געשיקט דעם חתן אַ שטריימל.

אָט אַזוי האָבן אונדזערע באָבעס אַ פּנים געהאַט אין שלייער!

דער שלייער האָט באַדאַרפט זיין ווייס ווי שניי, אָנגעקראָכמאַלעט, אָנגעבלאָווט און אויסגעקייקלט. דידאָזיקע מלאכה פון קייקלען־גלעטן אַ שלייער איז געמאַן געוואָרן פון צוויי ווייבער, באַלעבאַסטעס, בשותפות, אַזוי: איינע האַלט מיט ביידע הענט ביי די שפּיץ־עקן שלייער פון איין זייט, די צווייטע טוט דאָס אייגענע יענער אַנטקעגן, פון דער אַנדערער זייט. אויף אַזאַ אופן בלייבט דער שלייער צווישן די ווייבער אויסגעצויגן ווי אַ לאַנגע שמאָלע רינווע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ גרויסע, קיילעכדיקע גלאַטע קויל פון גלאָז אָדער פון אייזן. גיט אַ הויב אַ אידענע די הענט אַביסל העכער, לויפט די קויל אין דעם שלייער פון איר זייט צו יענער, וואָס אַנטקעגן. טוט באַלד אויך אַזאַ הויב מיט די הענטלאַך יענע, קייקלט זיך די קויל אין שלייער צוריק צו דער ערשטער. אָט אַזוי לויפט די קויל הין־און־צוריק ביז דער שלייער ווערט גלאַט, ווי אַ טאָפּ.

„שלמה ר' חיימס"

אַ בריה אַ מיידל

ביילע איז זיך געשטאַנען לעבן דער פּריזבע ביי איר שטוב, וואו זי האָט אַרויסגעשטעלט טריקענען דאָס צעוואַשענע געפעס און אויסגעהאַנגען אויף אַ שטריקל עטלאַכע איבערגעשווייינקטע שטיקלאַך גרוים. זי איז געווען נאָך ניט־אָנגעטאָן, נאָר אין אונטערקליידל, פון הינטן פאַרשטעקט, באָרוועס. די אַרבל פונם העמד

וועגן ווייבער

וויט פארקאטשעט אויף די פולעטשקע, דיקע אָרעמס ביז איבער די איילנבויגנס. דער בוזים אביסל אָפן, דער גאנצער האלדז, מחילה, אינדרויסן און די האָר צעפּאטלט.

„דאָס ווינטשפּינגערל״

יאַכנע סאַסיע

יאַכנע סאַסיע, אָדער לייבציכע, ווי זי האָט געהייסן — — — פלעגט, ווי א נאָענטע שכנה, קומען צו שרהן, ר׳ חיימס ווייב, לייען אַמאָל דאָס, אַמאָל יענעס, און כמעט אַלע פרימאָרגן נעמען פונם פּריפּעטשיק א קויל פייער ביי איר. שוועבעלאַך, ווי היינט, האָט מען דענסטמאָל ווייניק געוואוסט, מ׳פלעגט געברויכן אַנדערע מיני מיטל פייערגעצייג. לייבציכע פלעגט דאָס קויל פייער אריינשאַרן אין א טעפּל, בלאָזן עס צווישן די קאַלטע קוילן דאָרט, און דערביי אויסשיטן גאַנצע זעק רייד. איינמאָל אין וואָך האָט געמוזט צווישן דידאָזיקע צוויי שכנות זיך מאַכן א רוגז. געוויינטלאַך פלעגט דער רוגז ארויסשפּרינגען אין א מאַרק־טאָג, איבער עפּעס א מציאה, נאָר מער פון א טאָג האָט ער קיינמאָל ניט געדויערט. מאָרגן גאַנץ פרי איז שוין לייבציכע מיט דעם פייער־טעפּל געקומען, איז געווען זיס ווי צוקער, געבלאָזן אין טעפּל און גערעדט — א שרעק.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט זי אָפט קומען זיצן ביי שרהן מיט עפּעס אַן אַרבעט, מיינסטנס מיט א זאָק אין דער האַנט, און האַלטן זיך עצות, צי ס׳איז שוין צייט אָנצוהויבן די פּיאַטע, אָדער אויף וויפיל אייגלאַך אַפּצולאָזן די זאָק. דערביי האָט זיך איר ניט צוגעמאַכט דאָס מויל, גערעדט, באַרעדט, דערציילט משונה־וואונדערלאַכע מעשיות, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין דער וועלט, אויך מיט איר אַליין און מיט איר זיידן, עליו־השלום. שווערנדיק זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי דערציילט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדע־רער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. פון וואָס מ׳זאָל ניט געוועז ריידן, איז זיך עס ניט אויסגעגאַנגען אַז לייבציכעס א מעשה. האָט מען גערעדט פון עפּעס א שלאַפקייט, קדחת אַשטייגער, איז לייבציכע אַרויס מיט דער שפּראַכע:

קליין־מענדעלע

— שא, אט האט איר אייך, אידישע קינדער, גאר א פרישע מעשה! פסח קלאץ, אט־דער ישובניק קלאץ, א רויטער, א געזונטער, גאר טאקע א פויער, זיצט ער זיך פסח איבער א גרויסער שיסל זויערמילך, אריינגעטאן אינגאנצן מיט חשק אין דער אכילה. וואס דען־זשע זאל א גראבער־יונג טאן? ווי פסח זיצט זיך דא אזוי, די נשמה זיינע אין שיסל, קומט אריין אין קרעטשמע צו אים עפעס א פרישער פארשוין. ווער דער פארשוין איז? — דאס וועט זיך שוין ארויסווייזן ווייטער, שפעטער אביסל. שטייט ער זיך, דער פרישער פארשוין, אנטקעגן קלאצן. קוקט, קוקט, ניט אראפצונעמען פון אים די אויגן. און ווי פסח שעפט אן א גרויסע לעפל זויערמילך און טראגט עס צו צום מויל, אז מיין פארשוין טוט אים א פאטש איבער דער האנט, און דאס לעפל מיט דעם זויערמילך פאלט אריין, באץ, אין שיסל. „דו זעסט — מאכט דער פארשוין צו אים — אט דאס קליינינטשקע, שווארצינקע פינטעלע, וואס שווימט דא ארום אין שיסל? ניין, דאס איז ניט קיין פראסט פינטעלע. דאס איז דיין מזל, וואס איך האב מיר דא באצייטנס אונטערגעכאפט איידער דו האסט עס אראפגעשלונגען. דאס גוטיטשקע פינטעלע איז עס. ווילסט וויסן ווער, וואס? — נא! דאס קדחת האט זיך עם פארוואָרפן אין א שווארץ פינטעלע און געוואלט מיטן זויערמילך איניינעם דיר אין בויך אריין". ער נעמט באלד טאקע א פאכירל, גיסט אהין אינעווייניק אריין דאס זויערמילך מיט דעם פינטעלע און היינגט עס אויף איבער דעם אויוון. פסח קלאץ שטויסט זיך שוין אן, ווער דער פארשוין איז. איינער פון דער גוטער כנופיא איז ער. ער האט אים זייער שיין באדאנקט, דערנאך איז פסח קלאץ געפארן אין שטאט אריין און געבענטשט גומל... — — — —

— וואס, פון דער קו, שרה, רעדסטו? — פאלט לייביצקע אריין שרהן אין די רייד — די קו גיט עפעס ווייניק מילך, זאגסטו, די קו? דאס נעמען די מכשפות צו דאס מילך. — — — אז איך בין נאך א מיידל געווען, האט זיך געטראפן ביים זיידן, מיר אויף צו לאנגע יאר, א מעשה, אין דעם יאר טאקע, וואס מיט דעם גאנער, א ליכטיקן גן־עדן זאל ער האבן — דער זיידע מיינער.

װעגן װײבער

נאָך אַזאַ מעשה ניט דערהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. מ'האָט אים ניט געקענט רירן פונם אָרט, אַזוי שווער איז דער גאַנער געווען, אַ הונדערט פונט, און אפשר נאָך מער. ער האָט באַדאַרפט געבן אוודאי עטלאַכע טעפּ שמאַלץ, און גריוון גאָר אַן אַ צאָל. צוריקטראַגנדיק אים פונם שוחט, אַ געקוילעטער שוין, גיט ער זיך פלוצלונג אַ שטעל אויף די פיס, טוט זיך אַ לאָז מיט אַ פייף איבער דער גאַנצער גאַס און ווערט פאַרשוואונדן. ווער גאַנער, וואָס גאַנער — אַ גלגול איז דאָס געווען! ... טפו, איך מיש איין מעשה מיט דער אַנדערער, פליישיקס מיט מילכיקס, פון מילך וויל איך גאָר דערציילן. אַ מיידל אַז איך בין נאָך געווען, האָט די רויטע קו דעם זיידנס, עליו־השלום, אויפגעהערט כמעט צו געבן מילך, איז געוואָרן מאָגער, דאַר־קוואַר מיט לײדיקע אייטער. די באָבע טעמע, זאָל אַ גוטע מליצה זיין, האָט זיך שטאַרק געערגערט. גיי, זאָגט זי, גיב פרעסן אַ קו, אַז זי וויל ניט געבן קיין מילך, מכות איר... פעטריכע, זאָל זיך מיען־ניט־מיען דאָרט, האָט, צעקריגנדיק זיך מיט אירער אַ חברטע, אַ מכשפה, אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס איז איר מלאָכה, און פאַר אַ טרונק בראָנפן געהייסן אַט־וואָס: „טעמע, מאַכט זי, נעם צעלייג אוונט־צייט אויפן פריפּעטשיק אַ פייער, שטעל אַרויף דאָרט אויף אַ טרינישקע אַ טעפּל, אין טעפּל טו אַריין די „צעדעלקע" (אַ שטיקל לייוונט אויף איבערזייען די מילך) און די האָר פון אַ פלעדערמויז מיט די קרייטעכצער, וואָס איך גיב דיר דאָ. מיר און לאָדן זאָלן זיין גוט צוגעמאַכט, חוץ דיר זאָל קיינער אין שטוב ניט זיין. אויב דו האָסט שטאַרק מורא, מעג יאַכנע־סאָסיע מיט דיר בלייבן. אַז דאָס טעפּל וועט אָנהויבן קאָכן, וועסטו הערן אַ קלאַפּ אין דער טיר, שפּעטער אַביסל קולות מיט אַ געבעט: „טעמע, עפן די טיר!" און דו — שאַ. דאָס וועט די מכשפה, קייקלענדיק זיך אויפן בויך, קומען בעטן זיך. און אָננעמען דאָס קול פון דיין מאַן, און נאָך אַנדערע קולות, דו אָבער — ציט... עפן ניט למען־השם ולמען־השם". כך־הוה. איך געדיינק עס ווי היינט. ס'איז אָוונט־צייט, אין שטוב איז פינצטער, איך מיט דער באָבען, מיר אויף צו לאַנגע יאָר, שטייען מיר ביים פריפּעטשיק. דאָס טעפּל אויף דער טרי־

קליין־מענדעלע

גישקע, אונטן ברענט א פייער, קוים הויבט אן דאס טעפּל טיאַד. טיאַד, הערט זיך אין דער טיר — קלאַפּ, קלאַפּ! די באָבע צי־טערט, שטשירעט אוים אויף מיר אן אויג, פארבייסנדיק מיט די ליפּן. מיר אין הארצן קלאַפּט אויך — טיאַד, טיאַד, נאָר גאָרניט — שאַ! פּלוצלונג הערט זיך א קול ווי פונם זיידן. אַבער אקוראַט אזוי, מ'האָט נעמענגט שווערן, מיט א נעבעכט: „טעמע, לאָז מיך אריין, טעמע!" די באָבע פארבייסט נאָך שטאַרקער די ליפּן, ווינקט מיר מיט א פינגער אויפן מויל, דאָס הייסט: „שאַ, יאַכנע־סאָסיע!" איך לייג אַלץ אונטער שפּענדלאַך. דאָס טעפּל קאָכט, פון דרויסן הערן זיך קולות: ווידער ווי דעם זיידנס קול, מיט גוטן און מיט בייזן. דאָס איז געווען זי, די מכשפהטע, ס'האָט איר אפנים גוט געדרייט אין בויך פונם קאָכעניש אין טעפּל. שפּעטער אַביסל — א כריוקען פון א חזיר, א הייל‍ן פון א הונט, א מעקען פון א ציג, א מיאוקען פון א קאַץ. דערנאָך, דערנאָך... הערסטו, שרה, וואָס איך וועל דיר בעסער זאָגן — טוט פּלוצלונג א זאָג לייבציבע, פארקוקנדיק זיך אויף דער קאַץ, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט קעגן אויף דער באַנק, דרייענדיק דעם וויידל און מאַכנדיק מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס — דו הערסט, עס געפעלט מיר עפּעס ניט דיין קאַץ. איך האָב מורא, אוי, א ווייטיק איז מיר ניט, דאָס איז א גלגול!... א—קאַטא, א—קאַטא!...

„שלמה ר' חיימס"

ווייבער־שע ניין מאָס רייד

— „זאָלט איר מיר געזונט זיין, מלכה־טויבעניו!" — הויבט אָן טריינע־סאָסיע צו מאָלן מיט דעם צינגל און א מאָס רייד איבער די באַלעבאָסטעס אויסצושיטן. — „וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר א שלעק זיי זיינען, די אַלע שיינע היינטיקע באַלעבאָסטעס! ביי וויפל איך בין איבערגעוועזן, איז אַלץ איינע ערגער פון דער אנדערער. איטלאַכע מיט איר מאַנקאָליע, מיינע צרות אויף זיי! האָבן נאָר ליב אָט־וואָס: זיך צו דרייען, טאַראַראַמען, פּילדערן, קלינגען מיט די שליסעלאַך. מיינען, זיי טוען עפּעס. און טאָמער ווייסט איר וואָס?"

וועגן ווייבער

— „וואָס, וואָס?" — רוקט מלכה־טויבע אַריין אַ ווערטל. כלומרשט תם, און ציט דערמיט טאַקע ביי טריינע־סאַסיען ווער־טער פונם מויל.

— „גאָרניט!" — צעהיצט זיך טריינע־סאַסיע — ווייס איך וואָס ביי זיי הייסט עס, גאָר אַ געלעכטער, כ׳לעבן, די איז אַ בריה, פול אין איטלאַכס ווינקעלע. יאָ, אמת טאַקע, אָבער קיינמאָל ניט אין יענעם ווינקעלע, וואו מ׳באַדאַרף. גלייך ווי זי שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. זוכט מען זי דאָ, איז זי גאָר דאָרט, און באַדאַרף מען זי דאָרט, כאַ־כאַ! איז זי דאָ... דער מאַן זוכט, די קינדער זוכן, מ׳רופט, רופט און זי שרייט פון ערגעץ אַרויס אין איין כעס. יענע ווידער, מיינע ווייטיקן אויף איר, געטרויט ניט די שיין, ציילט די גרויפּן אין טעפּל, פאַר אַ האַלבן גראָשן וואָלט זי זיך געלאָזט די אויגן אַרויסנעמען, וואָס איז?"

— „אַ באַלעבאָסטע, וואָס דען? זי וויל איינברייינגען..." מאַכט מלכה־טויבע מיט אַזאַ מינעלע, עפּעס ווי אויף קאַטאָוועס און עפּעס ווי גאַנץ ערנסט.

— „יאָ, איינברייינגען!" — מאַכט טריינע־סאַסיע שטאַרק פאַרקרימענדיק זיך — זי וויל איינברייינגען פונם עסן אַ גראָשן און אַליין ברייינגט זי דעם מאַן אוים — ווייס איך אויף וואָס — הונדערטערם!... איינע, עפּעס אַ שלימאַזל, האַנדלט איין אין מאַרק אַלע מציאות, אייער אַ מציאה, שמאַלץ אַ מציאה, גאָט שיקט איר אַלץ צו. האָט אַ שפּיזאַרניע מיט אַלעם גוטן און האַלט עס אָבער אונטערן שלאָס אַזוי..."

— „אייערע מיינט איר?" — כאַפּט זיך מלכה־טויבע אַרויס מיט אַ וואָרט — ביי אייערער איז עס אַלץ אונטערן שלאָס? אַ גוטע באַלעבאָסטע, כ׳לעבן!"

— „טפו, אַ גוטע באַלעבאָסטע, כ׳לעבן!" — זאָגט טריינע־סאַסיע איבער יענערס ווערטער מיט אַ בייז געלעכטרל, אויס־שפּייענדיק דערביי — האַלט עס אונטערן שלאָס אַזוי לאַנג די אַלע מציאות, ביז די אייער ווערן טוכלע, די פּוטער באַקומט אַ ריח, דער איינגעמאַכטס — געצוקערט און מ׳וואַרפט עס דער־

קליין־מענדעלע

נאָך ארויס... די אנדערע, עפּעס אַ שטיק פליייש, ליגט איבער שטענדיק אין קיך, מישט זיך צום טעפּל, ווייס איך וואָס? כאָטשע מ׳באַדאַרף זי דאַרט האָבן ווי אויגנווייטיק. פאַרקערט, דורך איר מישן זיך ווערט ערשט אַ מישענינע: דער געבראָטנס צוגעברענט, די יויך אויסגעלאָפן און ס׳איז נאָר אַ צעפּוקעניש..."

— „שונאים, שונאים! אַ צעפּוקעניש די שונאים — מאַכט מלכה־טויבע, אונטערלעקנדיק זיך — עסט אייך, טריינע־סאָסעניו, ניט אָפּ אַזוי דאָס הארץ!"

— „טפו זאָלן זיי ווערן! — שפּייט טריינע־סאָסיע אויס — וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, מלכה־טויבעניו?... איינע ניט קיין רעכטע! אַלע זיינען זיי שלימעזאַלניצעס, ליידיקגייערנס, האָבן ניט וואָס צו טאָן און גיבן זיך אוים קלאָמפּערשט פאַר בריות. אַ קאַטאָוועס, אַז זיי וואָלט די גאַנצע שטוב האַרנעם־קאַרנעם זיך איבערגעקערט. טאָמער ווייסט איר וואָס? — גאָרניט!... פריער בין איך געווען אַ נאַר און זיך גענומען צום האַרצן, פלעג פון זיי קייען די ערד. און היינט אָבער האָב איך מיך מישב גע־ווען — אַ־אַ, צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב־און־לעבן! איר נישטערט, רעדט, בייזערט זיך, שרייט זיך משוגענערווייז און איך טו מיר מיינס. ווערט צעזעצט!... וואָס איז, טאָמער ווייסט איר, עולם־הבא וועל איך האָבן? אדרבא, זאָגט, קרויז, סערדצע, און איך אַליין פאַר מיר, וואָס איז, וואָס, באַדאַרף ניט עפּעס האָבן?... איר פאַרשטייט דאָך מיך, מלכה־טויבעניו, געזונט זאָלט איר מיר זיין".

— „זאָלט איר מיר געזונט זיין, טריינע־סאָסעניו, וואָס דען, איך פאַרשטיי ניט? איך פאַרשטיי זייער גוט".

— „וואָס, סערדצע, בין איך אפשר ניט גערעכט? וואָס איז, טאָמער ווייסט איר, פון די שכירות, וואָס איך נעם, וועל איך מיר אַ שיין ביסל מויערן? און אייביק, האַ, וואָס איז, וועל איך די־נען? ווי זאָגט מען עפּעס, אַ מענטש איז ניט קיין אייביק גע־ווער. כל־זמן מ׳לעבט, לעבט מען און מ׳באַדאַרף זיך זאָרגן פאַר שפּעטער אויך. איך זאָל מיר ניט געווען דאַראַבען — שאַ, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — אַביסל פונם מעל, אַביסל פונם קצב.

וועגן ווייבער

אביסל פונם איינקויפן, וואָלט טאַקע געווען אַ ווייטיק מיינע שונאים. צו וואָס לאָמיר זיך דאַ נאַרן, מלכה־טויבעניו? נישקשה! איר פאַרשטייט? צו דעם וואָס לעבט אייביק האָב איך קיין טענות ניט. ניט צום פאַרזינדיקן. האָב, געדאַנקט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס אָנצוטאָן. מיין קאַסטן קליידער האָט איר נאָך ניט געזען? קומט, סערדצע, וועל איך אייך ווייזן".

און טריינע־סאָסיע נעמט זיך ווייזן איר גוטס, צעלייגט איר קרעמל: שטיוולעטלאַך אויף קנעפּלאַך, איין קליידל, דאָס אַנדערע געניים נאָך דער לעצטער מאָדע מיט שליאַרקעלאַך. אַ זיידענע פּעלערינע אויסגעניית מיט גראַנאַטלאַך, אַ קאַפּטעלע, אַ שבת־דיקן בורנאַס מיט קוטאַסן.

זי האַלט זיך פּיד־באַקים און שמאַכט. מלכה־טויבע קוקט זיך צו, ווי אַ מבינה, צו איטלאַכער זאַך, טאַפּט און שאַצט. דאָס פּנימל לויכט איר, ווי זי שעפּט פּיל נחת פון טריינע־סאָסיען, וואָס דער אויבערשטער האָט זי אַזוי געבענטשט, מאַכט אַך־אַך! פאַר־וואָרפנדיק מיט די אייגעלאַך, אַליץ: „געלויבט איז השם יתברך. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!" און ווינטשעוועט, ווינטשעוועט, פאַרזיכערנדיק ביי איטלאַכס מאָל טריינע־סאָסיען, אַז ווי דאָס לעבן, אַזוי ליב און טייער איז זי איר. זי האָט שוין דאָס געזאָגט און זאָגט טאַקע:

— „אפנים אויף דער גאַנצער וועלט איז דען דאַ נאָך אַזאַ טריינע־סאָסעניו? קיין צער!"

ביידע שמעלצן זיך און ווערן ברייטער ווי לייגנער פאַר גרויס פאַרגעניגן.

„דאָס ווינטשפּינגערל"

וועגן קינדער:

וועגן קינדער
בר־מצוה אינגל
אַן אַנטיק
הערשעלעס קינדער־יאָרן
הערשעלע ווערט אַ „דאָקטאָר"
הערשעלעס ערשטע נסיעה
דאָס קליינע מענטשעלע
אָפּגעגעבן צום חזן
דער עקזאַמען

װעגן קינדער

קינדער האָבן, װי די מאַלפּעס, ליב נאָכצוטאָן די גרױסע אין אַלע זאַכן. װי זאָגט מען עפּעס: קינדער קײען, װאָס אַלטע שפּײען.

„דאָס װינטשפינגערל"

אין גלופּסק איז ניטאָ קײן קינדער. גלופּסקער אינגלאַך זײַנען קלײנע אידעלאַך מיט אַלע פּאָסטעמקעס: מיטן רײדן, מיטן אָנטאָן, מיטן היטן זיך, מיט דעם פּחד און דעם טרױער און די דאגות, װאָס זײַנען אָנגעשריבן אױף זײערע פּנימער. דער חילוק איז נאָר, װאָס זײ זײַנען קלײנע, זײ האָבן ניט קײן בערד און קײן װײַבער. גלופּסקער מײדלאַך זײַנען אַלטע װײַבער אי מיט זײער לשון, אי מיט זײערע גענג, זײערע תנועות, זײער הכנעה, זײער שטילקײט און אַראָפּגעפּאַלנקײט, אי אפילו מיט זײער חכמה. נאָר װאָס דען? זײ זײַנען קלײנע און קינדלען ניט.

„צוריק אַהײם"

יונגע מײדלאַך זײַנען אין אונדזערע צײַטן כמעט גאָרניט געװען. ס'זײַנען געװען יונגע װײַבלאַך, כלות און קינדער.

„דער פּריזיװ"

בעת דער גזירה, מ'זאָל נעמען אידישע קינדער פאַר רעקרוטן, דענסטמאָל האָבן אידן זיך געקליגט, אין כאַפּעניש, אין אײַלעניש אָפּצושטעלן חופּות ברעקלאַך קינדער, גאַנץ שבלדיק אַזױ: װײַבאַלד, אַז דו, שנעק אײנער, קענסט זײַן אַ זעלנער, קענסטו דאָך זײַן אַ באַלעבאָס אװדאי!...

„שלמה ר' חײמס"

בר-מצוה אינגל

עס לױפט זיך אַ קלײן לאַשאַקל הינטער דעם װאָגן, װעלכע די װיסטע מאַמע זײַנע, די שקאַפּע, שלעפּט נעבאַך, אײַנרײַסנדיק זיך דאָס געזונט און כאַפּנדיק הינטערװײַלאַכטס אַ שמיצל — נאָר-

קליין־מענדעלע

ניט, ס'זאָל דאָס אים אָנהויבן צו אַרן. עס לויפט זיך פריי, יאָגט הענדום־פענדום, דריגעט מיט די פיסלאַך, טאַנצט, שפּרינגט האָץ־האָץ־האָץ לעבעדיק־פריילאַך, פאַררייסנדיק דעם ווײדל, און האָט הנאה פון לעבן, פלוצלונג טוט מען אים אָן אַ צוימל, מ'שפּאַנט עס צו מיט אַ שטריקל צו דער פאַרוואַגלטער מאַמען. גיי בחור — גיט מען אים שטאַרק אָנצוהערעניש מיט דער בייטש — גיי, בחור, אויפן דראַנדזשיק!

„דאָס ווינטשפּינגערל"

און אַנטיק

אַ בלייך בחורל, אַ דאַרס, מיט אַן אויסגעווייקט פּנימל, ערשט בר־מצוה און שוין קאַנדידאַט אויף מערידן...

„דאָס ווינטשפּינגערל"

הערשעלעס קינדער־יאָרן

אין שטוב איז הערשעלע געווען שטיל, נאָר אָבער ווי אַ שטיל וואַסערל, וואָס גראָבט טיף. צווישן זיך פלעגן די קינדער שטילער־הייט אָפּטאָן מעשים, קריגן זיך, נאָכקרימען זיך אויפן וואונק, איינער דעם אַנדערן אַרויסשטעלן פייגן, דערלאַנגען אַ זעץ, אַ קניפּ און שאַ. — — — אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק־אָנגעבלאָזן פּאַכירל, זיך איינגעהאַלטן, קיין פּאַרע זאָל מען פון אים ניט הערן, אַקעגן־זשע אָבער אין דרויסן האָט דאָס פּאַכירל גע־לאָפּנעט און ס'איז אַרויס פריי אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין אים האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פייער, אַ שפּירט, איין קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט אַלע אינגלאַך און האָט אַרויסגעוויזן זיין גרוים בריהשאַפט. אין שטיינער וואַרפן, כאַפּן אַ ציג פאַר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק, אָננעמען פלוצלונג דעם קאַפּצאַנסקער קהלשן צאַפּ פאַר דער באָרד און אויסרייסן אים אַ פולן הויפן האָר, שטעכן חתן־כלה אונטער דער חופה מיט שפּילקעס, נאָכלויפן אַ משוגענעם אויף דער גאַס, אונטערכאַפּן זיך הינטער אַ וואָגן, בשעת פאַרנ־דיק געשווינט — דערצו איז ער געווען איין בריה טאַקע. ווייסע־חברה האָט דעריבער פון אים שטאַרק געהאַלטן און אים מכבד

וועגן קינדער

געוועזן מיט כהן אין אלע קונדייסקע זאכן. — — — זומער באטאג פלעגט ער פירן ווייסע־חברה באדן זיך אין קאבצאנסקער טייך — א גרויסער רינשטאק מיט א פארשימלטער בלאטע ביים ברעג, וואו שטאט־הזירים זיינען געלעגן איינגעזונקען טיף ביז איבער די אויערן, ארויסשטעקנדיק נאר דאס פיסקל. דער גאנג אהין איז געוועזן לעבעדיק־רעשיק, טאקע ווי מ׳זאגט, בעגראנדע. ניט אויסגעלאזן איין זאך אויפן וועג, מ׳זאל עס ניט בארירן. יונגע גענדזלאך צעלויפן זיך, אונטערפליענדיק אביסל מיט די קליינע, נאך ניט־גוט באפעדערטע פליגלאך; דער גאנער סאפעט, סמארעט מיט די נאזלעכער, אויסקרימענדיק דעם האלדז ווי א שלשלת. דאס קעלבל דארט איז זיך מטריח אויפצושטיין פונם גראז, שטעלט אויס א פאר אויגן, רוקט זיך אויף עטלאכע טריט אפ, ווארפנדיק מיטן קאפ און אנבויגנדיק דעם שטערן צו דער ערד, פארדרייסט דערנאך דעם ווײדל און אוועק, אוועק... חברה שפיליעט זיך אפ, קנעפלט זיך אפ, נאך גייענדיק, אין איילעניש, אזוי אז אנקומענדיק צום ברעג טייך פאלט פון איטלאכן דאס אנטאן פלוצלונג אראפ — און פוץ אין וואסער אריין, בול־בול־בול!

צווישן מנחה און מעריב איז ווייס־חברה זיך צונויפגעקומען אויפן יאריד אין בית־המדרש, אין פאלעש דארט, איטלאכער מיט זיין מין סחורה, און מ׳האט געהאנדלט געשמאק. איינער ביים א קרומען, אלטן טשוואק אויף א מעשענעם קנאפ אן אן אויערל, דער אנדערער טוט א ווייז א ניסל, א סווישטש און עס געפינען זיך דערויף צוויי שטארקע קונים, מיט שטיקלאך שפיגל־גלאז, פארצעלייענע שערבלאך פולע קעשענעס. יענער מיט א גרינער פאטשערקע איז פארטיפט אין עסק מיט דעם חבר, וואס בארימט זיך מיט זיין נאדלטעשל און א צינערן אויער־לעפעלע. הערשעלע איז דאס געוועזן דער שאצער און געכאפט פון אויבן פאר זיין מי. געווײנטלאך לאזט זיך דער יאריד אויס מיט א קריג: קיינער איז ניט צופרידן, איטלאכער טענהט, אז ער האט זיך מיאוס אפגענארט. ס׳האלט שוין ביים פאטשן זיך; עפעס א קונדעס, מיט א פריש געגדזן געדרגעלע טרומייטערט צו, א טאראראם, א געפילדער, ביז דער שמש לויפט אין איין כעס ארויס מיט א היק:

קליין־מענדעלע

„שקצים!" און חברה צעלויפט זיך ווי די מייז, איטלאכער אין זיין ווינקעלע.

חנוכה־צייט האט געפלאקערט דאס געשעפט מיט דריידלאך, פורים־צייט — מיט מאטעריאל אויף המן־קלעפלאך, שבועות־צייט — מיט אויסגעבלאזענע אייער צו מאכן פייגעלאך. הכלל, איטלאכער יום־טוב מיט זיין מין סחורה...

„דאס ווינטשפינגערל"

הערשעלע ווערט א „דאקטאר"

פרייטיק איינמאל אינדערפרי, אז דער מאמען איז מיט בוויכוויטיק אנגעקומען צו נעמען אין קליימל אויף בארג פעפער, צימרינג און מעל אויף שבת, לקחנט הערשעלע שטילערהייט אראפ צו ביסלאך פון דידאזיקע זאכן און אוועק שא, קיטש אהין, אויפן גרינעם גראז, אויפן ליידיקן פלאץ, הינטערן שטוב. ער זיצט זיך דארט לעבן פלויט, פאר אים שטייט א קליין פאפירן קעסטעלע, וואס קאסט אים דריי קנעפלאך מיט א יערכן ביימלע א צוגאב דערצו. אין קעסטעלע געפינען זיך עטלאכע קליינע פלעשעלאך, פאר וועלכע א חבר זיינער האט ביי אים גענומען א נוס, א צוויילינג, וואס האלטנדיק אים אין מויל ביי דעם ניסשפילן, איז ער אים שטארק מזלדיק געווען אויף אפצודאצן די קינדער; אויך א גרויסן זשוק מיט לאנגע הערנער, געהאנגען צוגעבונדן אויף א לאנגער פערדישער סטרונע. און בשעת די מאמע פארעט זיך אין שטוב דארט, ברעכט, נעבאך, זיך דעם קאפ, ווי ס'איז פונם ביסל מאטעריאלן עפעס צו מאכן, פארעט זיך אויך איר זונדל דא מיט דעם אראפגעלקחנטן פעפער, צימרינג, מעל און שאר ירקות, צו מאכן דערפון רפואות, וואסערלאך, טראפנס אין די פלעשלאך. פארטיק מיט די רפואות, טראכט ער ביי זיך: אצינד וואו נעמט מען עפעס א קראנקן, טאקע מיט א גוטער, אמתער מכה, צו באווייזן די גרויסע קונץ אין דאקטאריע? און ווי ער זיצט זיך אזוי און טראכט, דערזעט ער פונדערווייטנס, ווי משה־יאסי, א פארוואראלאזטער יתום, א נאקעטער, א בארוועסער, פארט אויף א שטעקן רייטנדיק און ארבעט, נעבאך, פאר אלע נאר א שרעק:

וועגן קינדער

פאר דעם פורמאַן, אויך פאר דעם פערדל און אויך פאר דעם וואָגן. — — —

אונדזער הערשעלע פאַלט אויף אַ המצאה, ביי משה־יאָסים אָנקומען און נים לאַנג געטראַכט מאַכט ער צו אים אויף סונדעם־לשון אַזוי:

— „סויסע־סאָסי (משה־יאָסי), סו סילסט (דו ווילסט) סאָן סראַנק (זיין קראַנק)?"

— „סיין (ניין)! — ענטפערט משה־יאָסי אָפּ אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאַקע — סאָל סאָט סיטן (זאָל גאָט היטן)".

— „זאָג יאָ, דו נאַרעלע. טאַקע גאָר אָן קאַטאָוועס, געוויס, דייטש! — מאַכט הערשעלע — לאָמיר ריידן פּראָסט אידיש. זאָג־זשע יאָ, נאַרעלע. וואָס קען דיר עס אַרן? דו וועסט זיין קראַנק און איך וועל דיר געבן רפואות... נו, דו ווילסט?"

— „איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסן".

— „עסן?... עסן, משה־יאָסילע, האָב איך נים, נאָר צו־זאָגן אויף שפּעטער־אַמאָל יאָ, זאָג איך צו. נאַ דיר מיין האַנט תקיעת־כּף. נו, וועסטו שוין זיין קראַנק, נאַרעלע?"

— „איך בין דאָך אָבער געזונט, הערשעלע?"

— „נישקשה, נאַרעלע, איך וועל דיך מאַכן קראַנק. איך וועל דיר טאָן אַ דראַפּעלע, אַ קליין דראַפּעלע אונטן אויפן פוס, זעסטו, אָט מיט דעם טשוואָק".

אַזוי רעדט הערשעלע איין דעם חבר און נעמט פון דער פליר־דערן־קעשענע אַרויס אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק.

— „ס'וועט דאָך אָבער וויי טאָן, הערשעלע!"

— „נאָר אַ קליין דראַפּעלע, משה־יאָסיניו, ווי איך בין אַ איד! ס'וועט וויי טאָן אַ ווייל און באַלד טאַקע אויפהערן. איך וועל דאָך דיך היילן, איך מיין דאָך דיין טובה. וואָס דען? דיין טובה, נאַרעלע, מיין איך דאָך... און דו ווילסט עס נים פאַר־שטיין".

— „גיב זשע מיר, אויב יאָ אַזוי, באַלד טאַקע עסן. אוי, בין איך הונגעריק, הערשעלע!"

קליין־מענדעלע

— „אַ נעראַם אביסל! — מאַכט הערשעלע, אַנברוגזנדיק זיך קלאָמפּערשט — גיי דיר, גיי! איך וויל אים היילן, טאָן אַ טובה און ער עסן! פרעסן!”...

אויף דעמדראָזיקן שמועס קומען אַן עטלאַכע ווייסע־חברה־ניקעס, זיי קוועלן גאָר אַן פון הערשעלעס אַפּטייקל און פון דעם איינפּאַל זיינעם, נעמען זיך שטאַרק צו משה־יאָסין, איינ־שמועסן אים מיט גוטע רייד:

— „משה־יאָסיניו, דו נאַרעלע איינער! אַבי מ'מאַכט דיך נאָר קראַנק, וועט מען דיך דערנאָך, נישקשה, שוין אונטער־רוקן עפּעס קייען. דו פאַרשטייסט?”...

איטלאַכער גיט אים די האַנט תקיעת־כּף, איבערשלאָגנדיק מיט אַ ציצה. משה־יאָסי קוקט איבער די ציצה, אויב זי איז ניט, חלילה, קיין פּסולדיקע, און אַז ער זעט, זי איז כּשר, די אַלע אַכט פעדים מיט די פיר קניפּלאַך זיינען ווי געהעריק איז, רופט ער זיך אָן, אויפשטעלנדיק אַ פינגער לעבן דער נאָז, מיט אַ התראה:

— „געדיינקט־זשע, קינדער! אויב ניט, וועט אייך גאָט שטראָפן, זאָגט אמן!”

משה־יאָסי שטרעקט אויס, אין אַ גוטער שעה, דעם פּוס. די אינגלאַך האַלטן אים גוט פון ביידע זייטן און הערשעלע נעמט זיך צו דער פּיאַטע זיינער מיט דעם טשוואָק. פריער מאַכט ער אים פּאַמעלאַך אַ קליין דראַפּעלע. משה־יאָסי פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט; דערנאָך גייט ער אים אַריין אביסל טיפער מיטן טשוואָק, משה־יאָסי מאַכט: „אי־אי־אי!” חברה טרייסט אים: „נישקשה, לאָז זיך, נאַרעלע, לאָז! מ'וויל דיר דאָך געבן אַ רפואה”. הערשעלע איז ניט פויל און שטופּט דעם טשוואָק אַריין נאָך ווייי־טער. ס'רינט בלוט, משה־יאָסי רייסט זיך פון די אינגלאַכס הענט און שרייט: „גוואַלד!”

— „שאַ, שאַ, סויסע־סאָסי (משה־יאָסי)! — נעמט אים אונדזער הערשעלע איין אויף קונדעס־דייטש מיט אַ פריילאַך האַרץ — סי־סאַקע, די מכה דיר, האָב איך שוין נעמאַכט. אַצינד באַ־קומסטו פון מיר סרועה, אַ רפואה”.

וועגן קינדער

הערשעלע נעמט א פלעשעלע און גיסט זיינע טראפנס אויף משה־יאסים פרישער וואונד. ער פארקרימט זיך נעבאך, א שרעק, שרייט: „ס'ברענט, גוואלד, ס'ברענט!" ניט מיט זיין קול.

משה־יאסי האט טאקע געהאט רעכט, געוואוסט, נעבאך, וואס ער שרייט, די טראפנס זיינען געווען צו־שטארק פעפערדיק און געברענט ווי פייער דאס רויע פלייש אים אין דער בלוטיקער מכה. ער האט געצאפלט, געקרעכצט און זיך פארגאנגען וויינענדיק פאר גרוים ווייטיק.

די קונדייסים האבן געכאפט א ציטער און זיך צעלאפן. הערשעלע איז אויך אנטלאפן אביסל אין דער זייט און זיך געשטעלט קוקן פון דארט אויף זיין חולה. א היפשע צייט האט ער, נעבאך, זיך געוואלגערט אויף דער ערד, שרייענדיק אלץ אין איין קול: „ס'ברענט, ס'ברענט!" דערנאך איז ער ווי־ס'איז אויפגעשטאנען און האט מיט א יאמער, א קלאג זיך געלאזט גיין זיין וועג, הינקענדיק שטארק אויף דעם רעכטן פוס.

„דאס ווינטשפינגערל"

הערשעלעס ערשטע נסיעה

גליקלאכער פון אים (פון הערשעלען) איז אויף דער גאנצער וועלט ניט געווען אין דעם טאג, ווען ער האט זיך צונעגרייט פארן דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן אין א פרעמדער שטאט איניינעם מיט זיינע עלטערן. — — — ס'פארשטייט זיך, אז מיט א נאכט פריער האט הערשעלע קיין אויג ניט געקענט צומאכן. זיך געווארפן אויף זיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אנדערער, טראכטנדיק אלץ פונם גרויסן גליק, וואס אים שטייט פאר. ס'האט זיך אים געדאכט, ווי גאנץ גלופסק שטייט אצינד און קוקט ארוים אויף זיין טאטן, אלע אין איין קול: „וואו איז ער, ר' לייזער־יאנקל!" און פלוצלונג ווערט א גרוים פרייד, א גדולה: „ר' לייזער־יאנקל פארט! ר' לייזער־יאנקל איז שוין געקומען! ער איז ניט אליין, ער האט מיטגעבראכט אויך זיין בחורל, א כלי־שלמה!" ס'איז א צונויפלויפעניש, אן ערד־טרעטעניש, מ'שלאגט זיך איבער דעם טאטן מיט דעם קינד, איטלאכער רייסט זיי צו זיך אויף אכסניא, אויף ווארמעס, אויף א קערמעשל. מ'טייט אויף זיי מיט

קליין־מענדעלע

די פינגער: „אַט זיינען זיי, אַט גייען זיי, ר׳ ליזער־יאַנקל מיט זיין בחורל!" — — —

קוים וואָס הערשעלע האָט דערלעבט טאָג, איז ער געשווינט אויפגעשטאַנען, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, געכאַפּט דאָס תפילין־זעקל — — — און געלאָפן אין בית־מדרש, אין דער גיך אָפּראַ־ווענען. אויסער דעם האָט ער טאַקע נאָך געהאַט עטלאַכע נויטיקע געשעפטלאַך, וועלכע ער האָט באַדאַרפט פאַרן אַוועקפאָרן מיט זיינע חברים דאָרט אָפּאַרבעטן. די חברים זיינען אויך באַצייטנס געקומען אין בית־מדרש אַריין, ווייל — — — געשעפטן זיינען, ברוך השם, דאָ איבערן קאָפּ. — — — הערשעלע האָט געקוקט שטאָלץ אויף זיינע חברים אַרום אים אין פּאָליש פונם בית־המדרש, טראַכטנדיק ביי זיך: „אויך מיר מענטשן, מישטיינס געזאָגט, זיי בלייבן דאָ, און איך — איך פאָר!" מ׳זאָל אים דענסטמאָל געווען זאָגן, אַשטייגער: „הערשעלע, דער פּריץ שיינקט דיר דאָס גאַנ־צע שטעטל קאַבצאַנסק מיט זיין שלאָס, אַבי בלייב דאָ, פאָר ניט" — וואָלט ער געשפּיגן קלעק און ניט געוואָלט אפילו הערן. — ער גע־זעגנט זיך מיט חברה און לאָזט זיך גיין לעבעדיק, פריי־לאַך. — — —

דער טאַטע איז שוין געווען אָנגעטאָן אין די וועג־קליידער: אַ ציצן, אָפּגעבליאַקעוועט כאַלאַטל, די אַרבל און די פּאָלעס פון פאָרנט איינגעטונקען אין פעטע, פאַרהאַרטעוועטע פלעקן פון אַלער־ליי מאַכלים, אויסגעמישט מיט גרינלאַכער טאַבאַק און געגלאַנצט עפּעס מיט אַ מיתה־משונה־קאָליר, דער הינטן אויסגעריבן און ער־טערווייז דאָרט קוקן אַרויס שטיקלאַך קליאַטשע. אויפן קאָפּ עפּעס אַ מין אָפּגעפאָרן, שטאַרק־צעקנייטשט מיצל. נאָר די אַלטע צע־ריסענע וועג־שיך מיט לאַטעס, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָנ־טאָן, זיינען אים דערווייל אויף די פיס נאָך ניט געווען, מ׳האָט זיי ערשט געזוכט און געפּריוועט מיט דער קאַטשערע אַרויסשאַרן פון אונטער דער בעט. דאָס הויזגעזינד האָט געטאַנצט אַרום אים, שטאַרק באַשעפטיקט מיט איינפּאַקן די קלימקעס, און ער איז גע־שטאַנען אָנגעזאָטלט ווי אַ פערדל. — — —

די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין אירע וועג־קליידער, עפּעס

וועגן קינדער

מיני שמאטעס פון כמעלניצקעס צייטן, אין וועלכע זי איז אויס־געקומען גרעבער, דיקער ווי שטענדיק און א מין טיכל אנגע־רוקט אויפן שטערן ביז איבער די אויגן. נאר הערשעלע אליין האט פארשפארט זיך איבערצוטאן. מער ווי דאס איינע קאפאטקעלע אויפן לייב האט ער ניט געהאט. די מאמע האט אים אפילו גע־הייסן איבערקערן דאס קאפאטקעלע אויף דער לינקער זייט, הער־שעלע אבער האט איר באוויזן באשיינפערלאך, אז דער אונטער־שלאק איז מיאוס פארשמירט, אויך צעהאקט, צעפאלן און טאקע געבליבן ביי דאס זייניקע — פארן גאנץ פראסט ווי ער גייט, דערפאר האט ער שוין געמוזט צוליב־טאן, נעמען אויפן קאפ דעם טאטנס אן אלט היטל, עפעס א מין קאטערוכע, וועלכע מ'האט שוין לאנג געמעגט מיט דעם חמץ פארברענען, און ארומגאַרטלען זיך מיט א קרייקע. — — —

דער וואגן איז אנגעזעצט געוועז ענג מיט פארשוינען, — — —

ס'איז געוועז א פארמישעניש, א פארפלאנטערניש, א פארבייטע־ניש מיט די פיס און א צונויפשטיקעניש נאר אומצוקומען. — — —

אין אנהויב איז איטלאכער געזעסן ברוגז, עפעס אנגעדרודלט, אונ־טערגעווארטשעט אויף דעם באלעגאלע און ביים כאפן א קלאפ אין די קריזשעס, א קוועטש אין דער מאזאליע פונם פינגער, האט מען שטארק פארקרימענדיק זיך, פארביסן מיט די ליפן „מילא נו־נו”. נאר דערנאד איז מען געווארן שוין אביסל היימישער. דרך־ארץ אין א זייט. איינער דעם אנדערן בעט מחילה: רוקט זיך אביסל! פון יענעמס א זעץ טוט מען א געשריי. אידן זיינען ניט צופרידן און קריגן זיך. — — —

והיא, און זי, גלופסק, האט צו לייזער־יאנקלען ניט אזוי געטאן. בבואם מקאבצאנסק, ביי זייער אנקומען פון קאבצאנסק, איז גלופסק זיי ניט געלאפן מקבל־פנים זיין, ווי הערשעלע האט אינ־דערהיים זיך פארגעשטעלט. מ'האט זיך איבער זיי ניט געשלאגן, ניט געריסן איטלאכן באזונדער צו זיך אויף דער סטאנציע, אויף א מאלצייט. מענטשן זיינען קאלטבלוטיק געגאנגען פארביי, זיי אפילו ניט אנצוקוקן.

„דאס ווינטשפיגעל”

קליין־מענדעלע

דאָס קליינע מענטשעלע

אַ טבע האָב איך געהאַט קוקן יענעם אין מויל אַריין, בשעת יענער האָט גערעדט, און קוקן אויך אין די אויגן. די מאַמע מיינע פלעגט מיך דערפאַר ניט איינמאָל הרגענען, שלאָגן און אויסרייסן מיר שטיקער פלייש. אַמאָל, אַז איך בין עפּעס געלעגן קראַנק און די מאַמע איז צו מיר גוט געוואָרן, האָב איך מיך שטאַרק פאַרקוקט איר אין די אויגן, און אַז איך האָב געזען, אַז זי לאָזט זיך קוקן, ניט צו ריידן קיין קרום וואָרט האָב איך מיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג געגעבן: „איך בעט דיך, מאַמע, וואָס איז עס פאַר אַ מענטשעלע ביי דיר אין די אויגן?" די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט: „נאַרעלע, דאָס קליינע מענטשעלע איז די נשמה! דאָס קליינע מענטשעלע איז ניטאָ אין קיינעמס אויגן, ניט אין די אויגן פון די חיות און בהמות, נאָר אין אידישע אויגן".

דער מאַמעס דאָזיקער ענטפער איז מיר אַריין שטאַרק אין קאָפּ און האָט אין מיר דערוועקט אַ סך פרישע צאַפּלדיקע געדאַנקען. אַז אַ מאַמע זאָגט, מסתמא ווייסט זי דאָך וואָס זי זאָגט. זי איז דאָך אַ מאַמע, אַ גרויסע, אפשר צען מאָל גרעסער פון מיר. איר איין פינגער איז גרעסער פון מיין גאַנצער האַנט. דעריבער האָב איך אָנגענומען אירע ווערטער שוין גלייך ווי אַ געוויסע, אויסגעמאַכטע זאַך און דרינען געגלויבט פון גאַנצן האַרצן.

פון דענסטמאָל אָן איז מיין כוח־המדומה שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט דעם קליינעם מענטשעלע, ס'איז דאָך עפּעס גאָר אַ חידוש, אַ ציקאַווע זאַך! אין שלאָף אפילו האָב איך ניט פאַרגעסן דאָס קליינע מענטשעלע. ס'האָט זיך מיר געחלומט: איך האַלט דאָס קליינע מענטשעלע, איך שפּיל זיך מיט דעם קליינעם מענטשעלע, איך בין גאָר אַליין אַ קליין מענטשעלע, שפּרינג אין די אויגן ווי אַ קליין מענטשעלע! הכלל, דאָס קליינע מענטשעלע איז מיר ניט אַרויס פון זינען. ס'האָט מיר עפּעס זיך אַזוי געגלוסט אויך צו זיין אַ קליין מענטשעלע. אַ קאַטאָוועס, אַ קליין מענטשעלע איז דאָך די נשמה! איינגאַנצן גרויס ווי אַ פלוי, דאַכט זיך, אַ גאָרניט, און איז דאָך דאָס חיות, דאָס לעבן!... מיר איז אַרויף

וועגן קינדער

א געדאַנק, ווי אַזוי דערטאַפּט מען דאָס קליינע מענטשעלע? און האָב אָנגעהויבן וועגן דעם שטאַרק צו טראַכטן.

איינמאָל בין איך געפאַלן אויף אַן אויבער־הסברה. בשעת די מאַמע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ אַרויסצונעמען אַ טעפּל פונעם אויוון, בין איך פּלוצלונג צוגעלאָפן ווי אַ פּאַרמישטער — איך ווייס אַליין ניט, וואָס מיר איז דענסטמאָל געשען — און האָב פון הינטן אויף גאָטס באַראָט אַ זעץ געטאָן איר מיט דעם קולאַק אין דער פּאַטילניצע, כדי דאָס מענטשעלע זאָל איר פון די אויגן כאַטש אויף אַ ווייל אַרויסשפּרינגען. איר קענט אייך משער זיין, וויפיל פעטש און קניפּ איך האָב דערפאַר געלייזט. אחוץ דעם האָב איך אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, וואָרים די מאַמע, נעבאַך, האָט מיט איר שטערן צעבראָכן דאָס טעפּל קאַליש.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אָפּ־געגעבן צום חזן

ויהי היום — איז אין ב. אָנגעקומען איינער פון די אַרומפאָרנדיקע חזנים און האָט ביי אונדז שבת געדאַוונט מיט משוררים. דער עולם איז פון אַלע קלייזלאַך אים געלאָפן הערן. — — — ס'איז געווען אַ שרעקלאַכע ענגשאַפט, מ'האָט זיך געשטופּט אויף די קעפּ און איך האָב צווישן דעם עולם אויך זיך אַריינגעשטופּט הערן דעם חזן, ווייל איך האָב, ווי אַלע אידן, זייער ליב געהאַט זינגען.

דער חזן האָט געהאַט אַ קליין משוררל, אַ פּייפער, אין מיינע יאָרן. איך האָב אים עפּעס אַזוי מקנא געווען, ווי ער שטייט זיך ביים עמוד אונטערגעהאַלטן דאָס בעקל מיט דער האַנט און טרעלעליקעט, אַז איך וואָלט מיר באַדאַי דאָס העמד אָוועקגעגעבן, אַבי זיין ווי ער אַ משוררל. איך האָב אויף דעמדאָזיקן משוררל געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דענסטמאָל, ווען מיר אינגלאַך זיינען אַלע געווען אין פּאָליש בשעת לייענען. איך בין פאַר אים אינגאַנצן בטל געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער וועלט איז שוין ניטאָ קיין בעסערס ווי אַ משוררל. ווי קום איך צו אים! אַז דאָס משוררל האָט נאָר געעפנט דאָס מויל, נו, האָט מיינער זיך גענומען אים אַריינקוקן אין דעם מויל, און ווען ס'וואָלט

קליין־מענדעלע

נאָר מענלאַך געווען אריינצושפּרינגען אין אים ווי איך שטיי און גיי, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן, מיך פּשוט מחיה געווען.

אהיימקומענדיק פון דער שול האָב איך מיך אַלץ געפּריוווט נאָכמאַכן דעם משורר׳ל. ביי די זמירות האָב איך מיך שטאַרק צעלאָזט אויף אַ קולכל און טרעלעליקעט אַזוי, אַז די מאַמע האָט גרויס תענוג געהאַט. נאָר איך האָב כלל ניט געמיינט די זמירות ווי נאָכ־צומאַכן דעם משורר׳ל. ס׳האָט מיר עפּעס זיך געזונגען. דאָס מאָל האָט מיר ניט געקענט אויף אַ רגע זיך צומאַכן. מ׳האָט שוין אָפּ־געגעסן וואַרמעס און איך האָב טאַקע אַלץ נאָך געזונגען. — — —
אַז די מאַמע האָט דאָ אַ קוק געטאָן, אַז איך וויל גאָרניט אויפ־הערן און לאָז זי ניט אַביסל אָפּרוען נאָכן קוגל, האָט זי מיך גוט אויסגעבאָכעט און ארויסגעוואָרפן פון דער שטוב. וואוהין לויפט אַ אינגל שבת באַטאָג? מסתמא אין בית־מדרש אריין. הע, הע! דאָרט האָב איך געטראָפן די גאַנצע ווייסע־חברה, די אַלע רעכטע קונדייסים. איך האָב געמיינט, אַז נאָר איך איינער האָב נאָכגע־מאַכט דעם משורר׳ל, ניין! אַלע אַנדערע האָבן דאָס אייגענע געטאָן וואָס איך. איטלאַכער באַזונדער איז געווען שטאַרק באַ־שעפטיקט, דער האָט געקוויטשעט, דער האָט געגריטשעט, דער האָט געברומט ווי דער באַס, איינער האָט זיך משונה געקרימט, זיך געריסן אויפן האַלדז, געהירזשעט, געציקלט זיך ווי דער חזן און דער אַנדערער האָט זיך צעלאָזט אויפן בייקולכן ווי דער פלייטער. דערנאָך האָט די חברה, אַלע איניינעם, זיך אַ נעם געטאָן אָפּצו־שפּילן דאָרט אויבן אין דער ווייבערשער שול דאָס שיינע בעט־לערל, מיט וועלכן דער חזן האָט געזאָגט „מי־שברך“. מ׳האָט גע־מיאַוקעט, געפּישטשעט, געסווישטשעט, געהילכט, געשריגן ביז דער שמש האָט אונדז אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער און אונדז טאַקע ארויסגעטריבן. — — —

מיר איז אריין אין קאָפּ צו בעטן דער מאַמען, זי זאָל מיך אָפּגעבן צום חזן. איך האָב מיך צו איר צוגעזעצט ווי אַ זלידנע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיך געמוזט פירן טאַקע צום

װעגן קינדער

חזן. די אָרעמע פאַרװיסטע אַלמנה, נעבאַך, איז שױן אױך געװען געװען אַזאַ סחורה װי איך פּטור צו װערן. אַז דער חזן האָט מיר געהייסן אַ קװיטש טאָן און דערנאָך געזאָגט, ער נעמט מיך צו. האָב איך פאַר שמחה געמיינט, אַז די װעלט איז מײַנע. — — —

הערט נאָר מײַן סוף בײַם חזן! ראש השנה קענט איר זיך פאָרשטעלן װי מײַן חזן האָט, נעבאַך, געהאָרעװעט. ער האָט גע־אַרבעט, װי מ'זאָגט, אױף אַלע זאַסטאַװוקעס, געדרייט איטלאַכם װאָרט אַמאָל צען אַרױף און אַראָפּ, אױסגעטײטשט מיט דעם פינגער, פון דער געמבע איז ער פּלוצלונג אַרײַן אין דעם בײַקול — הײדי־די־די־די אַהער, הײדי־די־די־די אַהין, און איז שיר ניט געקראָכן אױף די גלײַכע װענט. דער באַס איז אָכריפּנעט געװאָרן פונם שטײַגער מאַכן, בײַ איטלאַכן שטיקל אַ ניי שטײַגערל, נאָכאַמאָל: „לאַטומדום־דום־דום!!!" װידעראַמאָל: „לאַטומדום־דום־דום!!!" ער איז אָפּגעגאַנגען מיט שװײס און זיך אַלץ געװישט מיט דעם פאַטשײלכן, װאָס איז ניט אַרױס פון דער האַנט, מיט װעלכער ער האָט געדרייט אינדערלופטן. דער פּלײטער, נעבאַך, האָט שױן ניט געדינט דאָס קול, ער האָט באַדאַרפט איבערשרײַען דעם באַס, נאָר עפּעס דעם חזנס אַ װאָרט — אַ פײַף, אַ קװיטש, און איך, שלימאַזל, האָב כמעט אַלע רגע געדאַרפט אַ קװיטש טאָן: „טאַ־טע־ניאַ!" אָדער אַ לאַנגן „טראַ־טאַ־טאַ־טי!" אַזש נו... הכלל, מ'האָט געאַרבעט, זיך געריסן אױף װאָס די װעלט שטײט.

אין דער שול האָט געדאַװנט אַ יונגערמאַן, אַ נגיד. איז ער געװען אַביסל פון הײַנטיקער װעלט, אַ דיקער, אַ געזונטער, אַ שטיקל לץ און זײער אַ גוטער מענטש. ער פלעגט ליב האָבן זיך נאַריש צו מאַכן מיט קינדער און ער האָט שרעקלאַך פײַנט געהאַט דעם חזן פאַר זײַנע מיאוסע העװיות. אַז דער חזן איז אַביסל זיך צעפּאָרן אין דעם „אתה זוכר", װאָס אין דער מוספדי־קער שמונה־עשרה, זיך געגאַנגען אַ גאַנג, װי אױף אַ פּאַטשטאָװן װעג, אַרױסװאָרפנדיק געטאַקטע „ונאמרלאַך" „פּאַ מאַלאָדעצקי", האָט צו מיר װי אַ קעצעלע זיך צוגערוקט דער לץ, דער נגיד, און עפּעס מיט אַן ערנסט פּנימל מיך שטילערהײט אַ פרעג געטאָן:

קליין־מענדעלע

„זאָג נאָר, קליינער, קענסטו מאַכן אַ ווײַנשל?״ און מניה־זוביה טאַקע איז שוין ביי אים אויף דער אונטערשטער ליפּ פּאַרטיק געוואָרן אַ ווײַנשל, אַזאַ גרויסע, אַזאַ רויטע, אַז איך האָב מיך שטאַרק צעלאַכט. אָבער דענסטמאָל גראַד האָט דער חזן שוין אויסגעטאַקט אַ „ונאמרל״ און געוואַרט, איך זאָל מאַכן „טראַ־טאַ־טי!״ אַז דער עולם האָט געזען, דער חזן איז עפּעס געבליבן שטיל ווי דערוואָרגן, האָט מען אָנגעהויבן פּאַטשן אויף די סטענ־דערס. דער חזן האָט מיט כעס זיך אַרומגעקוקט צו מיר, גלייך ווי איך וואָלט אים געגזלט, אָדער ניט געוואָלט אָפּגעבן וואָס אים קומט. די אויגן האָבן אים געפייערט און דאָס פּנים איז אים געוואָרן רויט, אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס. דער באַס האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו מיר מיט אַ ברום, ווי אַ קו צו אַ קעלבל. „נו, הייסט עס, ענטפער שוין אָפּ דיין „טראַ־טאַ־טי!״ נאָר קוים וואָס איך האָב מיך גענומען מיטן פינגער צום גאָרגל אַ הילך צו טאָן, האָט דער נגיד אַנטקעגן מיר געמאַכט נאָכאַמאָל אַ ווײַנשל, און איך האָב ניט־ווילנדיק, פון דער העלער הויט, אויסגעשאָסן אַ געלעכטער הויך אויף אַ קוויטש! דער חזן האָט זיך צעטומלט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרפּלוטעט און אַרויסגעשפּרונגען פון די האַלאַב־לעס, אַראָפּ פונם גלייכן שליאַך, האָט איבערגעהיפּערט אַ שטיק שמונה־עשרה און דערצו נאָך געמאַכט עטלאָכע גרייזן. דער עולם האָט פון אַלע זייטן געמאַכט פּאַרוואונדערט: „אַי, אַי!״ געקלאַפּט און געפּאַטשט אויף די סטענדערס, די ווייבער דאָרט אין דער ווייבערשער שול האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און אין איין אָטעם אַ געשריי געטאָן: „אוי, ס׳ברענט!״ . . . — — — — אויף מאָרגן האָט דער חזן מיך אַרויסגעטריבן.

„דאָס קליינע מענטשעלע״

דער עקזאַמען

אין איין שיינעם פרימאָרגן, וועסנע־צייט, איז פאָרפאָרן צו אונדזער הויז אַ בויד, וואָס אין איר האָב איך געדאַרפט פאָרן קיין דניעפּראָוויטש, אָפּצואָרבעטן דאָרט מיין עקזאַמען. די מאַמע איז געוועזן זייער אומעטיק. די אויגן האָבן ניט געטריקנט פון טרע־

וועגן קינדער

רעז, אַלץ געוויינט און אויף מיר געקוקט, געקוקט און ווייטער געוויינט.

— „ווײן ניט, מאַמע! — האָב איך זיך געבעטן און אַליין טאַקע זיך אויך צעוויינט. עס איז מיר עפּעס שרעקלאַך שווער געווען אויף דעם האַרצן. — וויין, כּלעבן, ניט, מאַמעניו! איך פאָר דאָך ניט אַוועק גאָט ווייסט וואוהין און אויף וואָס. איך מוז שוין דאָך איבערקומען דעם טאַנץ, האָב אַזויפיל געאַרבעט, אַזויפיל געהאָרעוועט. גאָט וועט העלפן, איך וועל דערגרייכן מיין וואונטש, איך וועל קענען פאַרדינען מיין ברויט בכבוד און זיין לייטן־גלייך, דענסטמאַל, מאַמעניו, וועסטו פון מיר נחת האָבן. וויין, כּלעבן, ניט, וויין ניט, מאַמעניו!"

— „אַך, ישראליק! — האָט זי געענטפערט — עס איז דיר גרינג אַזוי צו זאָגן. אַ מאַמעס האַרץ, אַז עס וויינט, קען מען עס אַזוי גרינג ניט איינגעמען ווי אַ קינד. עס וויינט ניט אומזיסט. עפּעס שפּירט עס, עפּעס שמעקט עס אַזעלכעס אַן, וואָס קיינער קען עס מיט דעם שכל ניט פאַרשטיין. איך בעט דיך, ישראליק, טאָמער וואָלט אַ סברא געווען, דו זאָלסט ניט פאָרן! צו וואָס זאָל־סטו זיך אין די יאָרן אַזוי, נעבאַך, פּלאָגן? ווער ווייסט, אויב גאָר אַלע מי וועט דיר שוין גוט זיין? אויב דיין פּלאָגן זיך וועט דיר עפּעס העלפן? וויפיל געבילדעטע מענטשן גייען, ביי אונדז אידן, אָן שטיוול, נעבאַך! וויפיל געלערנטע מענטשן ווערן פאַר־פאַלן און קומען אָפּ זייער גאַנץ לעבן!" — — —

דער באַלעגאָלע איז אַריינגעקומען אין שטוב, פאַרנומען אַלע מיינע זאַכן און האָט דערמיט אַן עק געמאַכט פון מיין שמועס מיט דער מאַמען. מיר האָבן ביידע וויינענדיק זיך געקושט און געזעגנט, איך האָב מיך אַריינגעשטופּט אינעווייניק אין דער בויד און בין אַוועקגעפאָרן.

— — — מיין מאַמעס האַרץ האָט געוויינט ניט אומזיסט!

— דער עקזאַמען איז מיר ניט געראָטן!

עס שאַדט אָבער ניט צו וויסן ווי אַזוי און וואָס מיר האָט ניט געראָטן. דעם טאָג, וואָס איך האָב מיך באַדאַרפט עקזאַמע־נירן, בין איך הוקא געווען באַהאַרצט און האָב גאָר, פון קוראַזש

קליין־מענדעלע

ווען, אויך אויסגעטרונקען א גלעזל בראנפן, הגם איך טרינק קיינמאָל נים. „נישקשה — האָב איך געטראַכט — גאָט וועט העלפן! וואָס האָב איך מיך אזוי צו שרעקן? איך האָב דאָך צו טאָן מיט געלערנטע, איידעלע מענטשן, מסתמא וועלן זיי זיך באַגיין מיט מיר דעליקאַט, פיין, אזוי ווי געלערנטע באַדאַרפן צו טאָן, און דערמיט וועלן זיי מיר אונטערגעבן שטאַרקייט". נאָר, אוי ווײ! קומענדיק צום עקזאַמען האָב איך באַלד אַראָפּגעלאָזט די נאָז. די לערער זיינען געזעסן אָנגעטאָן אין מונדירן מיט מעשענע קנעפּ און געקוקט אויף מיר אזוי שטרייננג, אזוי בייז, גלייך ווי איך האָב געגנבעט, אָדער געקוילעט א מענטשן; זיי האָבן געקוקט אזוי ווי אין יענע צייטן א סטאַנאַוואָי, וואָס דער ערשטער ברוך־הבא איז ביי אים געווען: „איסקודעווא? יאַ טעבי!... פּאַס־פּאָרט מאיעש?"... צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלן לערער, וואָס זייער עסק איז צו מאַכן פון אונדז, פון אונדזערע קינדער, מענטשן מיט שכל און מיט געפיל, וואָס זייער עסק פּאָדערט, זיי זאָלן זיין גוט, פּראָסט און צו איטלאַכן צוגעלאָזט, בכדי עס זאָלן פאַר זיי זיך עפענען די הערצער, אין וועלכע זיי באַדאַרפן זייען און פלאַנצן מידות טובות, — צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלן זיי טראָגן מעשענע קנעפּ און קוקן שטרייננג ווי קוואַרטאַלנעס? וואָס איר ווילט זאָגט אייך, עפּעס קען מען זיך נים פאַרשטעלן סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל וכדומה אין אזעלכע קנעפּלאַך מיט אזוינע זויערע מינעס און פינצטערע צורות... — — — איך האָב מיך פאַר־דרייט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרקראַכן קיין בויבעריק. די לערער האָבן מיר אָנגעטאָן כבוד, מיר געשיינקט א געלעכטערל, שוין מיט א פריילאַכער מינע און דערמיט איז געוואָרן אַן עק פון מיינע עקזאַמענעס, אַן עק פון מיין גאַנצער מי, אַן עק, אַ סוף פון אַלע מיינע האָפנונגען!

„די קליאַטשע"

גזירות אויף אידן:

„שקאָלעס"
אַ קריזיס
די גזירה פון קליידער

„שקאַ־לעס“

אידן אין שטעטל זיינען ארומגעגאנגען אָן קעפּ, מ׳האָט גע־זיפצט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. — — — מ׳האָט געמאַכט אסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבן: מ׳זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגן תהילים, רייסן קברים און איינלייגן די וועלט. מלמדים, נעבאך, זיינען געוועזן געפּלעפּט, שטאַרק דערשלאָגן, האָבן געציטערט פאַר זייערע קנע־לונגען: די שקאָלעס וועלן זיי דאָך דערגיין דאָס לעבן, מאַכן דעם טויט. אז גאָט אליין וועט זיך דאָ ניט אריינמישן, ניט טאָן עפּעס א נס, וועלן זיי דאָך בלייבן אויסגעשטעלט. ס׳פאַרשטייט זיך, דעריבער, ווי שטאַרק, נעבאך, זיי האָבן געפילדערט, אונטערגע־הידעט דעם עולם. אַלע טאָג, פרי און פאַרנאַכט, זיינען די שולן פול געוועזן פון אידן. מלמדים האָבן געפירט אהין קינדער פון די חדרים. מ׳האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלאַך תהילים, געוויינט, גע־פאַסט. — — — ביז וואַנען אָבער זכות־אבות וועט ביישטיין, זיך מיען פאַר דעם כסא־הכבוד און דער אויבערשטער וועט א נס טאָן, דערווייל האָבן אידן זיך געטאָן די אַלטע סגולה — חתונה מאַכן יונגע קינדער. ס׳איז געוואָרן א בהלה. שדכנים, גוטע פיינע מענטשן, האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי, געאַרבעט, אויס ליבע צום פאָלק ישראל, אויף אַלע כלים, מ׳האָט געכאַפּט, אָפּגעשטעלט חופּות. קליינע אינגלאַך מיט יונגע מיידלאַך, ס׳זאָל הייסן, אין דעם פאַל, ווען חלילה, שקאָלעס, הע־הע, אָפּגעטאָן אויף טערקיש — ניטאָ קיין קינדער, נאָר לויטער באַלעבעסלאַך. קליינע אידעלאַך!...

„שלמה ר׳ חיימס“

אַ קריזיס

ס׳איז ארויס די גזירה פון קליידער — ווייבער זאָלן ניט טאָרן גאָלן די קעפּ, אידן זאָלן זיך אנטאָן דייטש!

אז אידן ווערן דייטשן, פאַרשטייט זיך, ווערן אידענעס דייטשקעס. אמת, אין שטעטל קאָבצאַנסק איז נאָך מיט חסר: פּיאות, שטריימל, פאַרשלייערטע געגאָלטע קעפּ לעת־עתה נאָך

קליין־מענדעלע

ווי פריער, אָבער ערגעץ אַנדערש אין דער וועלט איז פּע!...
אידן טוען אַן קאַשקעטן, אידענעס וואַרפן אַראָפּ פונעם קאָפּ דעם
שלייער און נעמען אַרויף אויף זיך מיני שמאַטקעס — ליטווישע
טשעפּטשיקעס, מחילה, אַזוינע. אוים שלייער, אוים האַנדל, אוים
פּרנסה! דאָס שטעטל קאַבצאַנסק איז ווי דערהרגעט. איטלאַכער
דערפילט דעם קלאַפּ. עס דערפילן אויך די וועבער, די שפּינער,
די קליינע און גרויסע אויסקויפער. ס׳דערפילן אויך די שיינקערס,
וואָרים אַז דער ייד האָט נים אויף ברויט, האָט ער ניט אויף
טרינקען. און אַז די אַלע ליידן מאַנגל, ליידן, ס׳פאַרשטייט זיך,
אויך די קרעמער, די באַלמעלאָכעס, דער גאַנצער קלענערער עולם.
וועמען איז עס אין קאָפּ צו קויפן, עפּעס זיך צו מאַכן? ס׳קומען־
צו נייע קבצנים, פּריש־צאַפּלדיקע אביונים. באַלעבאַטים אָפּגע־
קומענע, באַפאַלענע מיט קינדער, נעמען זיך צו מלמדות. בטלנים,
מלמדים וואַקסן ווי קראָפּעווע. ניטאָ אַזויפיל תלמידים, וויפיל
רבים. שלעכט! און אַז מענטשן איז שלעכט, ווערן זיי אַליין
שלעכט. גריזשען זיך, קריגן זיך, איינער וויל אַרויסרייסן דעם
ביסן ביים אַנדערן און זיינען צווישן זיך קידער־ווידער, אויף
מעסער־שטעך. ניטאָ אין שטעטל די מנוחה, דער פרידן, וואָס
פּריער.

„שלמה ר׳ חיימס"

די גזירה פון קליידער

ס׳איז ווינטער, שבת־צונאַכטס, נאָך הבדלה. אויפן „לוטשניק"
אונטערן קוימענדל, ברענט פרייליך אַ פּייערל, וואָס פון צייט צו
צייט ווערט עס אונטערגעהאַלטן מיט דינע טרוקענע שפּענדלאַך.
דעם פּייערל אַנטקעגן, ביי אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַרעמער
רובע, זיצט דאָס הויזגעזינט. אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב,
פול מיט ניים ווי אַ פויק, איז אויך דאָ. מ׳וואַרפט זיך איבער מיט
אַ וואָרט און מ׳פליקט פּעדערן. דערביי טאַקע לייענט איינער
פון די קינדער פאַר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער
אויף עברי־טייטש. מ׳האָט הנאה, מ׳וואונדערט זיך אויף דער
גבורה פון יהודה — פון זיינס אַ געשריי ווערט שיר ניט אַ תל

פון גאנץ מצרים; די קאץ זיצט, צושאַרנדיק זיך צום אויוון, לעקט אַ לאַפּקעלע, מאַכט מיט די אויערלאַך און האָט, ווי ס׳זעט אויס, אויך הנאה. אין אויוון הייצט זיך, ס׳קאָכט זיך וועטשערע, גאָר קודם־כל זידט דאָרט אַ טעפּל קאַרטאָפּליעס אויף איבערצו־כאַפּן דערווייל. ר׳ חיים גייט הין־און־צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, און זינגט זיך „אליהו הנביא" מיט גרוים געפיל, און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו" — גיך און באַלד קומט ער צו אונדז — עפנט זיך די טיר און לייטישע מענטשן פונם שטעטל קומען אריין — „אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!"

— — — ס׳איז אַוועק היפּש צייט אין רוקעניש, אין ווינקע־ניש, אין בעטעניש פּלאָנטערנדיק זיך דערווייל דער יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענטשן האָבן זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז מכבד די געסט גאָר פריינטלאַך מיט טרינקען „שפּעציעס" — מיני קרייטעכער, וואָס אַ כפּרה פאַר זיי טיי — און מיט שטיקלאַך קאַנדל־צוקער, וואָס אַ כפּרה פאַר זיי היינטיקער צו־קער... מ׳זיצט זיך, מ׳בלאָזט און מ׳טרינקט, איינער פאַררויכערט זיך די פּיפּקע — אַ פּאַרצעלייען ליולקעלע מיט אַ זילבערן דעקל און אַ לאַנגן געפלאָכטענעם ציבעק. אַ פּאָר הוסטן זיך אויס, טאַפּן זיך ביי די נעז, ביי די בערד און ס׳הויבט זיך אָן אַ שמועס, אַהין־אַהער, דאָס אביסל, יענעם אביסל ביז מ׳קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס:

— „אַכ־כאַ־כאַ, די גזירה פון קליידער איז דאָך טאַקע אַ מיאוסע זאַך! — מאַכן אַלע מיט אַ זיפץ — אידן זאָלן זיך אָנ־טאָן דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשעק... ס׳איז דאָך עפּעס משונה אַ שרעק! און גוואַלד, צו וואָס, רבונו של עולם, צו וואָס?! וואָס קען „זיי" דאָרט, זיי וואָס קען אַרויסקומען דערפון, אַז אידן וועלן זיך שוין אָנטאָן דייטש?... ס׳מוז דאָך עפּעס אַלץ זיין מיט אַ גאַנג".

— „מ׳שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיצל — רופט זיך אָן מיט אַ קנייטשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פּאַרציענדיק זיך שטאַרק

קליין־מענדעלע

און אַרויסלאָזנדיק פונם מויל רינגעלאַך רויך — וואַקסן זאָל ער נאָר וואַקסן... פון וועמען מיינט איר? .. פון מאַנטעפיורען!"

— „גאָט איז מיט אייך, ר' בער! וואָס רעדט איר?"

— „אָט דאָס, וואָס איר הערט, אָבער ר' ברוך הללס מעג מען גלויבן? ער קומט ערשט פון די יארידן און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערן"...

— „איך האָב אויך עפּעס אַזוינס געהערט — פאַלט אַריין אין די רייד אַ רירעוודיקער צאַפּלענדיקער איד, פאַרבייסנדיק אַ ליפּ — האַ, וואָרט, וואָס האָב איך געהערט?"

— „שלאָגט ניט איבער, ר' יאָסל — מאַכט דער עולם — שאַ!... אַ־נו, ר' בער".

— „מ'שמועסט, הייסט עס — הויבט אָן ר' בער געלאַסן, פּאַמעלאַך און קייט איטלאַכס וואָרט ביז ער ברייננט עס אַרויס פון מויל — אָט וואָס: אַז מאַנטעפיורע האָט געזען ס'איז פּע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: אדוני מלך, זאָגט ער, פאַר־קויף מיר דיינע אידן, איך וועל געבן פאַר זיי אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָנען".

— „הונדערט טויזנט, האָב איך געהערט, הונדערט טויזנט מיליאָן!" — פאַלט ר' יאָסל ווייטער אין די רייד אַריין. גע־מיינט דערמיט ניט אַזוי די סומע געלט, ווי אַרויסצואווייזן דאָ דעם עולם, אַז ער ווייסט אויך, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט, ניט ערגער פון אַנדערע.

— „מילא, וואָס מאַכט עס אים — טוט ר' בער אַ זאָג פאַר־דרייענדיק מיט דער נאָז און דערציילט ווייטער — מהיכא־תיתי! ענטפערט דער מלכות בקיצור, מ'מאַכט באַלד טאַקע אַ תקיעת־כף און מאַנטעפיורע גיט דערווייל אַן אַדערויף".

— „חלילה, הונדערט טויזנט מיליאָן באַלד טאַקע, באַלד במזומנים" — צעשאָקלט זיך ר' יאָסל, ווי ביים שפּאָרן זיך מיט אימיצן איבער אַ שטיקל גמרא.

— „אַי, זייט־זשע מוחל, ר' יאָסל, שאַ!" — בעטן אים אַלע מחילה, ער זאָל שווייגן.

גזירות אויף אידן

— „בקיצור, ער גיט דערוויל אַן אדערויף — דערציילט ר׳ בער ווייטער, רואיק, געלאַסן, ניט מאַכנדיק זיך אוים ר׳ יאָסלס רייד — והמותר איז ער זיך מתחייב סילקן צום טערמין ביים געמען די סחורה — די אידן, הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צעגאַנגען. זיי געזונט, פאַר געזונט! נאָכן אָנבייסן גייט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, אין סענאַט און איז שטאַרק אויפֿגעראַמט. — „אדוני מלך — פרעגט אים דער מיניסטער — וואָס איז די מעשה, וואָס דו בינסט היינט עפּעס אַזוי אויפגעראַמט?"

— „אַזוי און אַזוי — ענטפערט דער מלכות מיט אַ שמייכעלע — געמאַכט אַ געשעפטל, פאַר אַזויפיל פאַרקויפט מיינע אידעלאַך".

— „אדוני מלך! — טוט זיך אַ כאַפּ דער מיניסטער זייער דערשראָקן — וואָס האָסטו געטאָן? ס׳איז אַ מקח טעות!"... און באַלד טאַקע פירט ער אים אַרוים פון די קאַנטאָרסקע ביכער אַ קלאָרן חשבון, אַז דאָס פּראָצענט, וואָס אַזאַ ס ח ו ר ה — אידן, הייסט עס, טראָגט אין אַ געוויסער צייט יאָרן איין, טרעפט העט־העט מיט אַ שמיצל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — „וואָס זשע טוט מען? — מאַכט דער מלך — געעדט איז דאָך געעדט און פון אַ מלכות אַ וואָרט איז דאָך אַ גזירה. אדרבא, זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַל עפּעס אויף אַ הסברה".

— „אדוני מלך! — רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט — ס׳איז דאָ אַן עצה. גיב אַרוים אַ באַפעל, אַבער טאַקע באַלד, אידן זאָלן זיך אָנטאָן דייטש". — „גראַם־שטראַם — מאַכט דער מלכות — וואָס איז שייך דאָס דערמיט?"

— „ס׳איז רעכט — מאַכט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפן וואונק — ווי באַלד דייטש איז דאָך שוין, פאַרשטייסטו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך געגוג אויפן וואונק".

— „אַ־אַ, שכלדיק! — גיט זיך דער מלכות אַ כאַפּ — דו בינסט ווערט פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל". הערט זשע, רבותי, דעם שפּיץ — מאַכט ר׳ בער, נעמענדיק זיך אויסרייניקן מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונם אַש — אַקוראַט צום טערמין קומט מסתמא מאַנטעפיורע..."

קליין־מענדעלע

— „ניין, ניט אזוי, ער קומט ניט, ער לאָזט פריער מעלדן" — קען זיך ר' יאָסל ניט איינהאלטן, צעשאָקלט זיך און פאַלט ווי־דער אַריין אין די רייד.

— „שאַ, זייט זשע מוחל! האַלט זיך איין אַ ווײַלע און שלאָגט ניט איבער, ר' יאָסל! — בעט דער עולם, וואָס איז זייער טשיקאַווע צו הערן דעם סוף — נו, ר' בער, נו־נו".

— „קומט ער, הייסט עס — הויבט ר' בער אָן ווייטער דעם שמועס, ציִענדיק די ווערטער ווי יענעם אויף־צו־להכעיס און שמאַכ־דיק פאר הנאה — קומט ער אזוי, ווי איך זאָג אייך דאָ, צום טער־מין און מאַכט כהאי לישנא: „אדוני מלך! נאַ דאָס מותר געלט און לאָמיך, כפי השליש־צעטל, נעמען די סחורה—אידן, הייסט עס".

— „אך! — מאַכט דער מלכות — מהיכא־תיתי... גיי דיר, זיי מוחל, און וואו דו וועסט דערזען אַ אידן, נעם דיר אים, בשם אלהי ישראל, די סחורה דיינע"... מאַנטעפיורע לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און גייט, ער גייט אין איין שטאָט — ניטאָ, נאָך אין אַ שטאָט — ניטאָ. בקיצור, אין באַרדיטשעוו — אויך ניטאָ. קיין סימן אפילו ניט פון אַ אידן, אַלע אידן זיינען אַנגעטאָן דייטש — דייטשן".

— „אַוואַ, אַוואַ! — מאַכט דער עולם פאַרוואונדערט — אזוי, זאָגט איר, אזוי שמועסט די וועלט!"

— „עט — מאַכט ר' חיים מיט אַ שמייכעלע — ניט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט. ס'איז זיך אַ מימרא..."

— „אזוי צי אזוי, דערווייל איז שפל — זאָגט דער עולם מיט אַ קרעכץ — די גזירה איז דאָך טאַקע אַ גזירה! מילא די קאַפּאָטע יאָך קאַפּאָטע, וועט מען אין איר מאַכן אַ האַק, דער גוטער יאָר וועט זי ניט נעמען מיט אַ שפּאַלט פון הינטן אויך, אָבער אַ קאַרטוז — רבונו של עולם, אַ ק אַ ר ט ו ז!"...

„שלמה ר' חיימס"

אייביקער וואַנדערער:

ארץ־ישראל

ערד־אַרבעט

קאָלאָניעס

אויפן בוידעם

אַ פּאָגראָם

די אידישע פראַגע

שכנים ביי דער וועלט

שכנים ביי דער וועלט

א חילוק ס'איז צווישן א שכן און א באַלעבאָס. אז אימיצער וויל בויען א דירה אין א שטאָט, וועט ער געווינט פאַרשוואַרצט און פאַרפּינצטערט, איידער ער זעט זי א פאַרטיקע: ער לייגט אַריין אי אייגן געלט, אי פּרעמדס, ער פאַרזעצט זי אין באַנק, ער צאָלט פּראָצענט; ער היט זי טאָג ווי נאַכט פאַר א שריפה און פאַר יעדער פּגע־רע: היינט האָט זיך אויסגעקרימט א וואַנט, מאָרגן רינט פונם דאַך; ער האָט צו זינגען און צו זאָגן מיט די שכנים, מיט די מאַנערס פון טשינזש, מיט די דוואָרניקעס, מיט די קוימענקערערס, מיט די מעשענע קנעפּלאַך, וואָס זיינען ממונה אויף ריינקייט, און מיט טויזנטער אַנדערע שלעק. ער דערעסט ניט, דערשלאָפט ניט, האָט א פולן קאָפּ מיט דאגות, — און דער סוף לאָזט זיך אויס, אז וואָווינען וואוינט ער ערגעץ אינם אונטערשטן גאָרן ביי אַלדע שוואַרצע יאָר, און דער שכן, וואָס דער קאָפּ האָט אים אויף דער שטוב קיינמאָל ניט געדאַרט, קומט אויפן פאַרטיקן, באַצאָלט די עטלאַכע קלינגערס און זיצט זיך בהרחבה אין א שיינער, ריינער, ליכטיקער דירה, וואו אים געפעלט. אזוי איז אויך מיט די אידן. דער רבונו של עולם האָט פון אָנהויב־אָן אַרויס־געזעען, אז ס'וועט זיין שווערע מלחמות צווישן די פעלקער פאַר יעדן שפּאַן ערד, אז מ'וועט זיך בייסן און רייסן און קריכן איי־נער דעם אַנדערן אויפן קאָפּ און מ'וועט דאַרפן מיליאָנען סאָל־דאַטן און ביקסן און האַרמאַטן און געלט אָן אַ עק, כדי מ'זאָל ביישטיין אַנטקעגן שונא. נו, און די אידעלאַך זיינען שטענדיק גע־ווען א קליין פאָלק, א פּיצל, א ברעקל, ווי אין פּסוק שטייט: עם קטן בגויים, היינט ווען זיי בלייבן, אַשטייגער, אויף זייער ערד, וואָלטן זיי דאַך געהאַלטן אין איין ציטערן פאַר די גרויסע, די לויתנים צווישן די פעלקער: מ'וואָלט אָן רחמנות געטרעטן זייערע פעלדער, געמאַרשירט איבער דעם קליינעם מדינהלע, דער אהין, דער אהער, און דער סוף וואָלט זיך אויסגעלאָזט, אז אימי־צער וואָלט עס חרוב געמאַכט און ס'וואָלט פון די אידן ניט גע־

קליין־מענדעלע

בליבן קיין זכר אויף דער וועלט. וואס טוט גאט? גרייט ער אן די רפואה פאר דער מכה: ער נעמט און פארטרייבט די אידן באצייטנס פון זייער לאנד און זעצט זיי אריין אין שכנות ביי די אומות־העולם...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

פון גלייכע זכיות ביז גוטברודערשאפט איז נאך זייער ווייט...

„א סגולה צו די אידישע צרות"

די אידישע פראגע

די אידישע פראגע — דאס איז דער ברייטער קאנאל, וואוהין ס'גייען אריין אלע אומריינעקייטן, מיסט און קויט און בלאטע פון דעם מענטשנס נשמה. דידאזיקע שטינקענדיקע וואסערן גיסן זיך, פלייצן, ווי דער שטייגער איז, פון דער הויך אין דער נידער, און כל־זמן ס'איז דא אזוינע מיני פאסקודנע שטראמען — און ווערליק די טבע פון דעם מענטשנס הארץ, וועלן זיי זיך ניט אויס־לאזן אייביק — און כל־זמן דאס אידישע פאלק וועט זיך גע־פינען אין דער נידער, וועט עס אייביק מוזן דינען פאר אזא מין קאנאל צו די איבעריקע פעלקער...

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

אלע, פון גרויס ביז קליין, זעצן זיך אויף מיר אן און האבן מיט מיר צו טאן. פיל מאל צעקריגן זיי זיך איבער מיר: איינער זאגט, מ'זאל מיט מיר זיך נוהג זיין אזוי. און דער אנדערער זאגט עפעס אנדערש; יענער זאגט, איך זאל פליען אינדערלופטן, און דער ווינטשט, כ'זאל גיין דורך דער ערד. ס'ווערט א ליארעם, א געשריי, א געפילדער, א מהומה, אז דער קאפ ווערט דול הערנדיק. אזוי שפילן זיי זיך מיט מיר אן, שרייען זיך אן און דער „אייביקער וואפראס" ווענן מיר בלייבט טאקע אלץ ניט גערעשעט.

„די קליאטשע"

אייביקער וואַנדערער

אַ פאָגראָם

איר'ט אַמאָל געזעען, ווי אַזוי ס'שפּרינגען און ס'הויבן זיך בולבעלאַך אויף אַ וואַסער? מיינט ניט, אַז דאָס טוט זיך מיט ניסים, אַז מלאכים שפּילן זיך דאָ. ניין, די מעשה איז פּשוט בתכלית הפשטות: ס'וואַרפט אימיצער אַריין אַ שטיין, אָדער מ'דערוואַרעמט דאָס וואַסער, הויבט עס אָן זיך הויבן. אַזוי האָבן זיך דעמאָלט ג ע ה ו י ב ן אחינו בני ישראל, געדראַפּעט זיך, געקלעטערט וואָס העכער. ס'איז, ניט היינט געדאַכט, געווען דענסטמאָל אַ קאָכעניש, אַ גוואַלד, אַ געפּילדער. שטיינער זיינען געפלויגן, האַמערס האָבן געפּלעט אידישע קעפּ, שויבן האָבן גע־קלונגען.........

אין אַזאַ מין בהלה האָב איך זיך אויך מיישב געווען און פאַר־לאָזן די זינדיקע ערד און באַקומען עלית־נשמה. — — — האָט טאַקע דער גוף, במחילה, געמוזט נאָכטאַנצן נאָך דער נשמה: הויבן הענט, אונטערשפּרינגען מיט די פיס, דראַפּען זיך פון דעם פּאָל אויפן פענצטער, פונם פענצטער אין הויף אַריין, פונם הויף אויף אַ וואַנט, פון דער וואַנט ווידער אין אַ הויף, פון דאָרט אין אַ הויז אַריין, פונם הויז אויף אַ לייטער, פונם לייטער אויפן בוידעם, העט־העט אין אַ ווינקעלע, אונטער דער סטריכע.

„בישיבה של מעלת ובישיבה של מטה"

— — — איך טו אַ קוק דורך אַ שפּאַלט אינדרויסן אַרויס, און ס'ווערט אין מיר פאַרציטערט יעדער אבר. דער גאַנצער הויף איז פול מיט צעבראָכענע כלים, צעריסענע צעפּליקטע בגדים, שמאַטעס און טראַנטעס אָנגעוואָרפן איינס איבערן אַנדערן: פּע־דערן, קאָלדרעס, באַוול, צעריסענע לייל̄אַכער, אויפגעטרענטע קי־שענס; שטרוי און בינטלאַך האָלץ און רומל־ספרים, אינאיינעם מיט צעבראָכענע טעפּ, צעהאַקטע מעבל, צעקלאַפּטע גלעזער און אַלערליי אַנדערע זאַכן פונם באַלעבאַטישקייט: איבערבעטן, ביינקלאַך, צעבראָקלטע רעדער פונם ביידל, שערבלאַך, קאַלך, אַש, איבערגעמישט מיט דער טונקעוואַניע פון די ווענט; אינמיטן דערינען — אַ פּעסל געזייערטע אוגערקעס מיט אַ פּעקל תחינות פון שרה בת־טובים, אַ צעשפּאַלטענע מולטער מיט אַ געלעכער־

קליין־מענדעלע

טער מאקרעטע, א לאָקשן־ברעט מיט בינטלאַך ציצית מיט איבער־ געהאַקטע רצועות, א זיפּ, א רעשעטע, א קעסל, א קאָרב און א בעזים אינמיטן. אַן איבערקערעניש, מישטיינס געזאָגט, א בהלה, א חורבן, ווי נאָך אַן ערדציטערניש און נאָך א שריפה; אַרום און אַרום הער איך קולות, געשרייען, גוואַלדן, ממש ס׳לעבערט דעם מות. אינדערלופטן פליען פעדערן, שטיקלאַך שמות, בלעטלאַך פון ספרים, ס׳שמעקט עפּעס זייער שאַרף, ס׳זעצט אין דער נאָז א פּאַסקודנער ריח.

„צוריק אַהיים"

אויפן בוידעם

קריכן אויפן בוידעם איז ביי אידן א מצות עשה שהזמן גרמא — און די מצוה איז חל אויף אַלע אידן, גרויס און קליין, ווייַ־ בער און קינדער.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

קאַלאַ־ ניעס

מה שהיה, דאָס וואָס איז געווען, הוא שיהיה, דאָס וועט זיין, ניטאָ קיין נייס אונטער דער ליכטיקער זון. יש דבר, ס׳איז דאָ א זאַך, — קאַלאַניעס, אשטייגער — שיאמר, וואָס מ׳זאָגט: זע, דאָס איז נייס! ניין, ברידער, כבר היה, דאָס איז שוין לאַנג געווען אויף דער וועלט. קוקט זיך, זייט מוחל, גוט צו — — — וועט איר זען, אַז אידן איז שוין לאַנג דער קאָפּ געלעגן אין דער ערד...

„די אַלטע מעשה"

ווי מיט דעם ווינט האָט זיך אין יענער צייט פאַרטראָגן אין דעם שטעטל א נייס וועגן אידישע קאַלאַניעס — די רעגירונג, הייסט עס, גיט אידן ערד צו באַזעצן זיך אויף איר און זי צו באַ־ אַרבעטן. דידאָזיקע נייס האָט, ווי געוויינטלאַך, קייקלענדיק זיך, ווי א קנויל, פון מויל צו מויל, אַנגענומען אויף זיך פיל פאַר־ שיידענע מימרות און לסוף זיך פאַרפּלאָנטערט, אַזוי, אַז ס׳איז שווער געווען זי אויפצופּלאָנטן. וואָס קאַלאַניעס, וועז קאַלאַניעס; וואו געבן ערד, ווי געבן, וועמען געבן? — אָט דרינען איז עס דאָס גאַנצע פּלאָנטניש, און די מיינונגען דעריבער זיינען פאַר־

אײבּיקער װאַנדערער

שײדן. דאָס שטעטל איז דערמיט אױף. אומעטום, אין מאַרק, אין בית־המדרש, אױפן שול־הױף שטײען רעדלאַך מענטשן און מ'רעדט, מ'האַמפּערט זיך, שרײַענדיק, זידלענדיק זיך אױף אַ קול.

— „איך בעט אײַך, ר' זעליק — טענהט כײקל דער הינ־קעדיקער, װאָס איז שטאַרק פאַרבּרענט אין די קאָלאָניעס — זאָגט מיר, פילאָסאָף מײַנער, װאָס בע־קעט איר מיר, װאָס עט־עט איר מיר? װאָס זאָל אַזױנס אײַער בע־עט באַדײַטן? אַזאַ זאַך, װאָס פאַר אידן אַ גליק, איז מען מיט אַזאַ חקירהלע, מיט אַ קנײַטשע־לע: עט, בע! ניט מבטל!“

— „װאָס האָב איך מיט דיר, כײקל, צו טענהן, אַז דו ביסט... האָב קײן פאַריבּל ניט — ענטפערט ר' זעליק מיט אַ קנײַטשל, אַ שמעקנעבנדיק טאַבּאַק — אַז דו פאַרשטײסט ניט דעם תמצית, דעם תוך, הײסט עס, פון אַ זאַך, מ'גיט קאָלאָניעס! װאָס הײסט: מ'גיט? נאַ, כײקעלע, נאַ דיר און זײַ אַ פּריץ!“

— „אַט דאָס אײגענע טאַקע זאָג איך דאָך מײַן פּיװועשקעז אױך — מישט זיך אַרײַן אין שמועס יאַנקל דעם מגידס — אַ פּריץ מײַנסטו זײַן? אַ, נײַן! ס'שמעקט, מחילה מיט... מיט. מיט װאָס הײסט מען עס... װאָס מ'טוט אַ פּױער. נאַכמער. מ'זאָגט טאַקע, באַשר פאַר ניט גוט אַרבעטן, צי װײס איך װאָס, פאַר עפּעס װאָס־ס'איז, קומט אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט. אָדער גאָר פאַרשיקן קײן קלײן ארץ־ישראל — סיביר, הײסט עס! פּיװועשקע, זאָג איך, דו קנעלסט? קנעל טאַקע װײַטער און רעד זיך ניט אײַן אַ קינד אין בױך! יעקב איז ניט עשו“.

— „נײַן!— הערט זיך אַ קול פון אַ צװײטן רעדל — אין די היגע גובערניעס פאַר קײן געלט ניט! בעסער אַהין, אין יענעם װינקל, אין יעקאַטערינאָסלאַװ, אין כערסאָן“.

— „יאָ, טאַקע אַהין, גאַנץ גוט. אָבער געלט, געלט, געלט?“ — לאָזט זיך הערן נאָך אַ קול.

— „מ'גיט געלט!... ס'איז דאָ געלט!... ס'װעט זײַן געלט!... שאַ, װאָס זאָגט ר' חיים? ר' חיים װאָס זאָגט?... לאָז מען מאַכן אַן אסיפה! אַן אסיפה“...

„שלמת ר' חײמס“

ק ל יי ן - מ ע נ ד ע ל ע

ערד־ארבעט

...פון דעם מסחר מיט וועקסלען ביז דעם מסחר מיט אַלטע קליידער, מיט פאַרשימלטע שמאַטעס — איז נאָר איין האַרצווייטיק, איין גרויסע קללה: ס׳טריקנט אוים דעם מוח, ס׳נעמט אראָפּ דאָס פלייש פונם לייב, ס׳זויגט אוים דעם מאַרך פון די ביינער, און סוף־כל־סוף בלייבט מען קבצנים, עניים ואביונים. וואָס־זשע טוט מען? ווי העלפט מען? דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה: געזונטע, ערלאַכע אַרבעט, וואָס ברענגט רייכע פרוכט ה יי נ ט און מ׳דאַרף ניט ציטערן, אַז זי וועט זיך אויסלאָזן מ אָ ר ג ן. נאָר אין ערד־אַרבעט איז איצט די אידישע גאולה.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

ארץ־ישראל

עפּעס אַזוי גרינג זאָגט זיך עס: א ר ץ - י ש ר א ל, י ר ו ש ל י ם! דאַכט זיך אין פלוג, אַ לאַנד — אַ לאַנד, אַ שטאָט — אַ שטאָט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּעס איז עס אַנדערש. וואָס אַנדערש, ווי אַנדערש? דאָס לאָזט זיך גאָרניט זאָגן. עפּעס איז עס ניט מגושם גראָב, נאָר אַ רוחניות. מע באַדאַרף עס פילן. הייגט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעט, ערטער, וואָס שטייען אין דער תורה!

„שלמה ר׳ חיימס"

וועגן נאַטור:

אויפֿן גרינעם גראָז
גאָטס דרויסן
הערבסט
ווינטער
דער וואַלד
וועסנע־טעג

אויפן גרינעם גראָז

אײ־אײ, איז עס דאָרטן גוט, מחיה! ס׳לעבט, ס׳רירט זיך ארום און ארום. גאָטס באַשעפעניש, וואָס ביז אהער גאָר ווילד פרעמדע פאַר מיר, פייגעלאַך אַלערליי, מיני זשוקלאַך אַזוינע, פליען, שפרינגען הויך אינדערלופט, אי אונטן צווישן דעם גראָז, לעבעדיק פרייליך מיט אַ געזינגעריי, אַ זשוזשעריי, אַ צימבלעריי. ס׳הערט זיך אַ קאָנצערט, ס׳פילט זיך ריחות פון בשמים. ס׳שימערט אין די אויגן פון בלומען כל־המיני קאָלירן. ס׳אָטעמט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי פריי. עפּעס טוט עס מיך אינעווייניק אַ ברי — האָפּ־האָפּ־האָפּ! טו איך אַ שפרונג, קוליע מיך פאַר גרויס פאַרגעניגן עטלאַכע מאָל איבער און צי מיך אויס אויף פריש־ווייכע מאַך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיקע זון קוקט מיר גלייך אין פנים אַריין, שיינט, שמייכלט.

„ספר תבהמות“

גאָטס דרויסן

דער הימל איז בלוי, לויטער, אָן אַ פּיצל וואָלקן. די זון בראָט, סמאַליעט, ס׳ווייעט ניט קיין ווינטעלע, מ׳פילט ניט קיין ליפּטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטייען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקל אַפילו זיך ניט צו טאָן. קי אויף פּאַשע ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלדזער, שאָקלען צעוויילע די אויערן, קייען און מעלה־גרהן, אַנדערע גראָבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאָרן מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען פאַר גרויס היץ, דער בוהיי פאַררייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפנדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, שטעלט זיך פּלוצלונג אַנידער, אָנגעבויגן דעם שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט, פּאַכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס. לעבן אָן אַלטער אויסגעקרימטער און האַלבפאַרדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאַלטן אין דער העלפט אַמאָל פון אַ דונער, שטייען פערד, איינער אויפן אַנדערן פאַרלייגט די

קליין־מענדעלע

קעפּ, צו מאַכן כאַטש עפּעס אַ שאָטן, און שמייסן מיט די וויידלען, פּטור צו ווערן ווי־ס׳איז פון די בייזע פליגן. אויף אַ צווייגל אינדערהויך וויגט זיך אַ סאַראַקע, אויסזעענדיק פונדערווייטנס ווי אַנגעטאָן אין אַ ווייס טליתל מיט פּאַסן תכלת פּאַרנט און האַוונט, שאָקלענדיק זיך. זי בוקט זיך, פּאַלט תחנון מיטן קעפּל, שפּרינגט אַביסל אונטער. אַ קליין קראַקעלע געבנדיק אַ פּאָר מאָל, בלייבט דערנאָך ווייטער שטיין אַן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלדזל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פּאָר־שלאָפענע אייגעלאַך.

„פישקע דער קרומער"

מנחה־צייט. אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט אָן צו בלאָזן און אויפן הימל ווייזן זיך שטיקלאַך וואָלקן, אויף וועלכע מ׳האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. דיביימער הויבן פּאַמעלאַך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן איינגעבויגן דעם קאָפּ, און פירן צווישן זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיקע תבואה. אַלע זאַנגען כאַפּן זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט אַ קול און צעקושן זיך גאָר פריינטלאַך. גאָטס באַשעפעניש רירט זיך אומעטום: אויפן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטן שפּילפייגלאַך אַרויס, אויף צווייגלאַך, ביימלאַך, נידעריק און גאַנץ הויך, פּוצן זיך די פעדערלאַך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקל און הויבן אָן די זיסע זמירות צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעטשקעס, רייך געקליידט אין אַטלאַס, סאַמעט, מאָדע־אַנטיק מיט טייערער צירונג, כאַפּן אַ טענצל, שוועבענדיק אינדערלופטן, הויבן זיך, דרייען זיך און מאַכן חן. צוויי בושלס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע רויטע פיס שטייען אויפן גראָז, פאַררייסנדיק די קעפּ אינדערהויך און קוקן מיט גדלות. עפּעס אַ קונדעס, אַ פויגל, שטיפט, פליט פון איין בוים צום אַנדערן, מאַכט „קוקו, קוקו!" ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. אים ענטפערט אָפּ פון צווישן

וועגן נאַטור

ווייץ און קאָרן אַז אַנדער מין פויגל עפּעס: „פּיק־בער־וויק, פּיק־בער־וויק!" ווי גערעדט: אייביק וועסטו מיך דאָ ניט כאַפּן, כאַטש שיט מיר אַז זאַלץ אויפן עק. פּאַקט זיך, ר' קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... ניט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלדזועלע, מאַכט זיסע שטייגער און שפּילט גאָר מחיה. איטלאַכער, וואָס קען נאָר עפענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט־באַרימטן חזן אונטער. זשאַבעס אַפילו, פון די טייכלאַך ערגעץ, טערעלייקען, אַפילו פליגן, בינען האָבן ניט געשוויגן און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אַנכאַפּער, האָט פליענדיק אויך געזשוזשעט.

„פישקע דער קרומער"

הערבסט

וואָלקנס, קעלט און ווינט. ניטאָ קיין זון, די וועלט איז וויסט, אַ חשכות איז אויף איר אַנגעפאַלן. ציגן, צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער, צעטרעטן און פירן־איבער אַלץ, וואָס דאַרט געפינט זיך נאָך. עפּעס טאַקע נאָר ווי אַז אַנשיקעניש פון גאָט, חזירים רויען זיך און רייסן־אויס מיטן וואָרצל וואו עפּעס אַ שטיקל גרינוואַרג, אַ תל ווערט פון דעם מענטשנס אַרבעט. ביימער פאַרלירן זייער צירונג — אַ מתנה פונם פרילינג. — — — זיי שאָקלען זיך, פלאַטערן, ציטערן און קלאַפּן זיך מיט די צווייגן אין דעם אויסגעקראַכענעם קאָפּ, ניט צו דערקענען, אַז זיי האָבן געבליט אַמאָל און געבראַכט גוטע פּירות פאַר לייטן אין דער וועלט. דאָס חיהלע זוכט זיך אַ נאָרע אַנטרונען צו ווערן אין דער ערד, די פליג — אין אַ שפּאַלט ערגעץ אין וואַנט, אַ טייל ברואים פאַרלאָזן זייערע ערטער און לאָזן זיך וואַנדרעווען אין עק וועלט איבער די ווייטע ימים. ס'טרויערט די ערד און אַ מרה־שחורה רוט אויף איטלאַכן, אַלע פילן: אָט, אָט קומט דער ווינטער!

„שלמה ר' חיימס"

ווינטער

פלוצלונג, איידער דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט פון צפון־זייט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט און ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ בייזע פינצטערע כמאַרע — דעם ווינטערס צוויי קאַ־

קליין־מענדעלע

זאקן — לויפנדיק פאַרוים מיט אַ שטורעם, אַ פייפן: „ציטערט, לעבעדיקע באַשעפענישן! אַט קומט ער, דער קאַלטער פעטער, און וועט אייך אַנרייבן אַ רויטע נאָז"... די פעלדער ליגן שוין באַגראָבן אין דעם ווייסן קיטל שניי. די ביימער דאָרט שטייען אָפּגעשמיסענע, נאַקעטע, אַראָפּגעלאָזענע די קעפּ און די צווייגן געפּענטעט מיט קייטן פון פליטערלאַך, פרענטעם אייז. פון פייגל און וואַלד־חיהלאַך איז ניטאָ קיין שפּור, אַלע ווי אויסגעשטאָרבן. די ליגן באַהאַלטן טיף אין די לעכער, יענע האָבן באַצייטנס געמאַכט אַ פּליטה — אַוועק וואוהין די אויגן טראָגן, און אומעטום איז שאַ, שטיל. נאָר וואָראָנעס דרייען זיך, ערטערווייז, אַרום אײַנדערלופט. — — —

„דאָס ווינטשפּינגערל"

דער וואַלד

בוימער־מאַסנעס געוויקסיקע ציען זיך ווי אַ סטרונקע גלייך, הויך אין הימל אַריין, אונטן גלאַט־נאַקעט און אויף די קעפּ גרינע היטלען־קאַפּעלושן אַ ים. צווישן וועלכע עס ברעכן זיך דורך שטראַלן ליכטיקע פון דער זון און באַלייגן דאָס ריינע סאַמעטענע גראָז זיי ביי די פיס מיט העלע פּאַסן גינגאָלדענע. פאַר דעם וואַלד שטייען קליינע־געדיכטע וועלדלאַך פון נידעריקע, יונגפרישע, זאַפטיקע ביימלאַך כל המינים, צעוואָרפן דאָ־דאָרטן אויף אַ היפּשן, פרייען, מיט גרעזעלאַך און שמעקנדיקע קרייטעכצער באַוואַקסענעם פּלאַץ. פאַרנט־צו ציען זיך פון אים, פונם פּלאַץ, אַוועק פעלדער תבואה העט־לאַנג, ניט צו פאַרנעמען מיטן אויג, און אים ביי דער זייט לאָזט זיך די גאַנצע געגנט אַלץ נידעריקער־נידעריקער אַראָפּ אין אַ טאָל, וואו עס שפּרודלט, רייזלט אַ ריין־קלאָר וואַסערל לעבעדיק־שפּילנדיק ווי אַ קינד, דאָס באַהאַלטנדיק זיך ערגעץ צווישן געדיכט־פאַרצווייגטע ווערבעס דאָרט, דאָס אַ ווייז געבנדיק זיך ווידער, לויפנדיק־שפּרינגענדיק באַרג־אַראָפּ, פון שטיינדלאַך אויף שטיינדלאַך, האַלטנדיק אין איין מאַכן בול־בול־בול!

„ספר תבחמות"

װעגן נאַטור

עפּעס אַ מין פֿאַלק אַזוינס. עפּעס שטייען זיך, אויף אַ גרויס שטיק לאַנד, ביימער — אַלטע זקנים, זיירעס, עלטערזיידעס, און יונגע, קליינוואַרג. איטלאַכער, דאַכט זיך, שטייט פֿאַר זיך באַזונדער, נאָר אין גרונט גענומען, זיינען זיי דאָרט טיף פֿאַרפּאַטעט, פֿאַרייניקט מיט די וואָרצלען און ציען די „יניקה", ווי אַזעלכע, פֿון איין שורש. זאָל ווייען פֿון ערגעץ עפּעס אַ ווינטעלע, שושקען זיי זיך איבער, סודען זיך, אַנבויגנדיק די קעפּ איינער צום אַנדערן. קיינער שווייגט ניט שטיל, עס „רירט" אַן איטלאַכן און איטלאַכער לאָזט זיך הערן מיט זיינס, באַסעוועט־צו, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אַ מינדסטער קלאַפּ ביי אים דאָ, רופֿט זיך עס אָפּ ביי אים העט־וויט דאָרט. און זאָל אַ בלאָז טאָן אויף אים, ווי ס'מאַכט זיך אַמאָל, אַ פּוילער, אַ בייזער ווינט פֿון צפֿון־זייט, כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ כעס, אַ צאָרן. ס'רעשט זיך, ס'פּילדערט פֿון גרויס ביז קליין . ס'רוישט און שטורעמט ווי כוואַליעס אין ים.

„שלמה ר' חיימס"

שאַ, שטיל איז סליחות־צייט אין דעם וואַלד. — — — דאָס שטילקייט דאָרט וואַרפֿט אַ מרה־שחורה. די ביימער שטייען פֿאַרטראַכט, פֿאַרזאָרגט, גאָרניט דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט וואָס פֿריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפֿצן, אַ קרעכצן פֿון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָכדעם ווי אירע קינדער צעפּאָרן זיך אין אַלע זייטן. דאָרט, וואו ס'האָט ערשט געלעבט, זיך גערעשט, געזונגען, געשפּרונגען אין איטלאַכס ווינקעלע, איז אַצינד שטיל־רואיק ווי אויף אַ בית־עולם. אַלצדינג דאָרט דערמאָנט אין דעם צעשיידן זיך מיט די ליבע, טיף אין האַרצן איינגעבאַקענע. ניטאָ די פֿריערדיקע לעבעדיקייט, אָט די פֿרישקייט און אויפֿגערוימטקייט, אַלצדינג שטייט עפּעס ווי ברוגז, זייער אומעטיק. דער הימל קוקט אויך ניט פֿריינטלאַך און איז עפּעס שטאַרק אַנגעבלאָזן. וויסט איז די נעסט — די פֿייגעלאַך זיינען זיך צעפֿלויגן . . . פֿאַרזאָרגט, פֿאַרטראַכט שטייט דער וואַלד, גלייך ווי ער פֿילט, אַז דאָס אויפֿהויבן זיך און אוועקפֿליען

קליין־מענדעלע

פון זיינע שפּיל־פייגעלאך באַווייזט ניט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטן, אַז באַלד־באַלד וועט זיך אַנרוקן אויף אים אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן...

„דאָס ווינטשפּינגערל"

וועסנע־טעג

די גילדענע זון האָט ביים אויפגיין צעריסן, צעטריבן די גרויע וואָלקנס אינדערלופט און מיט איר ליכטיק פּנים אַראָפּגע־קוקט פונם בלויען הימל, מילד, פריינטלאַך, אויף דער ערד. גאָטס באַשעפעניש, אַלע פון גרויס ביז קליין, האָבן אויפכאַפּנדיק זיך פונם לאַנגן ווינטער־שלאָף לעבעדיק־פריילאַך, זיך גענומען איט־לאַכער צו זיין זאַך. פריש־גנעלע בלומען שטעקן אַרויס די קעפּ־לאַך פון צווישן יונגע גרינע גראָז, קוקן אַרויס און מאַכן חן. ווער־בעס ביים טייך כאַפּן זיך אָנטאָן זייער ניי־גרינע זשופּיצע, שפּיג־לענדיק זיך אין דעם וואַסער, ריין, קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע, וואַרעמע לענדער, דאָרט אינדערפרעמד, קומען עופות, טשאַטעס־ווייז, צוריק אַהער אין זייער רו אַריין. ווילדע גענדז פליסקען זיך ערגעץ צווישן וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרייען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשוויטש. שוועלבעלאַך פלאַטערן, שוועבן אַהין, אַהער אינדערלופט, שטאַרק פאַרטראָגן אין דעם בויען, פאַרריכטן נייע און אַלטע נעסטן. ברוך־הבא: דאָס אַלטע באַקאַנטע פאַרפאַלק בושלם איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטייט אויף איין פוס, דאָס קעפּל אין דער זייט, שטייט באַטראַכט איר אַלטע נעסט אויבן אויף אַ שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטאַלצן שפּאַ־צירט זיך האָפּערדיק אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקנדיק זיך צו אַ קאַליזשע, וואו ס'שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פּלוצלונג — פּיק־פּיק, אַ כאַפּ אין דעם רויטן ווייטן פּיסק אַריין... ס'איז אַ לעבן, אַ פרייד, אַ פליענִיש, אַ זשוזשעניש, אַ געזיינגעריי, אַ גע־שווישטשעריי אומעטום...

„שלמה ר' חיימס"

וועגן חיות:

וועגן בהמות

פערד

חזירים

הינט

דאָס קעלבל

געפייגערט די בהמה

וועגן בהמות

בהמות האָבן אויך אַ לשון, זייער לשון, זייער קוק אויף דער וועלט, זייער מין יושר און דרך־ארץ, זייער פאַמיליען־לעבן, אייגע־נע און קהלעשע אינטערעסן, זייערע מיני געבאָט, מנהגים, געריכט און אפשר טאַקע אויך זייער מין רעליגיע — קורץ, אַלע מעלות און חסרונות ווי מיר, ניט צו זאָגן אפילו להבדיל. ס'איז דאַ אויך צווישן זיי אַלערליי אומות, נאַציעס, מינים, הייסט עס, אומות גרויסע, שטאַרקע, געוואַקסנטע מיט גוטע כלי־זיין, וואָס רויבן, רייסן, געוועלטיקן בידרמה, און אומות קלייניטשקע, שוואַכע, קריכנדיקע, פאַרוואָגלטע, ביי יענעם אין די לאַפּעס. בהמות גע־הויבענע, זאַטע, פעטע, שיינע, ליידיקגייער. געלערנטע מיט אָנ־שטעלן און זיי אקעגן יענע פונם געמיינעם עולם: אויך־מיר־בהמות, הונגעריקע, דאַרע, אויסגעדייוועטע, שטענדיק אין דער אַרבעט, פאַרגרעבטע, פאַרפינצטערטע, וויסן ניט פון זייער חיות. ס'זיינען דאַ צווישן זיי אי גוטע, אי שלעכטע, בייזע, אי שטילע, רואיקע, געלאַסענע: פוילע אי בריות; פאַלשע אי געטרייע; גנבים, גאַשערס, פרעסערס אי ערלאַכע, כשרע, ניט קיין טרייפענע העל־דזער: עגאָאיסטן, ניט־פאַרגינערס, קאַפּאַבל אויף אַלצדינג פאַרן אייגן נפש, אי באַרעמהאַרציקע, באַרייט זיך מקריב צו זיין פאַר יענעם אין אַ נויט.

„ספר הבהמות“

ביסטו אַ קו — גיב מילך! ביסטו אַן אָקס — גיי אַקער די ערד! ביסטו אַ שאָף — לאָז זיך שערן! ביסטו אַ פערד — זאָל מען אויף דיר רייטן!

„ספר הבהמות“

פערד

ביי פערד שפּילט יחוס אַ גרויסע ראָלע...

„די קליאַטשע“

קליין־מענדעלע

ציג און וואָלף, שאָף און כלבים זיינען ניט קיין מקורבים...
„יודל"

חזירים

פון א חזירס עקל קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן...
„דאָס קליינע מענטשעלע"

פון א חזיר א האָר איז אויך גוט. ביי א חזיר איז א מצוה צו רייסן...
„דאָס קליינע מענטשעלע"

הינט

דער דאָרפסהונט איז דאָס, ווי גאָט האָט אים באַשאַפן, ווייסט ניט קיין פּאָליטיק, חוץ דעם באַלעבאָס און די שטוב קען ער ניט קיינעם, בילט אויף איטלאַכן, אָרעם און רייך — אַלע גלייך. כאַפּט טאַקע א ביין, אַז יענער גיט ; כאַפּט און בילט פּאָרט ווייטער טאַקע, בילט מיט זיין אייגן קול, ניט פאַרשטעלט — ער איז פּראָסט, אָן אָנשטעלן. דער שטאָטהונט אָקעגן איז שוין עפּעס געמלאכהט. אויסגעפּיינט, אַביסל פאַלש און האָט מורא פאַר א שטעקן — בילט אויף אָן אָרעמאַן, אויף אַזעלכן, וואָס קען זיך ניט ווערן. פאַר א שטאַרקן האָט ער אָפּשיי, פאַר א רייכן, שיין־געקליידטן — א שרעק! מיט א שטיקל ברויט פאַרשטאָפּט מען אים דאָס מויל — שאַ!
„שלמה ר' חיימס"

דאָס קעלבל

ווינטער אַמאָל, גאַנץ פרי, אַז איך בין געלעגן איינגענורעט אונטער דער קאָלדרע, פאַרשלאָפן, נאָך ניט בדעה האָבנדיק אויפשטיין, גיין אין חדר, דערפיל איך, ווי מ'וועקט מיך, טאָרעט מיך. אין איין געשריי: גיכער, שטיי־אויף, גיכער, גיכער! איך טו מיך, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, א כאַפּ־אויף און דערזע פאַר מיר מיין שוועסטערל, א מיידל פון א יאָר צוועלף. דאָס פּנימל שיינט איר, די אייגעלאַך פינקלען עפּעס מיט א גלאַנץ גאָר משונה, דאָס מיילעכל — האַלב אָפן, אויף די ליפּעלאַך עפּעס א פאַרגליווערט מין שמייכעלע, זי וויל עפּעס זאָגן און קען ניט, אַזוי פאַרנעמט

וועגן חיות

איך דער אָטעם, נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, ווערגנדיק זיך. דאָס הענטל, טייטנדיק אויף עפּעס דאָרט אין דער מיט שטוב — אַ — אַ!

איך גיב אַ קוק — אוי, גוואַלד, אַ קעלבל! און אַזוי ווי איך בין, באָרוועס, נאַקעט, אין איין העמד, האַלטנדיק איין האַנט אויפן קאָפּ, קיין צייט ניט האָבנדיק אויסזוכן דאָ און אַנטאָן דאָס יאַרמולקעלע, טו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פונם געלעגער, געשווינט צו אים. די פרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלייך ווי די וועלט איז מיינע, גלייך ווי אַלצדינג אין איר פילט מיין שמחה. עפּעס לייכט די זון גאָר אַנדערש, עפּעס איז דער פרימאָרגן מילדער, פריינטלאַכער ווי תמיד, עפּעס פילט זיך אומעטום אינדערלופט יום־טובדיק, פול־און־פול מיט קעלבל. אַלצדינג שמייכלט, זאָגט: גוט יום־טוב, מזל־טוב דיר מיטן קעלבל!...

איך זעץ מיך אויף די קניעלאַך, אַביסל פונדערווייטנס, און באַטראַכט מיר דאָס קעלבל. אַ שיינס, אַ רויטס, מראה געלבן, אויף דעם שטערן אַ ווייסער פלעק, ווי אַ זילבערנע קאָקאַרדע, גאָר אַ גאָטס וואונדער. וואָס ווייטער־ווייטער גיב איך מיך אַ רוק אונטער, באַקענענדיק מיך מיט אים נעענטער; וואָס ווייטער־ווייטער גיב איך עס אַ גלעט, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט מיט אַ פינגער, אַריינקוקנדיק אים בשעת מעשה אין די אויגן, ביז איך ווער דערמיט שוין אַ נאָענטער שמעלקע און לאָז אים אַראָפּ אַ גראָבן „שלום־עליכם". אַזוי טאַקע מיט דער גאַנצער האַנט, מיט אַלע פינף פינגער.

דאָס קעלבל האָט, אַפּנים, נאָכניט געוואוסט דעם טייטש פונם „שלום־עליכם", מיט וואָס מ'עסט עס, וואָרים ס'האָט זיך עפּעס געפילט ווי באַליידיקט און צונויפנעמענדיק זיך מיט אַלע קרעפטן געפּרופּט אויפשטיין. פריער האָט עס אָנגעהויבן הינטן־אַרום, פּאַמעלאַכן־פּאַמעלאַכן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלאַך, בלייבנדיק אָנגעשפּאַרט אויף די קני פון די פעדערשטע. — — — שפּעטער אַביסל האָט זיך עס שוין געשטעלט אויף אַלע פיר פיס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט, ווי פיסלאַך פון אַ צעשאָטענעם טיש — — — און פלוצלונג פאַררייסט עס דעם ווידל

קליין־מענדעלע

און גאַלאָפּ, גאַלאָפּ איבער דער שטוב. ס'ווערט אַ רעש, אַ געפּילדער, ס'פּאַלט אום די מילכיקע באַנק מיט דעם צעבראָכן פּיסל, ס'דערשרעקן זיך די הינער, פליען משוגענערווייז איבער טיש אוןביינק, צעברעכן אַ גלעזל, קערן איבער עפּעס אַ שיסל. די מאַמע ביי דער קימפּעטאָרן, ביי דער בהמה הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם טאַראַראַם, דעם האַרמידער, לויפט אין איין אָטעם אַריין אין שטוב שטאַרק אויפגעבראַכט און לאָזט אויס איר צאָרן צו מיין קאָפּ.

אוי, אַ טאָג האָב איך עס געהאַט דענסטמאָל, אַ טאָג פון פּעטש און קלעפּ אינדערהיים, אין חדר, געלייזט געננג, נים פאַר קיין אידן געדאַכט!

אוועקגעגאַנגען פונדערהיים אין חדר בין איך מיט אַ קאָפּ פול מיט קעלבל. ווען איך האָב באַגעגנט אויפן וועג, האָב איך אַנגעזאָגט די בשורה: אונדזער קו האָט געהאַט אַ קעלבל! פאַר איטלאַכן פון מיינע באַקאַנטע אינגלאַך האָב איך אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין דאָס קעלבל, אונטערשמייכלענדיק דערביי פאַר גרויס הנאה ווי אַ בעל שמחה, געמיינט דערמיט — הע־הע! לאָזן זיי מיר מקנא זיין. ווען מיר האָט געטויגט האָב איך צוגעזאָגט ווייזן אים דאָס קעלבל, איניינעם מיט מיר זיך דערמיט אביסל אָנשפּילן. ביי איינעם אפילו האָב איך גענומען פאַרן אַ פּאָר יווּנישע מעשענע קנעפּ מיט אָדלערס און אַ יערכן בייטעלע, שווערנדיק אים: „ ווי איך בין אַ איד!״ אז דער כבוד פאַרן רייטנדיק צום ערשטן אויפן קעלבל געהער אים. ס'פאַרשטייט זיך, אז פאַר גרויס שמחה און אַזויפיל געשעפטן האָב איך מיך פאַרשפּעטיקט קומען אין חדר און געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק.

נאָר פּעטש זיינען פּעטש און קעלבל איז קעלבל. די גמרא ליגט פאַר מיר אָפן און ס'קוקט אַרויס פון דאָרט, ס'דרייט זיך מיר פאַר די אויגן — קעלבל. עס קריכט, קריכט מיר אין קאָפּ אַ מאָרדעטשקע, אַ שיינס, אַ געטאָקטס, אויערלאַך קליינטשקע, אויפגעשטעלטע, אַ קעפּעלע, אַ העלדזעלע. דער רבי קנעלט, מרי־קעט מיט אַ גמרא־ניגון און מיר אין די אויערן מעקעט די קו

וועגן חיות

נאכן קעלבל. דער רבי טוט זיך א הויב פונם ביינקל — דאס קעלבל א הויב אויף די פיסלאך; דער רבי שטרעקט אוים די האנט — דעם קעלבל פארדייסט זיך דאס עקל: האץ־האץ־האץ — און ס'פליט א פאטש! — — —

גע־פייגערט די בהמה

ס'איז א ווינטער־נאכט. א פראסט מיט א ווינט. א פראסט א ברענענדיקער, א ווינט א שטורעמדיקער; ס'בלאזט, פייפט, ריפ־סקריפ, ווי אויף א חתונה פון טויזנט רוחות; ס'שפרינגען, טאנצן זיילן שניי, דרייענדיק זיך משוגענערווייז איבער די גאסן. ס'קנאקן, טראסקען דעכער, ס'היילט, ווייעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבן אין די פענצטער. אויף דער גאס קיין לעבעדיקע באשעפעניש, ניט איין אידישע בהמה, אלע ווי אויסגע־רוימט און וועלכע זיינען פארבליבן דא, ליגן באגראבן, אז אד־און־ווי צו זיי, טיף איבער די אויערן אין שניי. — — —

אויף מארגן גאנץ פרי האט מיך אויפגעוועקט פונם שלאף א ביטער געשריי, א יאמער, א קלאג, ווי מען באוויינט א טויטן.

דאס וויינט, שרייט די מאמע. וואס איז? געפייגערט די בהמה! דאס הויזגעזינט איז פאראומערט, אין שטוב הערשט א טרויער, אפילו דער האן שטייט אראפגעלאזט דעם קאפ, ניט ארויסגעפירט די הינער זיינע פון אונטער דעם אויוון האר־פערדיק, קוממיות, ווי תמיד. איינע פון די הינער מיט אן איי פארעט, קוואקעט, זוכט אן ארט, וויל זיך לייגן און ניטא ווער זאל זי איבערדעקן מיט דער זיפ, ווי געוויינטלאך. נאך איינע פליט ארוים פון אונטער דער בעט, הענדום־פענדום, אויף א ביינקל מיט א פארריסן קעפעלע, זייער שטאלץ, אין איין קול: „מזל־טוב מיר מיט אן איי, זיך שוין געלייגט אין א גוטער שעה!" און דער שיינער מאן, דער האן, זאל זיך עס אויף איר באטש אומר קוקן, צוגיין, ווי דער שטייגער איז, ארונטערנעמען זי אונטער די פליגלאך, קוצעניו־מוצעניו פאר אזא גוטער בשורה. קיינעם איז ניט אין קאפ, אלע שטייען פאראומערט, ווייבער, שכנות אויך אינדערמיט. די מאמע איז מספיד פאר זיי די בהמה, דערציילט אירע שבחים, איר קעז און פוטער, וואס איך וויניקסטנס האב

קליין־מענדעלע

עס אין די אויגן ניט געזען, נאך מעלות אזעלכע, אלדאס גוטס, פון וועלכע — א חידוש, כ'לעבן! — איך האב פריער גארניט געוואוסט, און לאזט אוים מיט א וויינענדיקן ניגון, אז דאס איז זי געפיינערט פאר אונדזערע זינד.

— „הערט א מעשה — זאגט זי, פארגלאצנדיק די אויגן צו דער סטעליע — הערט וואס פאר א גאט מיר האבן! היינט גאנץ פרי, כלחוד־השור, אט די טיר אטא, פון דער שטוב אין דעם הויז, עפן איך. גיי איך, ווי א באלעבאסטע, מעלקן פרי, אריין. דאס מעלק־שעפל אין דער האנט, שטרוי צו פרעסן האט דער באקאנטער נוי נאך ניט געבראכט. פארגעסן. א פראסט — א שרעק. צייט מעלקן. רוף איך: מאין־מאין־מאין! זי רופט זיך ניט אפ. גיי איך שוין צו נאענט, אביסל מיט פארדראס, טראכטנדיק ביי מיר: סטערווא! וויל איך מעלקן — הע־הע, איז זי פארשאטן מיט שנײ אריינטראגנדיק זיך באנאכט דורך די שפארונעס. די האר פארפרוירן ווי סטרעמפלס אויף דעם רוקן, שטעל איך אוועק דאס מעלקשעפל, נעם א בעזים, נעם, שאר־שאר דעם שנײ, און זי, די שפלה, זאל זיך עם כאטש רירן. איך גיב א קוק — אוי, א דונער האט מיך ניט דערשלאגן, זי איז טויט! ס'טייטש, וואס הייסט? פאר ווען, פאר וואס? פון דער העלער הויט? ניט צום פאר־שטיין. פאלט מיר פלוצלונג איין: אוי, א ווייטיק א גרויסער, א ווייטיק מיינע שונאים! איר הערט, מיר האבן פארגעסן די סעודה, מאכן נעכטן ווי אלע יאר „תוספות יום־טוב!" מיין יחוס איז עפעס א קאטאוועס. פונם תוספות יום־טובס משפחה שטאם איך. אין דער מגילה זיינער אויף דעם נס, וואס אים איז געשעען, האט דער גרויסער צדיק, עליו השלום, באשווארן זיינע קינדס־קינדס־קינדער, זיי זאלן אין חודש אדר, נעכטן הייסט עס, מאכן א סעודה, ווי פורים. ווער אימיצער ניט מקיים זיין, זאל זיך אים טרעפן אן אומגליק. אט האט איר טאקע, איר הערט, דאס אומ־גליק. דעריבער טאקע איז די בהמה, סאנצעלאמעס, די כפרה געווארן. וואס דען? גאר פלוצלונג ערשט נאכן קעלבן זיך, פיי־נערט עס א בהמה!" — — —

„ספר הבהמות"

ווענן פאַרשיידנס:

אַלטקייט

אַלטקייט איז אַן עבירה שוין דערפֿאַר וואָס ס'איז אַ ל ט.

„ספר הבהמות"

אַליין

אַז מ'נעמט ניט אַליין אויף דער וועלט, האָט מען טאַקע ניט...

„די טאַקסע"

אמת

ווען נאָר אמת און גערעכטיקייט זאָלן גילטן, וואָלט מען פאַר־שפּאָרט צו פאַרזוכן דעם טעם פון רחמנות...

„די קליאַטשע"

אמת איז נאָר אַ ווערטל, וואָס איטלאַכער פאַרשטייט עס אויף זיין גאַנג, אויף אַזאַ אופן ווי אים טויג, ווי ס'פּאַסט אים צום ענין.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אַרבעט

מיט אַרבעט וועסטו קיין סך ניט פאַרדינען.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אַרבעטן — אַרבעטן דאַרף — — — די געמיינע פערד. זיי אַקערן די פעלדער, פירן וואַסער און האָלץ, שלעפּן, טראָגן משא און טוען אַלצדינג אין דער באַלעבאַטישקייט. די איידעלע פערד אַקעגן פירן זיך אַ גליקלאַך לעבן אין שטאַל, לעבן היי און האָבער, פאָרן זיך אַמאָל אַרוים שפּאַצירן מיט זייער פּריץ, הויבן פּיסלאַך און שטאָלצירן מיט זייער פעט בייכל...

„די קליאַטשע"

אַ בייזער בליק

אַ בייזער בליק דערשרעקט אַמאָל אַסך מער ווי הונדערט פּעטש!

„עלטערן און קינדער"

קליין־מענדעלע

בראָנפן

יארצייט אדער תיקון־בראָנפן, סיום־בראָנפן, ראש־חודש־בראָנפן, קידוש־לבנה־בראָנפן, ל״ג־בעומר־בראָנפן, שהי־פּהי־בראָנפן און גלאַט אַזוי זיך ב ר אָ נ פ ן ...

„ספר הגלגולים"

ברויט

אַלצדינג איז גוט מיט ברויט ...

„דאָס קליינע מענטשעלע"

אַז מ'האָט ברויט, וויל מען קוילעטש ...

„פישקע דער קרומער"

געלט

געלט איז פאַר דעם מענטשן דער בעסטער מליץ־יושר. ..

„די אַלטע מעשה"

הונגער

אַ מין ליידן, ווי ברענעדיקע פאַמעלאַד אַז אַז אויפהער אויפן שטילן פייער ...

„די אַנטדעקונג פון וואָלין"

די וועלט

די גאַנצע וועלט איז אַ מאַרק, איטלעכער זוכט מציאות, איינער ביים אַנדערן אָפּצורייסן; איטלעכער וויל, יענער זאָל פאַרלירן און ער זאָל געפינען; איטלעכער מיינט קודם־כל ז י ך און ערשט דערנאָך, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן כאַפּן אַזוי מציאות און צו מאַכן אַ גליק, ערשט דענסטמאָל, אַז ס'קריכט אים שוין פונם האַלדז, מיינט ער — ווייטער טאַקע ז י ך ...

„דאָס קליינע מענטשעלע"

די וועלט באַשטייט פון צוויי צדדים: פון שטאַרקע און פון שלאַפע, פון וועלף, חיות רעות, און פון שאָף, בהמות טהורות — די נעמען און יענע גיבן דאָס הייטל. אַנדערש קען עס גאָרניט זיין, ביים איבער די יוצרות, וועט אויסקומען פונקט דאָס אייגענע. לאָז דער שלאַפער, אַשטייגער, נאָר באַקומען כוח, הע־הע!

װעגן פֿאַרשײדנס

שװימט ער אַרױף פֿון אױבן, װערט ער דער פּריץ און צעפּירט זיך די הענטלאַך: לאָז דאָס שעפּעלע דערטאַפּן נעגל און ציין, װעט עס שטאַרק קראַצן, שאַרפֿן די ציין און אַראָפּציען די הױט.

„דאָס קלײנע מענטשעלע“

פּראָװוס, שטעלט זיך, אַשטײגער, מיט אַ שטריק אױף דער גאַס, לאָזט קײנעם ניט דורך, ביז מ'זאָל באַצאָלן, װעט איטלעכער געבן געלט, אַפֿילו ניט אַ װאָרט איבערצורײדן. אײנער אפֿשר װעט זיך שטעלן אָפּדינגען אַ קאָפּיקע...

„די טאַקסע“

די װעלט איז בטבע אַ קינד, װאָס האָט ליב זיך צו האַלטן נאָר אין דער מאַמעס פֿאַרטוך, ניט אָפּצוטרעטן פֿון איר אױף אַ האָר, װאָס האָט ליב אַלץ די אַלטע נאַרישע מעשיות, װעלכע די ניאַנ־קעס און אַלטע באָבעס חזרן זײ איבער הונדערט מאָל אין טאָג; װאָס מײנט, אַז בעסערס פֿון זײנע שפּילכלאַך איז טאַקע גאָר ניטאָ, אינדרינען שטעקט די גאַנצע חכמות, װאָס קען נאָר זײן, און אַז דער באַהעלפֿער קומט אים נעמען אין חדר אַרײן אױסצור־לערנען אים עפּעס, שרײט ער גװאַלד, גלײך װי מען װאָלט אים דאָ געקױלעט. די װעלט האָט ליב צו לעבן אַזױװי זי איז געװאױנט, עפּעס אַ נײַס קומט איר אױס משונה־װילד, זי שרײט דערױף מעשים און זידלט, מאַכט מיט דער בלאָטע גלײך דעם, װאָס טראַכט אַזױנס אױס. ערשט דערנאָך, אַז דאָס נײַס איז שױן נולד געװאָרן, ס'האָט זיך אײנגעלעבט און װײַזט באַשײנפּערלאַך אַרױס דעם גרױסן נוצן װאָס אין אים ליגט, ערשט דענסטמאָל כאַפּט מען זיך אין דעם שטאַרק אָן, מ'האָט דערפֿון גרױס הנאה און פֿאַרגעסט כּלל יענעם, װאָס האָט עס מיט נױט־שװײס ממציא געװען...

„מסעות בנימין השלישי“

קליין־מענדעלע

זכרון א קיילעכדיק בייכל, עזות און געלט נעמען צו דעם זכרון.
„שלמה ר' חיימס"

אלע פארגעסן זיך. ווער ס'האט די בייטש אין האנט שמייסט. גיט צו געדיינקען, אז ערשט נעכטן האט ער מיט זיין כבוד אליין פון דער אייגענער בייטש טאקע געכאפט שמיץ.
„שלמה ר' חיימס"

חברה א מענטש איז בטבע א חברה־מאן... איינייגעם מיט חברה איז תמיד גוט. ס'איז דא אי כיבוד, אי צוליב־זאכן: דו מיר... פארשטייסטו מיך, און איך דיר... פארשטייסטו מיך. הכלל, דערלייגן דערלייגט מען ניט...
„ספר הבהמות"

חלום אויך אין חלום האט דער מענטש הנאה.
„יודל"

טיטול א ליאדע חדר־אינגל גיט היינט וועמען ער וויל דעם גרעסטן, דעם ווילדסטן, דעם מוראדיקסטן טיטול. פאר אט די יונגע צוצי־קעס איז קיין זאך ניט שווער...
„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"

טרייסטן מנחם זיין, טרייסטן, איז דאך א מצוה און קאסטן קאסט זי קיין גראשן, טא ווער־זשע זאל ניט וועלן זי מקיים זיין?
„מיין לעבן"

דער טויט דער טויט גלייכט אויס קליין און גרויס, מענטש און בהמה...
„מיין לעבן"

יושר יושר איז א גומעלאסטיק, וואס לאזט זיך ציען ווי מ'וויל...
„דאס קליינע מענטשעלע"

וועגן פאַרשיידנס

יונגעלייט

עס טראָגט זיי אונטער דאָס מינדסטע פּיצל עוולה, זיי ווערן אש־להבה, ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער, נעמען זיך אין קאָפּ אַריין זאַכן און מיינען דערמיט, אַז זיי ווילן די גאַנצע וועלט איי־בערשטעלן... דערנאָך, אַז זיי ווערן אַביסל עלטער, קומען אין דער וועלט, הויבן אָן צו פילן דאגת־פּרנסה, דענסטמאָל לאָזן זיי אַראָפּ די נאָז, ס׳נעמט זיי אָפּ דאָס לשון און חוץ זייער אייגענעם אינטערעס גייט זיי ווייטער קיין שום זאַך ניט אָן. — — — דאָס איז שוין על פי דרך הטבע אי ביי מענטשן, אי ביי בהמות. קוק, אשטייגער, אָן אַ מינדסטע קעלבל, ווי אַזוי שטאַרק זי דריגעט מיט די פיסלאַך, ווי אַזוי שטאַרק זי פאָרריסט דעם עק און שפּרינגט. גאָר אַ מחבל. קוק זשע אָבער דאָס אייגענע קעלבל טאַקע אַן שפּעטער, ווען עס ווערט אַן אָקס, ווי שטיל ס׳איז, ווי ס׳גייט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין דעם יאָך. וואָס מאַכט עס אויס? אימ־לאַבער, כ׳לעבן, ווערט שפּעטער אַן אָקס...

„די קליאַטשע"

דער לוח

דער לוח טרעפט היינטיקס יאָר זייער גוט.

„דער פּריזיוו"

ליבע

אַ שריפה, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן פון מאַטעריאַל, מנושמדיקע זאַכן, עס ברענט, עס קנאַקט ביז פונם מאַטעריאַל ווערט האַלאָוועשקעס און דאָס פייער לאָזט זיך אויס מיט אַ טשאַד. אַ רויך...

„שלמה ר׳ חיימס"

רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס זיין פּאַרליאַפּעט? עפּעס האָב איך געהערט, ס׳טרעפט זיך אַמאָל אַזעלכעס, נאָר וואָס דאָס איז האָט מיין מוח ניט געקומען. ביי אונדז פלעגט מען אויף אַזעלכע זאַכן געוויינטלאַך זאָגן: ס׳איז אַן אָפּגעטאָנענע זאַך, אַ כישוף, עפּעס אַזאַ מין פלעשעלע איז דאָ דערצו, עפּעס אַ מין קרייטעכץ פון אַן אַלטע גויע, אַ מכשפהטע. — — — פּאַרליאַ־פּעט זיין האָט ביי אונדז געהייסן עפּעס אַזאַ מין שלאָפקייט, ווי

קליין־מענדעלע

קרחת, אשטייגער, א דיבוק, א מאנקאליע, די ניכפע — — — ביי א שמועס דערפון פלעגט מען זיבן מאל אויסשפייען, אננעמענ־דיק זיך ביי די ברעמען, און מאכן דערביי מיט א פארקרימט פנימל: „נים דא געדאכט, נים פאר קיין אידישע קינדער געדאכט!“... אויך איז א מצוה געווען צו לאכן אוים יענע פארליאפעטע, ווי דער שטייגער איז צו לאכן אוים א משוגענעם. אזא שלאפקיים אבער, גערדיינק איך, ווען עס האט זיך געמאכט, האט זיך עס גע־מאכט סיידן נאר ביי די גרויסע נגידים, אדער ביי די גרויסע קבצנים. אין באלעבאטישן גראד אקעגן האט מען נים געוואוסט אפילו מים וואס מ׳עסט עס. — — — גרויסע נגידים איז אויף דער וועלט צו־גוט, האבן אלצדינג, עסן, טרינקען דאס טייערסטע, דאס בעסטע, אן קאפדרייעניש, ס׳גייט זיי אפ נאר קרחת — דע־ריבער ליגט זיי אינזינען צו מאכן קוצעניו־מוצעניו. ערנסט אדער גלאט אזוי א שפילכן? דאס איז שוין זייער סוד. ווידער־זשע די גרויסע קבצנים פון דער אנדערער זייט, זיי איז אויך, אויף זייער שטייגער, גוט. האבן גארנים, קרחת וואס איינצושטעלן, עסן קעסט ביי דער וועלט, אן קאפדרערניש, און קומען אויפן גרייטן. בושה אין דער זייט! דעריבער גלוסט זיך זיי אויך אזעלכע מעשיות.— — — דער איבעריקער עולם אונדזערער, פונם מיטעלן סארט מענטשן, איז תמיד פארטראגן אין דייזשע בארשט. אים דארט דער קאפ פאר דעם שטיקל ברויט, זוכט פרנסה. ביי אים איז ראשית חכמה נעשעפט! אלצדינג — געשעפט. חתונה האבן איז אויך א גע־שעפט. ער האנדלט איין א ווייב, דינגט זיך פריער גוט אוים, וועגן דעם מקח, וועגן נדן, וועגן איטלאכס פיצעלע באזונדער, אלצ־דינג פינקטלאך אויסגערעכנט. אפילו א שטריימל און די שבתדיקע קאפאטע מוז אויך שטיין אין די תנאים. זיינען די תנאים דערפילט געווארן כפי דעם מדובר, קום זשע, כלה־לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, מיט דעם ברחן, מיט דעם גאנצן פעקל כלי־קודש, וואס לעקן פונם געשעפט אפ א ביינדל. זיי א ווייב, האב קינדער, דיים קריעה און ווער פארשווארצט מיט מיר איניינעם ביז הונדערט און צוואנציק יאר. — — — שטארבט ביי איינעם דאס ווייב,

וועגן פאַרשיידנס

באַגראָבט ער זי, זיצט נאָך איר שבעה גאַנץ אידישלאַך און האַנדלט באַלד טאַקע איין אַ צווייטע פריער נאָך, אַמאָל, פאַר שלושים... — — — הייסן הייסט עס ביי אידן די גאַנצע התונה, מקיים זיין אַ מצוה, ווי גאָט האָט געבאָטן...

„פישקע דער קרומער"

לאַפּטיעס

שיך אַזוינע, געפלאָכטענע פון אַ ווייכער קאָרע, מיט לאַנגע שנירלאַך, וואָס דרייען זיך ווי רצועות, אַרום לייוונטענע שמאַטעס אויף די פיס ביז די קניעס — דאָס טראָגן אין ליטא פויערן, פון גראָבן עולם. אַ אידן, דעם גרעסטן אָרעמאַן אפילו, קומט גאָר אויפן געדאַנק ניט אָנטאָן לאַפּטיעס, פונקט ניט ווי עסן חזיר, אָדער טראָגן שעטנז. ער וועט גיין בעסער מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, אָדער באָרוועס ווינטער אין דעם גרעסטן פראָסט, איידער איינוויקלען מיט „פאַסטעלעס" די פיס און דערויף אָנטאָן לאַפּטיעס. אַ איד אין פאַסטעלעס איז גאַרניט געמאָלט, סיידן אפשר פורים. עפּעס אַ שלאַק, אַ פורים-שפּילער, אָדער אַ בדחן, אַ לץ אַמאָל אויף חתונות.

„שלמה ר' חיימס"

מוסר

מוסר זאָגן איז ווי פאַררייַדן די ציין, ווי אָפּשפּרעכן קדחת, אַזאַ האָפּט האָט עס.

„דאָס ווינטשפינגערל"

מלאך-המות

דער מלאך-המות שעכט און בלייבט גערעכט.

„דאָס קליינע מענטשעלע"

מלחמות

אויף פעלדער, ווייט אַרום און אַרום, ליגן אויסגעשטרעקטע טויטע קערפּערס פון מענטשן אינאיינעם מיט נבלות, געפייגערטע פערד. ביי אַ טייל זיינען אָפּגעריסן די הענט, ביי אַ טייל די פיס, ווידער ביי אַנדערע קריכן אַרויס די געדערים. צווישן זיי, קרימען זיך, צאַפּלען זיך, ניט-טויט, ניט-לעבעדיק, עפּעס מענטשלאַכע געשטאַלטן, מישטיינס געזאָגט. פון וואונדן רינט זיי בלוט, די מיי-

קליין־מענדעלע

לער אָפּן, די אויגן פֿאַרזאָטן און די ליפּן פֿאַרברענט, פֿאַרשמאַכט פֿון דאָרשט. העט דאָרטן טראָגן הינט גאַנצע קעפּ. ראָבן און אַנדערע מיני רויב־פֿויגל באַפֿאַלן די טויטע, פּיקן, פּיקן זיי די אויגן, און רייסן זיי אויס שטיקער פֿלייש... אוי, בלוט! ס'גיסט זיך, רינט בלוט גאַנצע טייכן, פֿון וועלכע ס'זעצט אַ הייסע פּאַרע, וואָס גייט אַרויף ביז צו די וואָלקנס. — — — הינט לעקן בלוט — און מענטשן... אוי, מענטשן, מענטשן עפּעס אַזוינע, באַפֿאַלן ווי די הינט דאָרט זייערע טויטע ברידער, באַזוכן זיי, באַגנבענען און באַרייסן זיי, אָן אַ פּיצל געפֿיל פֿון מענטשלאַכקייט, פֿון רחמנות. איינער דאָרטן, אַ פֿאַרוואונדעטער, קוים וואָס ער זשיפּעט, עפֿנט דאָס מויל, שטרעקט אויס די האַנט, לעכצנדיק נעבאַך נאָך וואַסער. און יענע פֿאַרשווינען שלעפּן אים, באַטאַפּן אים און נעמען צו אַלצדינג, וואָס געפֿינט זיך ביי אים, קוקנדיק אויף אים מיט קאַלטע לעבער.

„די קליאַטשע“

מענטשן

דאָס מענטשל, ווי איר קוקט אים אָן, האָט אין זיך אַלע מיני ברואים און באַשעפֿעניש. איר געפֿינט אין אים אַלערליי ווילדע חיות, אויך פֿאַרשיידענע מיני בהמות; איר געפֿיט אין אים אַ יאַשטשערקע, אַ פּיאַווקע, אַ שפּאַנישפֿליג, אַ פֿריים וכדומה אַזעלכע שלעק, אַזעלכע מיני שרצים; איר געפֿינט אין אים אפֿילו אויך אַ רוח, אַ שוואַרציאַר, אַ שטן, אַ מקטרג, אַ לץ, שונא ישראל, וכדומה אַזעלכע מזיקים, מחבלים, אַנשיקענישן; איר זעט אין אים אויך וואונדערלאַכע סצענעס: ווי אַ קאַץ, אַשטייגער, שפּילט זיך מיט דער מויז; ווי אַ טכויר כאַפּט זיך אַריין אין אַ שטייג מיט עופֿות און דרייט זיי נעבאַך אָפּ די קעפּ; ווי מאַלפּעס קרימען יענעם נאָך אַלצדינג, וואָס ער טוט; ווי אַ הונט סלוזשעט, דרייט דעם ווידל פֿאַר איטלאַכן, וואָס וואַרפֿט אים אונטער אַ שטיקל ברויט; ווי אַ שפּין פֿאַרנאַרט צו זיך אַ פֿליג, פֿאַרפּלאָנטעט, פֿאַרשפּאַרט זי און נאָגט זי אויס; ווי קאָמאַרן פֿליען אימיצן נאָך און זשוזשען אים אַן פֿולע אויערן, וכדומה — — —

„די קליאַטשע“

וועגן פאַרשיידנס

אפילו א גרעזעלע קריכט ניט ארויס פון דער ערד, ביזוואַנען א מלאך שלאָגט עס ניט און זאָגט: וואַקס! קריך ארויס! מכּל־שכּן א מענטש, ער האָט אוודאי א מלאך, וואָס שלאָגט אים און זאָגט: גיי, קריך ארויס! און מכּל־שכּן נאָך מער די פיינע מענטשעלאַך, שיינע אידעלאַך. — קיין נאַר כאַפּט זיך, פריער פון איטלאַכן, ניט ארויס מיט א וואָרט, ביי אונדז; קיין שוטה ווערט ניט קיין בעל־עצה, קיין עם־הארץ — א חסיד, קיין גראָבער־יונג — א משכּיל — ביזוואַנען עס שלאָגט ניט איטלאַכן פון זיי זיין מלאך, נויטנדיק אים דערצו. ס'שלאָגן די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונדזערע, זאָגנדיק: וואַקסט קבצנים, אביונים, דלפנים, געבוירענע, אפּגעקומענע, אפּענע, פאַרבאָרגענע, שפּראָצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּיווע!

„מסעות בנימין השלישי"

מענטשן האָבן איין פּאָטער, אי דער איד, דער טערק און טאַטער.

„יודל"

משקה משקה נעממט צו דאָס געלט, דעם שכל און דאָס הארץ.

„דאָס ווינטשפינגערל"

מְשרתים כּמעט אַלע משרתים זיינען חשובים, און כּמעט אַלע חשובים זיינען מ ש ר ת י ם ...

„דאָס קליינע מענטשעלע"

נחש תיבה אין דער תיבה זיצן אַלערליי באַשעפענישן, אומריינע בהמות אייניינעם מיט ריינע, חיות קליינע און גרויסע, שרצים פאַרשיידענע גאָר אַז א צאַל, א קו מיט א בער, א וואָלף מיט א שאָף, א טיגער מיט א צוקעלע זיינען געוואָרן נפש אחת, לעבן אין שלום, קרימען ניט איינס דעם אנדערן א האָר. צרת רבים האָט געמאַכט אַלע גלייך, עפּעס האָט מען גאָר פאַרגעסן אַלע רייסעניש, אַלע מחלוקת. ביי

קליין־מענדעלע

נחן מיט די זין איז אויך שלום ושלוה. שם, מיט א היפשער נאז, קיין עין־הרע, מיט א לאנגער צוויי־שפיצעכדיקער באָרד ביז אי־בערן גארטל, מיט געקרייזלטע פּיאותלאך, איז אנגעטאן אין א לאנ־גער חסידישער קאפּאטע — א פאַרגעניגן צו קוקן. ער זיצט זיך אין קאנטאר איבער דעם גרויסן קאסע־בוך און ציילט און חשבונט ווי א סוחר — א קאטאוועס, מ׳מוז פאַרגרייטן עסנוואַרג — פּראוויזיע בלע״ז — פאר אזא מחנה בהמות און חיות; חם, א פּראסטער ברודער, מיט א לאנגן טשוב און אן אפּגעברענט פּנים, איז אנגע־טאן אין א שמויסל פּעלצל, צוגעגאַרטלט מיט א רימענעם גארטל, אויף די פּיס פּראסטע לאפּטיעס — ער אַרבעט, האָרעוועט און ברייננט דעם ברודער זיינעם אַלערליי עסנוואַרג, כל המיני תבואות און פּירות, וואס וואַקסן אויף דער ערד, און ווען ער גיט זיי איבער שמן, בויגט ער זיך נאָך און בוקט זיך פאר אים מיט גרויס דרך־ארץ. חם אַרבעט און שם צעטיילט, צעגיט יעדער באַשעפע־ניש, וויפיל זיי דאַרפן האָבן. און אויף א ווייכן דיוואן, פאַרפּוצט ווי א פּרינץ ליגט זיך יפת, א רואיקער, א לויטערער, מיט א טייערן ציגאַר אין די ציין. ער גלעט זיך די וואָנצעס, שמייכלט צופרידן, און אמאל קוקט ער אויף שמען מיט שפּאָט און פאַראַכ־טונג, ווי אויף א מעקלער, א נידעריקע בריאה, און אן אַנדערס מאָל זינגט ער אים שירות ותשבחות: סטייטש, אז אים וואָלט זיין באַלעבאַטישקייט גאַרניט געקענט האָבן קיין קיום, ווען ניט ער, וואו וואָלט ער גענומען א כוסע.

„בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה“

ניסים

די טבע פון א מענטשן, אין א עת־צרה הויבט ער אן צו האָפן אויף ניסים.

„אין א שטורעם צייט“

סאלדאטן

מענטשן, ווי דער שטייגער איז, איז דאָך קאָרג די וועלט, קריגט מען זיך, שלאָגט מען זיך, איינער אויפן אַנדערן וויל גע־וועלטיקן, דער יענעם וויל איינשלינגען, באַדאַרף מען דעריבער האָבן אַזוינע, אויף צו שיצן זיך פאַרן שונא, מיט אַלע קליפּערנע־

וועגן פאַרשיידנס

צייג. — — — קינדער האָט הינדע מגדל געווען מיט פיל מי, מיט צער, פאַרבראַכט אויף זיי, אין צרות, טאָג מיט נאַכט און — קוים אויסגעהאָדעוועט, נעמט מען זיי ביי איר אַוועק. ניט קיין מאַמע איז זי, ניט קיין רעכט אויף אירע קינדער האָט זי, נאָר אַ דינסט איז זי—דעם מלאך־המותס און דעם עולמס. געבוירן זיי האָט ז י, די מי אויסצוהאָדעווען זיי — האָט געהאַט ז י, קומט מען דערנאָך צום פאַרטיקן און מ׳נעמט זיי צו.

„די קליאַטשע“

סימנים

איז אַ מענטשן באַשערט אַן אומגליק, העלפן אים ניט קיין גוטע ס י מ נ י ם אויך...

„פישקע דער קרומער“

צדקה

צדקה אויף כ ל ל ־ ז א כ ן האָט מעלות — ס׳איז מסוגל צו אַ נאָמען, צו אַ טיטול, מ׳ליגט אין מויל פון אַ רבים, אַפילו ביי אַזעלכע. וואָס זיי איז דערפון ניט קאַלט ניט וואַרעם.

„מיין לעבן“

ציוויליזאַציע

רויכערן גרויסע, הויכע קוימענס פון טויזנטערליי פאַבריקן, פאַבריקן פון האַרמאַטן, ביקסן און כל־המיני אַנדערע כלי־זיין אויף צו מאַכן דעם טויט; פאַבריקן, מער וויפיל מ׳באַדאַרף, אויף צו פעלשן אין לעבן נויטיקע זאַכן, און אויך פאַבריקן אַזוינע אויף צו מאַכן שמאַכטעס, וואָס עפּעס ניט אַזוי שטאַרק נויטיק אין לעבן אריין; פאַבריקן פון כלים און מאַשינען, צו פאַרשפּאָרן מענטשנס הענט, פאַרוואָלוועלערן זייער אַרבעט און צונעמען ביי אַ סך די פּרנסה; פאַבריקן פון אַזעלכע מיני המצאות, ווי צו פאַרקירצן אָרט און צייט און דורכדעם צו פאַרקירצן זייער אָפּט טאַקע דעם מענטשנס יאָרן; פאַבריקן צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אין דער וועלט, גיך און געשווינט, זייער פיל נאַרישקייטן — ליגנס, רכילות, בלבולים, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, שנאה—סנאה. — — — די אַלע קוימענס פון די גוזמא־גוזמאות־פאַבריקן — דאָס

קליין־מענדעלע

זיינען מזבחות, וואו ס'רויכערט זיך לכבוד גאָלדענעם קאַלב, דעם גאָט פון ספּעקולאַציעס, שווינדל, פּראָיעקטן און געלט. דער־ראַזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פון אָרט די געפילן און פאַרוואַנדלט אַלצדינג אין — סחורה! ליבע, פריינט־שאַפט, פרומקייט, גלויבן, צדקה און דעסגלייכן — אויך סחורה!

„די קליאַטשע"

היינט נעמט איינער ביי דעם אַנדערן אַרויס דאָס לעבן זייער גרינג, גיך און באַלד, מיט גוטע ביקסלאַך און קלוגע המצאות, וואָס דער באַרעמהאַרציקער דור האָט, לטובה פאַר די מענטשן, אויס־געטראַכט!

„די קליאַטשע"

קלימאַט

אין אונדזערע צייטן האָט בכלל עפּעס דער קלימאַט זיך גע־ענדערט, עפּעס אַ פאַרדרייטער, אַ משוגענער וועטער, אַזוי ווי די פּאַפּירן אויף דער בערזע, וואָס הויבן זיך און פאַלן צען מאָל אַ טאָג, און אַזוי ווי דער היינטיקער דור אינגאַנצן, מישטיינס געזאָגט.

„שלמה ר' חיימס"

רחמנות

רחמנות האָבן אויסגעטראַכט נאָר שלאַפע...

„דאָס קליינע מענטשעלע"

ריידן

ריידן ריכטיק, איז זייער וויכטיק.

„יודל"

רעוואָלו־ציע

אויב מ'וויל העלפן די מענטשן און אַרויספירן זיי אויף דעם רעכטן וועג, איז קיין אַנדער מיטל ניטאָ, נאָר אויפפלאַנטערן דאָס קניפל און עוקר זיין דאָס שלעכטס מן השורש.

„די טאַקסע"

שדכן

אַ מענטש, וואָס זאָגט ניט קיין ליגן, קען קיין שדכן ניט זיין.

„עלטערן און קינדער"

וועגן פאַרשיידנס

שווייגן

שווייגן מאַכט זיך געוויינטלעך אָפּט אין אַ געזעלשאַפט, ווען ס'קומט אַ נייער פאַרשויז. אין דעם שווייגן הערט זיך אַ שטיל בילן פונם בייזן הונט, וואָס ליגט אינעווייניק אין אונדז מענטשן. דאָס באַדייט: חשד, ניט־צופרידנקייט, פיינטשאַפט, אַן אַנצוהער־רעניש יענעם אויפן וואונק: טראָגט זיך, פעטער, צו אַלדע רוחות און לאָז מען פון אייך פּטור ווערן. גוטהאַרציק באַגעגענען איינע די אַנדערע נאָר די בהמות. אַ בהמה, אַשטייגער, שטייט זיך ביים צעבער. קומט אָן אַ צווייטע און שטעקט אַריין דעם קאָפּ אַהין אין צעבער — מילא, גאָרניט, שטייען זיי ביידע און עסן רואיק, גאָר פריינטלעך. וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן? וואָרים דערויף איז זי דאָך אַ בהמה, אַ גראָבע, אַ נידעריקע באַשעפעניש אָן פאַר־שטאַנד...

„שלמה ר' חיימס"

די שטאָט

די שטאָט מיט איר טומל, מיט איר גערויש. עפעס אַ מרה־שחורה, אַ חושך ליגט אויף איר. די זון, די לבנה — עפעס נאָר ווי בגנבה כאַפּן זיי זיך אַריין צו לייכטן דאָרט — די מויערן מיט די ענגע שמאָלע געסלאַך פאַרשטעלן פאַר זיי דעם וועג.

„די קליאַטשע'

פונוואַנען קומען עס אָט די אַלע גרויסע שטעט? מענטשן זאָלן זיך צונויפשטיקן אין איין אָרט און ליגן איינער איבער דעם אַנדערן, גלייך ווי די וועלט איז ווייניק און ניטאָ מער קיין ערד! ס'מוז דאָך אוודאי דרינען עפעס זיין, וואָס מענטשן דערווייטערן זיך פון דער ערד און ווילן אַלץ פליען אין הימל, אין די הויכע, הויכע פענצטער...

„מסעות בנימין השלישי"

קליינשטעטלדיקע פיס, וואָס ווייסן, נעבאַך, ניט פון קיין פאַדלאָגע צו זאָגן, אפילו אין שטוב; וואָס קריכן, נעבאַך, ווי די חזירים אין בלאָטע, וואָס זייערע באַלעבאַטים שטעקן זיי, גייענ־

קליין־מענדעלע

דיק, טיף אהינצו אריין און דראַלן מיט זיי, פּראָסטע־מאָסטע, גאָר אָן שום מלאכות, — אַזעלכע פיס מוזן באמת מבולבל ווערן, ווי די שיכורע, אַז זיי דערפילן פּלוצלונג אונטער זיך אַ בריק פון שטיינער, און מוזן, פאַר גרויס כבוד, אונטערשפּרינגען און ניט וויסן אַ צייט זיך וואוהינצוטאָן.. פרישע, ערשט־אָנגעקומענע, קליינ־שטעטלדיקע פיס וועט איר באַלד דערקענען אויף די אויסגעברוקירטע גאַסן אין די גרויסע שטעט.

„מסעות בנימין השלישי"

מיידלאַך אין נייע גראָבע שיך און זאָקן, אין נייע סיצענע קליידלאַך פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט גרויסע, רויטע קווייטן. גלאָצן אויס גרויסע קעלבערנע אויגן, אַ פינגערל אין דעם מויל — און קוקן. אינגלאַך אין כאַלאַטלאַך אין נייע קנאַקנדיקע לייבסער־דאַקלאַך אין לייוונטענע פּלידערלאַך, בלאָזן זיך, שעמען זיך, קאַלופּען די נאָז — און שיסן פּלוצלונג אויס, אין קולאַק, אַ גע־לעכטער, ווישנדיק בשעת־מעשה טאַקע מיט דעם אַרבל, מיט דער פּאָלע — די נאָז, מחילה. היינט דאָס ריידן זייערס, דאָס עסן, איז אויך עפּעס אומגעלומפּערט — דאַכט זיך גערעדט און ס'איז עפּעס גאָר געבעבעט, דאַכט זיך געגעסן און ס'איז גאָר עפּעס געפּרעסן. אַ קייען אביסל, מישטיינס געזאָגט, אַ מאַכן מיט די באַקן, אַ זופּן מיט אַ הילוך! דאָס אייגענע פּנים, דאַכט זיך, דאָס אייגענע פליייש און פּאַרט עפּעס ניט אַזוי ווי ביי שטאָטלייט — ס'שמעקט עפּעס מיט דאָרף...

„שלמה ר' חיימס"

שאָדן

במעט איטלאַכער טוט אָן שאָדן. קיינער במעט איז ניט ריין פון דעם פעלער, אפילו יענער, וואָס שרייט דערויף גוואַלד. ביי הייַנטיקער פּירונג, אין דער גאַנצער וועלט אַרום־און־אַרום, איז שאָדן אַזאַ פעלער, אַזאַ זינד, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אויסמעקן, און פאַר־ענטפערט זיך נאָר — — — פאַרדעקט, פאַרהאַנגען מיט צדקה, אָדער נוצן. שמעון דער נגזל, נעבאָך, שרייט: אוי, ראובן שאַדט!

וועגן פאַרשיידנס

יאָ, ענטפערט מען: ראובן מאַכט טאַקע אַביסל קאַליע, אין ברירה. וואָס זאָל ער טאָן? דערפאַר קוק אַבער, ווי ער נוצט ערגעץ אַנדערש!...

„די קליאַטשע"

שמאַטעס

שמאַטעס זיידענע, איידעלע, פון מיוחסים, פיינע בריות אין שטאָט און שמאַטעס גראָבע, שמוציקע פונם פּראָסטן עולם; הויזן, פּליודערן און תחתונים, טלית־קטנם און קאַמזשעלקעס, קאַפּאָטעס און פראַקן, ספּאָדקעס און קאַפּעליושן, איין שמאַטע ניט בעסער פון דער אַנדערער — אַלץ גאַנץ נישקשהדיקע שמאַטעס! ס'איז דאָ, אָן עין־הרע, סחורה, גענוג שמאַטעס, ברוך־השם, אויף דער וועלט...

„דאָס ווינטשפינגערל"

שלימזל־זאַלניקעס

מענטשן אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלייגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, האַרץ און געפילן, נאָר פאַרגעסן אָבער זיי צו געבן איין קלייניקייט — מזל! ביים אַרויסגיין פון גאָטס הענט אַהער אויף דער וועלט האָט זיי דער רוח, ווי אַ קערנדל תבואה, פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ העק, אין אַ וויסט אָרט, וואו ס'איז ניטאָ די אַלע מיטלען, ווי געהעריק איז צו וואַקסן. דער גייסט אין זיי רייסט זיך, זוכט זיך ערגעץ אַן אָרט, וואו צו ווייזן זיך פריי, צעפירן אַביסל די הענט — ביי אַ טייל אָבער ווערט ער, נאָך אַלע אומזיסטע מי, נאָך דעם אויסגליטשן זיך אויף שטיינער אין דעם וועג, אַלץ שוואַכער, און זיי ווערן אינגאַנצן אַפּהענגדיק. זיי ליגן, פוילן, נעמען זיך אַמאָל, פאַר קריינקונג, צו דער משקה, טויגן צו גאָרניט און הייסן ביי דער וועלט טויגעניכצן, פאַרלוירענע מענטשן. ווידער ביי אַ טייל הערט דער גייסט פאָרט טאַקע ניט אויף צו רייסן זיך אַרויס, עפּעס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זיי. ס'איז אַ שטענדיקע קאָכעניש, אַ ראַנגלען זיך, אַן אינעווייניקסטע ניט־צופרידנקייט. — — — זיי כאַפּן זיך צו אַלצדינג, דאָ צו דער, דאָ צו יענער זאַך, נאָר איטלאַכע זאַך קומט אויס עפּעס משונה, עפּעס ווילד, ווי די נאַטור

קליין־מענדעלע

אליין, וואס איז נאך רוי, ניט־באארבעט — דאס זיינען יענע מיני קינסטלער, וואס, ווי די וועלט זאגט: „אין דער האנט הונדערט מלאכות און ווייניק ברכות“.

„שלמה ר׳ חיימס“

שפראך

אט די גוטע מתנה, צו וועלכער דו (מענטש) האסט זוכה גע־ווען, אט זי איז דיר באקאם אויסגעפאלן. דער הונט, אשטייגער, אט דערדאזיקער כלב, וואס בילט אויף דיר דא, פונקט אזוי בילט אויך יענער כלב, זיין חבר, ערגעץ דארט... — — — דער אייזל, וואס אין אונדזערע מקומות, עפנט א מויל און הירזשעט ווי אלע אייזלען אין דער וועלט. דער אייזל, יענער אייזל, וואס מאכט עס אויס, אלציינס. אלע פרעש אין די טייכלאך און די בלאטעס קוואקען גלייך אומעטום אין איין צייט פון מצרים ביז אצינד — און מענטשן זיי זיינען איינע צו די אנדערע פרעמד...

„די קליאטשע“

טייטש־ווערטלאך

אגיל ואשמה — קוילאבדיק און שפיציק...

„די טאקסע"

אדם ובהמה — א מענטש א בהמה, תושיע ד' — העלפט גאט.

„פישקע דער קרומער"

„אויפן הימל א יאריד" — די עולם הבא פאר אידן איז א יאריד!

„פישקע דער קרומער"

אשרי יושבי ביתך — סידי דאמא דא ני ריפאיסא.

„די אלטע מעשה"

בעגלא — א טאפ אין וואגן, ובזמן קריב — און זשיוואַ...

„דער פריזיוו"

המכה בעברתו — שטומפיק אויף דער עברי...

„דאס קליינע מענטשעלע"

וקבצנו יחד — אלע קבצנים אינײנעם.

„דאס ווינטשפינגערל"

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא — אידן האבן — עולם־הבא...

„די אלטע מעשה"

קליין־מענדעלע

כצפיחת בדבש — האניק מיט פעפער און ציבעלעם איניינעם.
„שלמה ר׳ חיימס"

לא המדרש עיקר — ניט דאס לערנען איז די קונץ, דער עיקר איז די מלאכה: דאס שמייסן.
„דאס קליינע מענטשעלע"

מי בחרב ומי בחניקה — ווער דורך בלייענע פייגעלאך און ווער דורך א פיקע...
„דער פריזיוו"

משכון בבית — שלום בקעשענע.
„דער פריזיוו"

ני ראק, ני ריבא — ני מע, ני מו, ני קוקוריקו...
„ספר הגלגולים"

על כן ברך — מיט דעם גלעזל א מאך: פיף־פוף־פאף, ויקדשהו — און געמאכט אים פאר א קדוש און א הענטל...
„דער פריזיוו"

קוממיות, שטעלנדיק זיך דיבאס.
„ספר תבחמות"

אינהאלט:

ביאָגראַפיע

שלום יעקב אבראַמאָוויטש פון יוסף קוצענאָגי (קי״ז) — 3—10

מענדעלע וועגן זיך

מיין נאָמען — 13
מיין געבורט — ״
מיינע יאָרן — ״
מיינע סימנים — 14
מיין פּרנסה — 15
מיין „שוואַכקייט" — 15
צוויי „מענדעלאַך" — 17
מיין טבע — 18
מיין וועלטל — 20

וועגן אידן, זייערע מידות און מנהגים

אונדזער לעבן — 23
די אידישע געשיכטע — 24
וועגן אידן — 25
אידישע מידות — 27
וואָלינער און ליטוואַקעס — 34
„בע" — ״
אידישער חן — 35
„מה שמכם?" — ״
דער אידישער קאָפּ — 36
אידישע קליידונג — 37
א אידיש זיפּצעלע — 38
סליחות — ״
א שאלה — 39
מחדש זיין די לבנה — ״
א סוכה — 41
א שׂרפה — 42
א מרחץ — 43
די השכלה־מגפה — 44
דאָקטוירים — 46
אויפן וואָקזאַל — 48
אין וואַגאָן — ״
אידישע אכסניות — ״
א באַגעגעניש — 49
שכנים — 50
די ישיבה — ״
אין בית־המדרש אונטערן אויוון — 52
אַלטער יקנה״ז — 53
„סענדערל די אידענע" — 54
סטעמפּעניו — 55
שמואל דער טאַנדעטניק — 56

וועגן אידישע שטעט און הייזער

גלופסק — 61
טונעיאדעווקע — 62
א אידישע גאס — 63
אידישע הייזער — 66
א שטוב מיט באלעבאטישקייט — ״
באטאג אין א אידנס שטוב — ״
דעם זיידנס שטוב — 67
א פרימארגן אין שטאט — 70
א זומער־אוונט — ״
שבת באטאג — 72
שבת פארנאכט — 74

וועגן אידישע פרנסות

אידישע פרנסות — 77
מענטשן־מוראשקעס — 78
דער מארק — 79
דער מלמד — ״
א באהעלפער — 80
מוכר־ספרים — 81
שרייבער — ״
„געזעגענען זיך" — 83
ארײנשלעפער — 84
א שידוך — 85

וועגן „שיינע אידן"

שיינע אידן — 89
נגידים — 90
א כל־ולך — ״
כלי־קודש — 91
רבנים — ״
בעל־טובהס — 92
צען געבאט פאר א בעל־טובה — 94
א האנט־געבן — 96
דימענטענע מענטשן — ״
פעטערס — 97
א תלמיד־חכם — ״
איסר ווארגער — ״
אידישע אסיפות — 98
א בעל־שם — 99
דעם בעל־שמס ניסים — ״
א פרוש — 101
אקציזניקעס — ״

וועגן בעל־מלאכהס

בעל־מלאכהס — 107
ביי דער ארבעט — ״
פאלקסלידלאך — 108
הערצל קיילעס — 109
אייזיק דער שמיד — 110
לייזער דער שניידער — 111

וועגן קבצנים

ארעמעלייט — — — — — — — — 115
די טארבע — — — — — — — — 117
די זארגבאנק — — — — — — — — "
דער הקדש — — — — — — — — 118
פישקע דער קרומער — — — — — 120
די הארבאטע — — — — — — — 120
אן ארעמאנס א קינד — — — — — 122
הלכות־ארעמאן — — — — — — "
האלב־דינסטמיידלאך — — — — "

וועגן ווייבער

וועגן ווייבער — — — — — — — 125
רייזע די בעל־אכסניאטע — — 126
איידל — — — — — — — — — "
ווייבערשע מאדעס — — — — — 127
דער שלייער — — — — — — — 127
א בריה א מיידל — — — — — 128
יאכנע סאסיע — — — — — — 129
ווייבערשע נייעס מאם רייד — — 132

וועגן קינדער

וועגן קינדער — — — — — — — 139
בר־מצוה־אינגל — — — — — — "
אן אנטיק — — — — — — — — 140
הערשעלעם קינדער־יארן — — — "
הערשעלע ווערט א „דאקטאר" — 142
הערשעלעס ערשטע נסיעה — — 145
דאס קליינע מענטשעלע — — 148
אפגעגעבן צום חזן — — — — 149
דער עקזאמען — — — — — — 152

גזירות אויף אידן

„שקאלעס" — — — — — — — — 157
א קריזיס — — — — — — — — "
די גזירה פון קליידער — — — 158

אייביקער וואנדערער

שכנים ביי דער וועלט — — — — 165
די אידישע פראגע — — — — — 166
א פאגראם — — — — — — — 167
אויפן בוידעם — — — — — — 168
קאלאניעס — — — — — — — — 168
ערד־ארבעט — — — — — — — 170
ארץ־ישראל — — — — — — — "

וועגן נאַטור

אויפן גרינעם גראָז — 173
גאָט דרויסן — „
הערבסט — 175
ווינטער — 175
דער וואַלד — 176
וועסנע־טעג — 178

וועגן חיות

וועגן בהמות — 181
פערד — „
חזירים — 182
הינט — 182
דאָס קעלבל — „
נעפייגערט די בהמה — 185

וועגן פאַרשיידנס

אַלטקייט — 187
אַליין — „
אמת — „
אַרבעט — „
א בייזער בליק — „
בראָנפן — 188
ברויט — „
געלט — „
הונגער — „
די וועלט — „
זכרון — 190
חברה — „
חלום — „
טיטול — „
טרייסטן — „
דער טויט — „
יושר — „
יונגעלייט — 191
דער לוח — „
ליבע — „
לאַפּטיעס — 193
מוסר — „
מלאך־המות — 193
מלחמות — „
מענטשן — 194
משקה — 195
משרתים — „
נחת תיבה — „
ניסים — 196
סאָלדאַטן — „
סימנים — 197
צדקה — „
ציוויליזאַציע — „
קלימאַט — 198
רחמנות — „
ריידן — „
רעוואָלוציע — „
שדכן — „
שווייגן — 199
די שטאָט — „
שאָדן — 200
שמאַטעס — 201
שלימעזאַלניקעס — „
שפּראַך — 202

טייטשווערטלאַך